STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02300

OYF DI VEGN FUN DER NAYER EYROPEISHER LITERATUR

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראפאפארט

אויף די וועגן פון דער נייער אידיש־ליטעראטור

יידישע אוניווערסאל־ביבליאטעק

ווארשע 1936

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

ערנסט טאָלער

(זיין לעבן און שאַפן)

ווען עס זאָל זיין אַ מאָס צו מעסטן די פאַרהעלטעניש צווישן באַרימטקייט און קינסטלערישן ווערט, וואָלט טאָלערס קונסט באַשטימט נישט געקאָנט באַרעכטיקן זיין באַרימטקייט. טאָלער איז בלי ספק אַ דיכטער, אָבער מיט מיטלמעסיקע, הגם עכטע מעגלעכקייטן. און הגם זיין עיקרדיקע שאַפונגס־פאָרם איז די דראַמאַטישע, איז דאָך זיין גאַנצע דראַמאַטישע שאַפונג — דיכטונג אין דראַמאַטיזירטער פאָרם פּליוס אַ גרויסער דאָזע פּובליציסטיק אין דראַמאַטיזירטער פאָרם. שיין און שטאַרק ווערט ער נאָר אין יענע שטעלן, וואו עס שפּילט אַ ראָל דאָס דיכטערישע קאָנדענסירטע געפיל, למשל, אין דער דערציילונג פון היגקעמאַנס מוטער וועגן איר טראַגעדיע. אָבער דאָרט וואו עס קומט צו דראַמאַטישער האַנדלונג, האָבן מיר על־פּי־רוב שוואַכע, פּובליציסטישע דיאַלאָגן, געפירט דורך אַבסטראַקטע נעמען, וועלכע זענען העכסטנס טיפּיש (אָבער כמעט קיינמאָל נישט אינדיווידועל), און מערסטנטיילס דאָס אויך נישט.

אויך דער געדאַנקלעכער אינהאַלט פון זיינע ווערק קאָן נישט באַרעכטיקן טאָלערס גרויסע באַרימטקייט, זיין רעפּרעזענטאַטיווקייט לגבי דער יונגער דייטשישער ליטעראַטור, ווייל פּונקט ווי טאָלער איז נישט קיין דראַמאַטורג, נאָר אַ דיכטער, איז ער אויך נישט קיין דענקער, נאָר אַ געפיל־מענטש, אַן עטיש־פילנדיקער מענטש אין ראַנגלעניש מיט די אַרומיקע לעבנס־דערשיינונגען. נישטאָ ביי טאָלערן קיין איין ווערק, וואָס זאָל פאָרשטעלן מיט זיך אַ פאַרקערפּערונג פון אַ גרויסן, אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן גע־

דאַנק. דאָרט, וואו ער פּרובירט דאָס צו טון אַממיינסטן, אין „הינ־קעמאַן", למשל, פאַלט ער אַריין אין סתירות אָדער אין זינלאָזער רעטאָריק. „הינקעמאַן" איז אַ געמיש פון אַ דערשיטערנדיקער פּער־זענלעכער טראַגעדיע און פון אַ סאָציאַלער דראַמע; פון איין זייט הינקעמאַנס מום, זיין פאַמיליען־טראַגעדיע, זיין וועלט־שמערץ; פון דער צווייטער זייט דער אָנגעמעלדעטער באַנקראָט, ריכטיקער — די אוממעגלעכקייט פון אַ סאָציאַלער גלייכקייט; אָבער די דאָזיקעביידע טיילן האָבן קיין שום לאָגישע שייכות נישט צווישן זיך. אמת, הינקעמאַנס ביטול צו דער גאַנצער מענטשלעכער אָנשטרענ־גונג צו שאַפן אַ גליקלעך לעבן פאַר אַלע, איז אונז פאַרשטענד־לעך, אָבער פאַר אונז איז עס נישט איבערצייגנדיק; הינקעמאַנען פירט צו זיין אָפּשאַצונג זיין סוביעקטיוו געפיל, אָבער נישט דער לאָגישער געדאַנק.

פונקט ווי טאָלערס ווערק זענען שטאַרק נישט מיט זייער דראַמאַטישער האַנדלונג, נאָר מיט די אין זיי אַריינגעטריפטע לי־רישע שטעלן, אַזוי איז זיין געדאַנקלעכער אינהאַלט שטאַרק נישט מיט קיין וועלט־אָנשויאונג, נישט מיט קיין פּראָבלעם־לעזונגען, אָדער אפילו פּראָבלעם־אַוועקשטעלונגען, נאָר מיט די איינצלנע גע־פילס־געדאַנקען פון די ערלעכע, אמת־זוכנדיקע העלדן זיינע.

און פאָרט איז טאָלערס באַרימטקייט נישט קיין אומפאַרדינטע. טאָלערס ווערט ליגט אין דעם, וואָס ער איז אַ געשריי — נישט ד ע ר געשריי, נאָר אַ געשריי — פון דער צייט. טאָלערס גאַנצע שאַפונג איז די ראַנגלעניש פון אַ מענטש, וואָס איז געפאַנגען פון אַ שטיק צייט, וואָס האָט אים איינגעזויגן אינגאַנצן, וואָס האָט אים אַריינגעשטריקט אין זיך און פייניקט אים און לאָזט אים נישט פריי אָטעמען און פריי זיך באַוועגן און פריי וואַקסן. אָט די פּער־זענלעכע טראַגיק ערנסט טאָלערס, וואָס איז גלייכצייטיק די טראַגיק פון גאַנצן מלחמה־און רעוואָלוציע־דור, אָט די טראַגיק, — וואָס איז די איינציקע אַקס פון זיין שאַפן, — אויפן פאָן פון אַ גרויסער און גרויזאַמער צייט, זי גיט צו אַ גרויסן ווערט ערנסט טאָלערס שאַפן, זי מאַכט זי אינטערעסאַנט, נישט געקוקט אויף

ערנסט טאָלערס שוואַכקייט לגבי דער גרייס און טראַגישקייט פון דער טעמע.

ערנסט טאָלערס לעבן און שאַפן דרייען זיך אַרום צוויי געשעענישן פון זיין פערזענלעכן און פון וועלט-היסטאָרישן לעבן, וואָס האָבן זיך טראַגיש צונויפגעפלאָכטן.

אַלס יונג יינגל, אויף דער לעבנס-שוועל, ווערט ער אַריינגעצויגן אין וועלט-קריג מיט דער גאַנצער באַגייסטערונג פון דער יוגנט. ער געהערט נאָך צו די, וואָס זעען נישט די הינטערקוליסן, נאָר די טראַגיש-באַלויכטענע סצענע. אָבער גאָר גיך הייבן זיך אָן צו עפענען פאַר אים די הינטערקוליסן און דער גאָט פון מלחמה ווייזט אים זיין אמת פּרצוף. דאָס איז די ערשטע גרויסע אַנטוישונג פון אַ גאַנץ יונג דור. אַרויפגעטראָגן אויף דעם העכסטן שפּיץ פון דער כוואַליע פון באַגייסטערונג, פאַלט ער אַראָפּ אין תהום פון יאוש.

אָבער אָט לויפט שוין אָן אַ צווייטע רעטנדיקע כוואַליע, אַ גרעסערע און ריינערע, וועלכע הייבט אויף פון יאוש-תהום און שענקט ווידער די גרויסע באַגייסטערונג, די גרויסע האָפענונג — די רעוואָלוציע. ערנסט טאָלער טוליעט זיך צו איר, ווי צו דער איינציקער רעטונג. אָבער אויך אויף דער כוואַליע לויערט אַ תהום. נישט די מפּלה פון אויסן איז דערדאָזיקער תהום, נאָר די מפּלה פון אינעווייניק. אינם קעסלגרוב, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורכן ריזיקן אויפברויז פון דידאָזיקע כוואַליעס, ראַנגלט זיך דאַן טאָלערס נשמה. ער שטייט שוין אפילו אויפן ברעג, נייע שטורעמס צעכוואַליען דאָס לעבן, אָבער זיין גייסטיקער בליק איז נאָך אַלץ געווענדט צו די צוויי אויסגאַנגס-פונקטן פון זיין לעבן און פון דעם נייעם געוואַלטיקן קאַפּיטל געשיכטע.

* * *

טאָלער איז געבוירן אין *1893*-סטן יאָר. זיין פאָטער איז געווען אַ יידישער סוחר. ביים אויסברוך פון דער מלחמה טרעט ער אַריין אַלס פרייוויליקער אין דער אַרמיי אין מינכען, אין דער

זעלביקער שטאָט, וואָס האָט אויך שפּעטער געשמידט זיין גורל.

אַלס זעלנער פאַרלאָזט ער צום ערשטן מאָל די בירגערלעכע קרייזן פון זיין סביבה און קומט אין באַרירונג מיט דער גרויער פאָלקס־מאַסע אין איר גרויסטער געשטאַלט — אַלס זעלנער. דריי־צען חדשים געפינט ער זיך אויפן פראָנט. ער וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן פייער פון זיין יונגער נשמה אין „הייליקן" קאַמף פאַרן פאָטערלאַנד.

ער געפינט זיך איינמאָל לעבן אַ הויפן „פראַנצויזישע" און „דייטשישע" הרוגים. ער ווערט זעעוודיק, אָבער אויף אייביק באַ־לאָדן מיט דער שווערער משא פון מענטשן־מאָרד.

זיין גאַנצע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג איז ענג פאַרבונדן מיטן דאָזיקן איבערברוך־מאָמענט. די דערקענטעניש, וואָס האָט אויפגעבליצט פאַר אים פון די הרוגים־געזיכטער (סיי פון די „איי־גענע", סיי פון די פרעמדע „שונאים"), האָט אים דערשיטערט. „אויסקויפן די זינד!" — ווערט די טרייבנדיקע קראַפט פון זיין ווייטערדיק לעבן.

אַלס קריגס־באַשעדיקטער ווערט ער באַפרייט פון מיליטער. ער פאָרט קיין מינכען ענדיקן זיין שטודיום. פון זיינע גייסטיקע און פיזישע חורבות שלאָגט זיך דאָרט ביסלעכווייז דורך פאַר אים די זיכערקייט, אַז ער איז „נישט קיין מידער, וואָס אַנטלויפט פון דער צייט צו באַוויינען אין איינזאַמקייט דעם באַגזלטן יוגנט־גלויבן, נאָר אַ רעוואָלוציאָנער".

ער שאַפט אַ קרייז אַרום זיך און רופט דאָס ערשטע מאָל צו אַ פאַרשווערונג קעגן דער „גרויסער צייט", קעגן קריג. די פראָגראַם פון „קולטור־פּאָליטישן דייטשישן יוגנט־בונד", וועלכן ער שאַפט, איז, — לויט ערנסט טאָלערס אייגענער באַצייכענונג, — נאַיוו־סאָציאַליסטיש: די רעוואָלוציאָנערע יוגנט פון ביידע לענדער מאַכט אַ סוף צום קריג און בויט די פעלקער־געמיינשאַפט. „דער גלויבן פון ריינע נאַראָנים — שרייבט ערנסט טאָלער אין אַן אויי־טאָביאָגראַפישער נאָטיץ — כאַפּט זיך אָן אין דער געטלעכער מאַכט פון וואָרט".

אין יאַנואַר *1918* נעמט ער אָנטייל אין שטרייק פון די מינכענער אַרבעטער, וואָס האָבן דורך זייער פּערזענלעכן מוט און קרבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צום קריג. פון אַ געפילס-סאָציאַליסט ווערט ער אַ סאָציאַליסט לויט דער דערקענטעניש — ווי טאָלער דריקט זיך אויס.

נאָכן שטרייק ווערט טאָלער אַרעסטירט און בעת די שפּאַצירן אויפן הויף פון דער תּפיסה באַקומט זיין דראַמע „וואַנדלונג" איר ענטגילטיקע פאָרם.

דידאָזיקע דראַמע טאָלערס פאַרענדיקט דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. זי איז די געשיכטע פון זיין גייסטיקן איבערברוך.

טאָלערס העלד איז אַ ייד, וועלכער קעמפט פאַרן באַזיץ פון דעם גאָט „פאָטערלאַנד", און אַז ער באַקומט שוין דאָס רעכט אויפן דאָזיקן גאָט דורך מאָרדן אַ נ ד ע ר ע גופים און די א ײ ג ע נ ע נשמה, דערזעט ער פאַר זיך אַ נישטיקע געטשקע.

„...צי דען קאָן דאָס אַ פאָטערלאַנד פאָדערן? קאָן דען אַ פאָטערלאַנד, וואָס פאַרלאַנגט אַזוינס, זיין געטלעך? ווערט, מען זאָל פאַר אים מקריב זיין די נשמה?" — רופט אויס פרידריך, דער העלד פון „וואַנדלונג".

דערדאָזיקער אומזין פון מאָרדן אין נאָמען פון פאָטערלאַנד ווערט נאָך בולטער דורכדעם, וואָס דער העלד איז אַ ייד, וואָס האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנצע נשמה-קראַפט, כדי צו באַקומען דאָס רעכט צו מאָרדן פאַרן דאָזיקן פאָטערלאַנד, וואָס האָט זיך דורכדעם געוואָלט באַגליקן. איך ווייס נישט, צי טאָלער האָט באמת איבערגעלעבט זיין פאָטערלאַנד-טראַגעדיע אין דערדאָזיקער יידישער צושפּיצונג, אָבער יעדנפאַלס איז עס אַ גליקלעכער איינפאַל, וואָס מאַכט בולט דעם געדאַנק אין דער העכסטער מדרגה.

דער העלד צעברעכט דעם פאָטערלאַנד-געטש און שלאָגט זיך דורך אַ וועג דורך די פעלזן פון יאוש „צו גאָט, וואָס איז גייסט און ליבע און קראַפט און צוקונפטס-מענטשהייט".

טאָלער איז אַרויס פון יאוש־תהום און איז גרייט פאַר דער צווייטער שטייגנדיקער כוואַליע פון זיין לעבנס־גאַנג.

נאָכן אויסברוך פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע (ווי נאָענט אָקטאָבער איז צו נאָוועמבער און דאָך — ווי ווייט!) ווערט טאָלער פאָרזיצער פון צענטראַל־ראַט פון די אַרבעטער, פויערים און זעלנער־ראַטן אין מינכען. לויט דער איבערצייגונג אַ ראַטן־רעפובליקאַנער, באַקעמפט ער די אויסרופונג פון אַ ראַטן־רעפובליק, ווייל ער האַלט, אַז עס פעלן די באַדינגונגען דערצו. די ראַטן־רעפובליק געפינט אָבער איר ערשטן אויסערלעכן אויסדרוק אין ספּאָנטאַנע פאָלקס־באַוועגונגען אין אַ סך שטעט און עס ווערט אַ נויטווענדיקייט צו באַהערשן דעם פאַקטישן צושטאַנד. פרייוויליק, ווי אויפן פאָטערלאַנד־פראָנט, שטעלט ער זיך אין די ערשטע רייען אויפן רעוואָלוציאָנערן פראָנט אין בייערן. ער טרעט אַריין אין דער רעגירונג פון דער ראַטן־רעפובליק.

ער שטעלט זיך אין די רייען פון די, וואָס האָבן געוואָלט מיט זייערע לייבער פאַרשטעלן דעם וועג פאַר דער פאַרגאַנגענהייט.

זעענדיק די אויסזיכטסלאָזיקייט פון דער ראַטן־רעפובליק, פרוווט ער סוף אַפּריל צו ליקווידירן זי. אים גיט זיך דאָס נישט איין. דער אַרבעטער־אויפשטאַנד, דער לעצטער געוואַגטער פרווו צו ראַטעווען די דייטשישע רעוואָלוציע, ווערט בלוטיק צעשמעטערט. טאָלער פאַלט אַריין אין תפיסה אויף פינף יאָר.

בעת דעם ראַטן־אויפשטאַנד האָט ערנסט טאָלער מיט אַלע כוחות געזוכט איינצוהיטן די מענטשלעכקייט פון דער רעוואָלוציע (ווי זיין גרויסער לערער גוסטאַוו לאַנדויער). ער זעט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל זאָל נישט אויספירן קיין טויט־אורטיילן, איידער דער צענטראַל־ראַט באַשטעטיקט זיי. ער לאָזט נישט צו קיין טויט־אורטיילן און צעררייסט אַ סך אַרעסט־באַפעלן. זיין לעצטע טאַט איז געווען צו באַפרייען זעקס געפאַנגענע ערובניקעס.

דעמדאָזיקן צווייטן פעריאָד פון זיין גייסטיקער טראַגישער

אַנטוויקלונג האָט ערנסט טאָלער פאַרקערפּערט אין זיין צווייטער דראַמע — „מאַסע-מענטש“, וועלכע ער האָט געשריבן אין אַ פיבער-צושטאַנד אין דער ביירישער פעסטונג שענענפעלד. געצוואונגען צו פאַרברענגען די נעכט אין דער פינסטער, פלעגט ער פאַרברענט ווערן פון האַלוצינאַציעס, וואָס פלעגן אים פאַרכלינען פון אַלע זייטן אין זיין געצוואונגענער רו. אין דערדאָזיקער דראַמע שפּיגלט זיך אָפּ כמעט מיט געשיכטלעכער פּינקטלעכקייט דער גייסטי-קער קאַמף פון טאָלער דעם רעוואָלוציאָנער אויפן שלאַכט-פעלד פון דער רעוואָלוציע. טאָלער, וועמענס עטישע פּערזענלעכ-קייט איז דערשיטערט געוואָרן ביזן גרונט דורכן מענטשן-מאָרד אין נאָמען פון פּאַטערלאַנד, שטייט פאַר דעם זעלבן פּראָבלעם אין דער רעוואָלוציע. „איך וויל נישט קיין נייע רציחות“, שרייט ער אויס, און ער באַקומט דעם האַמער-שווערן ענטפער: „דורך תּפילות און התלהבותדיקע בקשות ווערן נישט געבוירן קיין קינדער“. ער האָט געוואָלט, אַז „די מאַסע זאָל זיין אַ פאָלק דורך ליבע“, אַז די „מאַסע זאָל זיין געמיינשאַפט“, אָבער „די מאַסע איז נקמה פאַר דער אומגערעכטיקייט פון יאָרהונדערטער“. דער יחיד האָט קיין ווערט נישט, נישט זיין געפיל און נישט זיין געוויסן, אַ ווערט האָט נאָר די מאַסע. און טאָלער פילט ביידע און לאָזט קעמפן אין זיין דראַמע די ביידע עלעמענטן פון זיין נשמה: די עטישע פּער-זענלעכקייט און דאָס געפיל פון דער מאַסע אַלס גורל. און טראַ-גיש איז זיין פראַגע, וועלכע ער שטעלט דעם נאָמענלאָזן, — דעם סימבאָל פון דער מאַסע: „ווער ביסטו? אַ רוצח אָדער דער משיח?“ און ער באַקומט אַן ענטפער: „מאַסע!“ און מאַסע איזביידנס צוזאַמען.

טאָלער גיט נישט און האָט נישט קיין קלאָרע תּשובה אויף דערדאָזיקער טראַגישער דילעמע. אָבער פון קאַמף מיט איר גייט ער אַרויס פאַרטיפט, געלייטערט. ער ווערט דער מענטש, „וועמענס נשמה ס'האָט זיך דערוויטערט פון ריטמוס פון קליינלעכן לעבן“. אַ טיפע מענטשלעכקייט פּולסירט אין זיינע ווייטערע ווערק, אין די „לידער פון די געפאַנגענע“, אין „דייטשישער הינקעמאַן“.

„דער געזונטער מענטש — זאָגט דאָרט טאָלער — איז ווי געשלאָגן מיט בלינדעניש". און ער, דער קראַנקער, דער געקוועלטער, איז זעעוודיק געוואָרן. ער זעט דעם מענטש אין זיין נאַקעטסטער פּיין, ער זעט אונזער לעבן ווי אַ וואונד, וואָס „ברענט און ברענט און וועט זיך קיינמאָל נישט פאַרציען".

און אַז טאָלערס וואונד — געשלאָגן און פאַרטיפט אין דער דער רעוואָלוציע, — וויל זיך נישט פאַרציען, זעט מען פון איינעם פון זיינע לעצטע ווערק — „האָפּליאַ, מיר לעבן".

טאָלער איז אַרויס פון תּפיסה, געשטעלט אַ פוס אין אונזער וועלט און ער דערקענט זי נישט. אין די פינף יאָר, וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה און איבערגעוויטיקט די מפּלה פון מענטשלעכן גייסט, האָט זיך אַלץ אַזוי שטאַרק געביטן. טאָלער פאַרגלייכט דאָס, וואָס איז דאָ, מיט דעם, וואָס איז געווען, און ער לעבט איבער די דריטע אַנטוישונג אין זיין לעבן, אָדער ריכטיקער: דעם המשך, דעם סך־הכּל פון דער צווייטער אַנטוישונג, איר לעצטן אַקט. און טאָלער פירט אונטער אַ סך־הכּל, ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דראַמאַטיזירטער פאָרם.

קינסטלעריש און געדאַנקלעך האָט די דראַמע „האָפּליאַ, מיר לעבן!" די זעלבע מעלות און די זעלבע חסרונות, ווי די פריערדיקע: שטאַרקע איינצלנע סצענעס, גוטע סצענישע איינפאַלן, פּובליציסטישע דיאַלאָגן, נישט קיין אָריגינעלע, אָבער טיף־דורכגעלעבטע, דורכגעווייטיקטע געדאַנקען, מאַנגל אין אַ קאָנצענטרירטן פּראָבלעם, בכלל מאַנגל אין אַ שעפערישן פּראָבלעם. מיט איין וואָרט, אַ דראַמאַטיש אַרטיקל פון אַ דיכטער וועגן דער סאָציאַליסטישער ירידה, וועגן דער דערוואָרגענער רעוואָלוציע.

אין איין צעלע זיצן אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן, פאַרמשפּטע צום טויט. אין דער לעצטער מינוט באַגנעדיקט מען זיי און מען אינטערנירט זיי, אַ חוץ איינעם אַ קילמאַן. די געפאַנגענע, וועלכע האָבן אים פריער פאַרגעוואָרפן פאַרשידענע חטאים זיינע, פילן זיך קליין לגבי אים. ער איינער איז נישט באַגנעדיקט. אָבער אומזיסט איז זייער דרך־ארץ פאַר אים: אים אינטערנירט מען נישט, ווייל

ער האָט שוין פריער, אין אַ בקשה צום פּרעזידענט, פאַרראַטן זיין רויטע פאָן.

פון די איבעריקע באַגנעדיקטע ווערט איינער, קאַרל טאָמאַס, משוגע פון איבערראַשונג. ער געפינט זיך זיבן יאָר אין אַ משוגעים־הויז און אָט גייט ער ווידער אַרויס אַ געזונטער. ער דערקענט אָבער נישט די וועלט. וואו איז אַהינגעקומען די רעוואָלוציע? אַלע זיינע חברים רעדן וועגן אָפּוואַרטן. און קילמאַן, דער איינציקער צום טויט־פאַרמשפּטער, איז מיניסטער. טאָמאַס איז זיכער, אַז נאָר דערפאַר, כּדי צו דינען דורך זיין אַמט דער רעוואָלוציע. ער זאָגט צו אים: „דיין מיניסטער־אַמט איז דאָך נאָר אַ שפּיצל, וואָס נישט? ווען דער אַפּאַראַט זיין אינגיכן אין אונזערע הענט?" און ער באַקומט אויף דעם די קלאָרע תּשובה: „דו רעדסט, ווי מיר וואָלטן נאָך געלעבט אין אַ צייט פון רעוואָלוציע".

און די, וואָס זענען נאָך נישט קיין גאַנצע קילמאַנס? עס קומען פאָר וואַלן צום פאַרלאַמענט, אָדער ווי קאַרל טאָמאַס רופט עס אָן: „די נאַרישסטע קעלבער וויילן אויס אַליין זייערע אייגענע קוילערס". פאַשיסטן שלאָגן אַן אַלטע סאָציאַליסטקע פאַר אויפהענגען אַ פלאַקאַט. מען טראָגט זי אַריין אין אַ לאָקאַל. די אַרבעטער קאָנען זיך גאָרנישט שענקען: „אַן אַלטע פרוי"... אָבער ווען מען ברענגט אַריין אַ געכאַפּטן פּראָוואָקאַטאָר און קאַרל טאָמאַס וויל אים דערשיסן, לאָזט מען אים נישט: „געדולד". מען לאָזט דעם פּראָוואָקאַטאָר אָפּ און מען וואָרנט אים אויף אַ צווייט מאָל... אָ, דאָס צווייטע מאָל!... דערווייל אָבער האָבן זיי אַן אַנדערע האָפענונג, דידאָזיקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פאַרטיי־פירער: „און די קאָנסטיטוציע? זיי וועלן מוזן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון!"

און די גייסטיקע? די אָנפירנדיקע אינטעליגענץ?

אין דער סצענע אין „גראַנד האָטעל", אין דער געוואַלטיקסטער סצענע סיי לויט איר סצענישקייט, סיי לויטן ברייטן בילד פון דער גאַנצער קאָרומפּירטער רעפּובליק, טרעפט קאַרל טאָמאַס אויך זיי. און ער זאָגט זיי אַרויס זיין ביטערן אמת: „איר... איר

ווילט אויסלייזן דעם פּראָלעטאַריאַט ? אָט-אָ-דאָ אין „גראַנד-האָטעל", וואָס ? און וואו זענט איר געווען, ווען די רעוואָלוציע איז אויס-געבראָכן ? און וואו וועט איר זיין ? ווידער אין „גראַנד-האָטעל". סריסים !"

און די יוגנט ? די האָפענונג פון יעדן דור ? סיי דער קריג, סיי די רעוואָלוציע זענען פאַר זיי ווייטע היסטאָרישע פאַקטן, מאַ-טעריאַל פון לאַנגווייליקן לערנבוך. און קאַרל טאָמאַס איז פאַר-צווייפלט : „וואָס באַדייטן דאָס ליידן און די דערקענטעניש פון מיליאָנען, אויב שוין די נאָענטסטע גענעראַציע איז טויב פאַר דעם ? די גאַנצע דערפאַרונג רינט אַריין אין עפּעס דעקלאַזעס".

אָט דאָס איז טאָלערס לעצטע (דערווייל לעצטע) וואָרט וועגן דער גרעסטער האָפענונג און דער גרעסטער אַנטוישונג פון זיין לעבן.

* *

*

איז טאָלער אַרויס פון זיין צווייטער אַנטוישונג אַ געבראָ-כענער אויף תמיד, אַן אומהיילבאַרער פּעסימיסט ? ניין. אויך איצט איז ער נישט קיין מידער, וואָס אַנטלויפט פון דער צייט צו באַ-וויינען אין איינזאַמקייט דעם באַזגלטן יוגנט-גלויבן, — נאָר אַ רעוואָלוציאָנער. אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער נישט קיין זעלבסטצו-פרידענער, נישט קיין פראַזן-דרעשער און נישט קיין פלאַכער, ווי אַ רעגן-לוזשע. אויב ער קאָן נישט פאַרגעסן די וואונדן פון קריג און רעוואָלוציע, איז דאָס דערפאַר, ווייל ער וויל זיך נישט אונ-טערגעבן, ער קעמפט מיט דער צייט און מיטן גורל ; ער שטייט נאָך אין אַ טויט-קאַמף מיט דעם, וואָס איז געשען. און אויפן הייסן באָדן פון קאַמף און גליענדיקן האַס וואַקסט נישט די גיפ-טיקע בלום פון איינשלעפערנדיקן פּעסימיזם.

אין „הינקעמאַן" איז דאָ אַ סצענע, וואו פאַרן העלד גייט דורך פאַנטאַסטיש-געשפּענסטערהאַפט דער גאַנצער משוגענער טומל און קרעציקער עלנט פון אונזער געזעלשאַפט. ער ליגט אויף דער ערד אַ צעטרעטענער, און ווען דער בעכער ווערט איבערפולט,

שטייט ער אויף, רייסט אויף די הענט צום הימל און שרייט, ווי צו דער לעצטער רעטונג: „איבער מיר איז דער אייביקער הימל, איבער מיר די אייביקע שטערן". און דערדאָזיקער רוף צו דער אייביקייט איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר טאָלערס פּערזענלעכ־קייט און טאָלערס שאַפן.

סיי איבער די פּערזענלעכע פיזישע און גייסטיקע ליידן, סיי איבער דעם וועלט- און געזעלשאַפטס־שמערץ פון היינטיקן מענטש, וואַרפט ער אַ בליק צו אייביקן הימל און צו די אייביקע שטערן. און אין דעם איז זיין מינימאַלע אָבער זיכערע טרייסט: קיין שום זאַך אויף דער וועלט קאָן נישט אָפּנעמען ביים הימל די אייביקייט.

טאָלער געהערט צו די, וואָס באַגרייפן דאָס נישט נאָר מיטן שכל, נאָר נעמען דאָס אויך אָן מיטן האַרץ. און אין דעם ליגט די זיכערקייט, אַז דער קוק אויף דעם אייביקן אין לעבן וועט אים סוף־כל־סוף אַרויסרייסן פון די פעסטע און ענגע קלאַמערן פון זיין קריג־און רעוואָלוציע־אַנטוישונג, און זיינע געבונדענע פליגל וועלן באַקומען אַ צוטריט צו דעם אייביקן. וואָרים אַנדערש וועט אים דער היפנאָז פון דעם איבערגעלעבטן אויפפרעסן סיי קינסטלע־ריש, סיי מאָראַליש.

אלעקסאנדער בלאָק

(דער דיכטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע)

נישט נאָר די ערד, נישט נאָר די מענטשלעכע געזעלשאַפט לעבן איבער מאָמענטן פון וואולקאַנישע אויסברוכן, ווען עס ענ־דערט זיך פולשטענדיק דער כאַראַקטער פון דער געגנט, פון דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, — אויך יחידים לעבן איבער אַזעל־כע דערשיטערנדיקע מאָמענטן, וועלכע ציִען אַ שאַרף־געצייכנטע ליניע צווישן זייער „ביז איצט" און פון „איצט אָן". אַזעלכע וואול־קאַנישע אויסברוכן קומען אָבער פאַר פלוצלינג בלויז פאַר אונזערע אויסערלעכע חושים, פאַקטיש זענען זיי תמיד אַ רעזולטאַט פון לאַנג־דויערנדיקע פּראָצעסן, הגם נישט תמיד לאָזן זיי זיך אויפ־ווייזן, און ווען יאָ, איז ווייט נישט מיט דער זעלבער בולטקייט, ווי זייער רעזולטאַט.

א ל ע ק ס א נ ד ע ר ב ל א ָ ק איז איינער פון די בולטסטע ביישפילן פון אַ וואולקאַנישער איבערגעשטאַלטונג פון אַ פּער־זענלעכקייט.

* *

*

פאַראַן דיכטער, וואָס זייער אינהאַלט און פאָרם זענען קלאָר, אָן קנייטשן און שאָטן־ווינקלען. פאַראַן ווידער דיכטער, וואָס זייער פאָרם און אינהאַלט זענען בין־השמשותדיק אומקלאָר. די ערשטע זענען פּלאַסטיש, לייכט אויפצונעמען מיטן אויסערלעכן שפיגל פון אינטעלעקט. די צווייטע זענען מוזיקאַליש, מען קאָן זיי דערשפירן דורך פאַרזינקען אין די כוואַליעס טענער, וועלכע עס שלאָגן פון זיי אָן אויפהער, ווי פון שטאַרק־באַוועגטע אינסטרומענטן. דידאַ־

זיקע מוזיקאַלישע דיכטער איז אָפּט שווער אויפצוגעמען: זייער אינהאַלט ליגט נישט אַזוי אין דעם טייטש פון די ווערטער, ווי אין זייער קלאַנג־פאַרב, נישט אַזוי אין די בילדער, ווי אין זייער סומע.

צו דידאָזיקע מוזיקאַלישע דיכטער געהערט אַלעקסאַנדער בלאָק. נישט אומזיסט האָט ער אַזוי ליב געהאַט צו באַנוצן דאָס וואָרט מוזיקאַליש, אַ וואָרט, וועלכעס ער האָט צעצויגן ביז אומענדלעכ־קייט, אַריינלייגנדיק דערין אַלץ, וואָס האָט געקוואָלן און זיך געקנוילט אין זיין טיפן געמיט, אַלץ, וואָס האָט ביי אים געוואָלט צעשפּאָרן די גרענעצן פון נאָרמאַלן באַוואוסטזיין און נאָרמאַלן געפיל און אַריבערטרעטן די גרענעץ פון דעם איראַציאָנעלן.

בלאָק איז געווען אַ שטילער דיכטער. ער קוקט טיף אין זיך און זאָגט כמעט פאַר זיך אַרויס דאָס, וואָס ער זעט (און זיין זען איז וויזיאָנער), פאַרטראַכטערהייט, אַזוי, אַז אָפּט הערן מיר אים קוים. זיין מיסטיק און סימבאָליק איז אָפּט כמעט ווי אַ געהיימער שיפר. בלויז אין אַ גרויסער שטילער מינוט פון דער נשמה דער־הערן מיר, וואָס ער זאָגט, עס גיט אַ ווייע אויף אונז דער אָטעם פון בלאָקס וויזיעס, וועלכע זענען געבליבן הענגען ווי לייכטער עטער אין די נעצן פון זיינע בלויע בין־השמשותדיקע שורות, וואָס זענען אָפּט אַזוי דורכזיכטיק־ריין, אַז דער בליק גליטשט זיך דורך זיי דורך קוים באַמערקנדיק זיי, ווי עפּעס נישט־ממשותדיקס. אין דידאָזיקע מאָמענטן דערפילן מיר די צאַרטע שיינקייט און די אַנגע־דיקע טיפקייט פון זיינע כאָרב־איינטאָניקע לידער.

פאַרזונקען טיף אין זיך, פאַרוועבט אין די דינסטע שאָטנס פון אייגענעם געמיט און געדאַנק, פאַרוואַנדלענדיק די ריאַלע קאָנ־טורן פון דער וועלט אין פליסיקע וויזיעס און אַרונטערטויכנדיק אין דידאָזיקע וויזיעס ביז איבערן קאָפּ, איז בלאָק אין זיין דיכטונג געווען דער וועלט־פרעמדסטער דיכטער, וואָס גייט דורכן לעבן, דורכן טאָג־טעגלעכן און גראָב־ממשותדיקן, מיט אויפגעהויבענע פּאָלעס, ווי דורך אַ זומפּ, זיך נישט איינצוטויכטן.

ווי אַזוי־זשע איז דאָס געשען, וואָס דערדאָזיקער וועלט־

ווייטער דיכטער האָט זיך אָפּגעריסן מיט אַזאַ אימפּעט פון זיין „שיינער דאַמע", פון זיין „רויז און קרייץ" און זיך אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער ניי־אויפגעפלאַקערטער נשמה דער רעוואָלוציאָנערער ווירקלעכקייט, נישט נאָר דער רעוואָלוציאָנערער אידעע (דערדאָזי־קער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ סך), נאָר איר אָפּט גאָרנישט שיינעם גוף? ווי אַזוי־זשע איז דאָס געשען, וואָס בלאָק, דער דיכטער פון שאָטנדיקן בין־השמשות, האָט דווקא אין גרויסן וועלט־בין־השמשות קלאָר און דייטלעך אַרויסגעשריגן זיין „צוועלף", די געוואַלטיקסטע דיכטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, — אַ דיכטונג, וואָס האָט אַריינגעשלאָגן ווי אַ בליץ אין דער גאַנצער רוסישער ווירקלעכקייט, און אויפגעריסן פאַר אונז אירע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך, סיי פון די אויבערשטע שטאָקן, סיי פון די אונטערשטע קעלערס?

* *
*

אויב בלאָק האָט זיך אָפּגערופן אויף דער רוסישער רעוואָ־לוציע מיט אַ וואולקאַנישן אויסברוך פון זיין פערזענלעכקייט, איז דאָס נישט געשען צופעליק: אונטער דער סימבאָליש־פאַרחלומטער און מיסטיש־פאַרשאָטנטער שיכט פון בלאָקס שאַפן זענען פאָרגע־קומען טיפע פּראָצעסן, וואָס האָבן צוגעגרייט אין דער שעפערי־שער טונקלקייט, אין דער שעפערישער שטילקייט דעם אויסברוך. מען וואָלט זיכער געקאָנט אַנטדעקן די שפּורן פון דאָזיקן פּראָצעס אין זיינע לידער. אָט זינגט ער, למשל, נביאיש: „דאָס לעבנס־שיפל איז אַרויף אויף אַ גרויסער זאַמד־באַנק. פונדערווייטנס הערט מען די הויכע געשרייען פון די אַרבעטער... עס קומט אַרויף אַ שטאַרקער אין אַ גרויער סערמענגע. ער האָט גערירט פון אָרט דעם ברעטערדיקן רודער, פונאַנדערגעוויקלט דעם זעגל... אָט זע־נען זיי שוין ווייט, שווימען פריילעך. אָבער אונז וועלן זיי זיכער מיט זיך נישט מיטנעמען". אָבער מיר האָבן אַ לייכטער מיטל פעסטצושטעלן די וועגן, דורך וועלכע דער ליריקער־עסטעט איז געקומען צו זיינע „צוועלף". דאָס זענען בלאָקס אַרטיקלען אונ־טערן טיטל „רוסלאַנד און די אינטעליגענץ", וועלכע ער האָט גע־

שריבן און איבערגעדרוקט אין 1918 און ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס האָט אים באַשעפטיקט „שוין צען יאָר".

איינער פון בלאָקס ווייטיקדיקסטע געדאַנקען איז געווען די אָפּגעריסנקייט פון דער רוסישער אינטעליגענץ פון פאָלק. פון איין זייט: „אויף דער גאַס אַ ווינט, פּראָסטיטוטקעס פרירן, מענטשן הונגערן, מען הענגט זיי; און אין לאַנד איז — „רעאַקציע"; און אין רוסלאַנד איז שווער, קאַלט און עקלדיק צו לעבן". פון דער צווייטער זייט „די שרייבער און אינטעליגענטן", וואָס האָבן איצט ווידער באַנייט זייער פּלוידעריי... וואָס זענען גרוי געוואָרן אין אַמפּערייען וועגן קריסטוסן... אָנשטאָט מעשים — אַ פאַרקריפּלטער קאַליידאָסקאָפּ פון ווערטער.

בלאָק פילט אַ טיפע פאַראַכטונג צו דערדאָזיקער אויסגע- הוילטער אינטעליגענץ, וואָס האָט געמאַכט פון איר באַרופונג אַ באַרוף, אַ מלאכה. אמת, בלאָק זאָגט וועגן זיך אַליין:

„איך האָב ליב עסטעטיק, אינדיווידואַליזם און יאוש, מיט איין וואָרט... איך בין אַן אינטעליגענט... איך האָב אין זיך גאָר- נישט, וואָס איך זאָל ליב האָבן מער, ווי מיין אינדיווידואַליסטישע איינגעלעבטקייט אין מיין אייגענעם טרויער, וואָס גייט נאָך תמיד, ווי אַ שאָטן, דידאָזיקע איינגעלעבטקייט..." אָבער ער איז נישט זעלבסט- צופרידן מיט זיין צושטאַנד, ער באַטראַכט אים, ווי אַ קראַנקהייט, און ער באַצייכנט זיך צו זיך אַליין ווי צו אַ קראַנקן. ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך דעם גזר-דין אין נאָמען פון דער פרעמדער, אָבער דאָך אַלס ריכטיק-אָנערקענטער געזונטקייט. נישט נאָר די פּלוידעריי און די רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען און אָוונטן פון „פרייער עסטעטיק" זענען אים עקלדיק, נאָר בכלל דער ריס צווישן וואָרט און טאַט. בלאָק, דער מייסטער פון וואָרט, פילט זיך ווי שולדיק פאַר זיין דאָזיקן איינציקן אינסטרומענט. ער פילט אַ באַ- דערפעניש צו פאַרענטפערן זיך: „אָבער איך בין אַן אינטעליגענט, אַ ליטעראַט, און מיין געווער איז — דאָס וואָרט. האָבנדיק מורא פאַר ווערטער, זאָג איך זיי אַרויס. מורא האָבנדיק פאַר „ליטעראַ- טורשטשינע", וואַרט איך פונדעסטוועגן אויף ווערטערדיקע ענט-

פּערס". און אויב בלאָק האָט פאַר זיך אַ פאַרענטפערונג, איז דאָס
נאָר די פאַרבאָרגענע האָפענונג, אַז נישט אייביק וועט זיין דער
תּהום צווישן ווערטער און טאַטן, אַז עס איז דאָ אַ וואָרט, וואָס
גייט איבער אין טאַט. אַז דאָס זענען נישט בלויז קיין ווערטער,
אַז די דידאָזיקע האָפענונג בלאָקס איז זיין ברענענדיקסטער פאַר-
לאַנג, וועט באַווייזן זיין וואָרט וועגן די „צוועלף", וואָס איז גע-
וואָרן אַן אומשטערבלעכע טאַט.

פאַרוואָס איז בלאָקן אַזוי עקלדיק די הויל-ווערטערדיקע
אינטעליגענץ, פאַרוואָס דריקט אים אַזוי זיין אייביק גע-
ווער — דאָס וואָרט? דאָס איז דערפאַר, ווייל בלאָק האָט טיף גע-
שפּירט דעם אָנקומענדיקן רוסישן שטורעם, ווייל בלאָק האָט גע-
וואוסט, אַז „בלוט און פייער קאָנען נעמען רעדן דאַן, ווען קיינער
דערוואַרט זיי נישט. עס איז דאָ אַ רוסלאַנד, וואָס ווען זי רייסט זיך
אַרויס פון איין רעוואָלוציע, פאַרקוקט זי גלייכצייטיק אין די אויגן
פון אַ צווייטער, נאָך אפשר אַ שרעקלעכערער". און דערדאָזיקער
שטורעם, האָט ער געוואוסט, מוז ברענגען צו אַ טויט-צוזאַמענ-
שטויס צווישן פאָלק און דער פאַרפרעמדטער, אָפּגעריסענער אינ-
טעליגענץ. „אָבער אונז וועלן זיי זיכער מיט זיך נישט מיטנעמען".
אין די טעג פון מעסינעס אונטערגאַנג, ווען די געלערנטע האָבן
געזאָגט, אַז „דרום-איטאַליע דראָען ווייטער ערד-ציטערנישן", ווייל
דאָרט איז נאָך נישט „פאַרהאַרטעוועט געוואָרן די ערד-קאָרע", האָט
בלאָק געפרעגט: „צי זענען מיר זיכער דערין, אַז עס שוין גענוג
פאַרהאַרטעוועט די קאָרע איבער אַ צווייטער, פונקט אַזאַ שרעקלעכער,
נישט אונטערערדישער, נאָר עודישער סטיכיע — דער פאָלקס-
סטיכיע?" און בלאָק פאַרענדיקט זיין נביאיש אַרטיקל: „מיר
הייסן נאָך נישט געבוי וואָסערע געשעענישן עס דערוואַרטן אונז,
אָבער אין אונזער האַרץ האָט זיך שוין אָפּגערוקט דער ווייזער
פון סייסמאָגראַף. מיר זען זיך שוין ווי אויף אַ פאָן פון אַ שרפה, —
אויף אַ לייכטן, שפּיצנאַרטיקן אַעראָפּלאַן, הויך איבער דער ערד;
און אונטער אונז אַ קראַכנדיקער און פייערשפּייענדיקער באַרג, אי-
בער וועלכן עס פויזען... באַפרייענדיק זיך, טייכן צעגליטע לאַווע".

פֿאַראויסזעענדיק דעם וואולקאַנישן אויסבראָך פֿון פֿאָלק, ווערט בלאָקן שרעקלעך פֿאַרן גורל פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס איז קראַנק מיט דער שרעקלעכער קרענק „פֿון אייביק זיך פֿונאַנדערבליִענדיקן, אָבער אייביק פּרוכטלאָזן גייסט“. און וואו איז דער וואָרצל פֿון דערדאָזיקער קרענק? אין דעם אומגלויבן, אין דער שמייכלדיקער באַציִונג צו אַלץ, אין דער „קראַנקהייט פֿון דער פּערזענלעכקייט“, אין דער קראַנקהייט פֿון „אינדיווידואַליזם“. און דערדאָזיקער „קריזיס פֿון אינדיווידואַליזם“, אין וועלכן בלאָק דער עסטעט-אינדיווידואַליסט זעט די קרענק פֿון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט פֿאַרלוירן איר לעבנס-באַרעכטיקונג, — דערדאָזיקער קריזיס וועט פֿאַרשווינדן בלויז דורך אָננעמען וול. סאָלאָוויאָווס (בלאָקס לערער) פֿאָרמול: „פּערזענלעכע זעלבסטאָפּזאָגונג הייסט נישט אָפּזאָגן זיך פֿון דער פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט, נאָר דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון אייגענעם עגאָיִזם“.

בלאָק, דער דיכטער פֿאַר אויסדערוויילטע, פֿילט דעם טיפֿן אמת, אַז אויפֿן דיכטער ליגט אַ גרויסע אחריות פֿאַרן כּלל. דער דיכטער טאָר זיך פֿאַר קיין פֿאַל נישט אָפּזאָגן פֿונעם שטערן, צו וועמענס גלאַנץ ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. אָפּזאָגן זיך פֿון דאָזיקן ליכטנדיקן שטערן, הייסט באַגיין נישט נאָר אַ פּערזענלעך פֿאַרברעכן: ער טויט אין זיך יענע ליידנשאַפֿט פֿון זיין נשמה, יענע איבערגעגעבנקייט אירע... „וואָס וואָלט געקאָנט ווערן אין איינע פֿון די פֿינסטערע נעכט אַ ליכטנדיקער פֿלאַקער-שיין פֿאַר אַנדערע פֿאַרבלאָנזשעטע מענטשן“. דער דיכטער „טאָר נישט אָפּרוען זיך אויפֿן ראָזעווען בעט, וואָס איז אויסגעבעט געוואָרן פֿאַר זיי נישט דורך זייערע אייגענע, נאָר דורך פֿרעמדע הענט“. אויב דידאָזיקע דיכטער זענען „דיכטער-ליריקער, דאַרף זיי פּייניקן זייער איינזאַמער זומף, וואָס איז באַליכטן מיט אַ ראָזלעכער שיין...“

און בלאָקן האָט דאָס זיצן אין זומף געפּייניקט. בלאָק וויל זיך נישט באַפֿרידיקן מיט די דערווידערונגען, אַז „די ליטעראַטור האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו שפּילן אין לעבן די ראָל, וועלכע זי האָט אַמאָל געשפּילט“, ווייל „בלויז וועגן גרויסע לוינט צו

טראַכטן, ווייל בלויז גרויסע אויפגאַבעס דאַרף זיך שטעלן דער שרייבער; שטעלן דרייסט, נישט שרעקנדיק זיך פאַר די פּערזענ־לעכע קליינע כּוחות..." „לעבן לוינט נאָר אַזוי, מען זאָל שטעלן צום לעבן אומבאַגרענעצטע פאָדערונגען: אַלץ אָדער גאָרנישט; וואַרטן אויף דעם אומדערוואַרטן; גלייבן נישט אין „דעם, וואָס איז נישטאָ אויף דער וועלט", נאָר אין דעם, וואָס עס דאַרף זיין אויף דער וועלט".

און בלאָק איז טריי זיין טרוים וועגן דער מיסיע פון דיכ־טער. די שוואַכקייט זיינע ברענגט אים נישט צום ביליקן סקעפּטי־ציזם. אויב ער קאָן נישט זיין קיין פּאַקעל, איז ער גרייט צו זיין דער פונק, וואָס קאָן אָנצינדן דעם פּאַקעל. ער קערט זיך נישט אָפּ פון זיין שטערן, צו וועלכן ער האָט אויסגעצויגן די הענט אין זיין ערשטן דראַנג צו אמתער גרויסקייט. בלאָק קאָן וואַרטן. אין דעם ליגט בלאָקס אומגעפעלשטע גרויסקייט און זיין נישט־צופּע־ליקער אויסברוך, ווען עס איז געקומען דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט.

צווישן בלאָקס הונדערטער לידער איז דאָ אַ קליין ליד, וואָס דאַרף דינען אַלס מאָטאָ צו זיינע ווערק, אָדער ריכטיקער — צו זיין לעבן. אָט איז דאָס ליד: „זיך איינהערנדיק צום רוף פון אומ־קלאָרן לעבן, וואָס פּליעסקעט אין מיר געהיימערהייט, וועל איך זיך נישט אָפּגעבן אַ פאַלשן און מינוטיקן געדאַנק. און אין שלאָף וואַרט איך אויף אַ כוואַליע, אַ כוואַליע, וואָס ליגט אויף מײַן וועג צו דער שטראַלנדיקער טיף*). כ'קוק נאָך, — אויף די קני, מיט מילדן בליק, מיט שטילן האַרץ, — די פאַרשווימענדיקע שאָטנס פון די הבל־הבלימדיקע טואונגען פון דער וועלט, — צווישן וויזיעס, חלומות, שטימעס פון אַנדערע וועלטן".

בלאָק וויל נישט פאַרסירן זיין טאַט, אָבער וויל זי אויך

---

*) אונטערגעשטראָכן דורך מיר. — י. ר.

נישט פעלשן : ווי שווער עס זאָל אים נישט זיין, איז ער דעצי־
דירט צו וואַרטן, זאָל זיין אפילו — אייביק. דערפאַר אָבער וועט
ער נישט אַדורכלאָזן די מעגלעכקייט. ווען עס וועט קומען די
כוואַליע, וועט ער זיך נישט פאַרטראַכטן אויף קיין איין מינוט. צו
שטאַרק איז זיין פאַרלאַנג, ער זאָל זיך דינגען וועגן פרייז.

ווען עס איז געקומען די ערד־ציטערניש, אין וועלכער בלאָק
איז זיכער געווען, האָט ער זי אָנגענומען „מיטן גאַנצן קערפּער,
מיטן גאַנצן האַרץ, מיטן גאַנצן באַוואוסטזיין".

ער קאָן נישט פאַרשטיין, ווען די בעסטע מענטשן זאָגן :
„מיר האָבן זיך אַנטוישט אין אונזער פאָלק"... זיי זען אַרום זיך
גאָרנישט, אַ חוץ כאַמסטווע און חיהשקייט ; די בעסטע מענטשן
זאָגן אפילו : „קיין שום רעוואָלוציע איז גאָרנישט פאָרגעקומען ;
יענע, וועלכע האָבן זיך קיין אָרט נישט געפונען פון האַס צום
„צאַריזם", זענען ווידער גרייט אַריינצוּוואַרפן זיך אין זיינע אָרעמס,
אַבי צו פאַרגעסן דאָס, וואָס קומט איצט פאָר ; די נעכטיקע „אינ־
טערנאַציאָנאַליסטן" — באַוויינען דאָס „הייליקע רוס" ; גאָטלאָזע
פון געבוירט, זענען גרייט צו שטעלן ליכטלעך, תפילה טוענדיק
וועגן גובר זיין דעם אויסערלעכן און אינערלעכן שונא.

איך ווייס נישט, וואָס עס איז שרעקלעכער : דער רויטער
האָן און די לינטש־יוסטיץ אין איין לאַגער, אָדער דידאָזיקע דריקנ־
דיקע אוממוזיקאַלישקייט — אין צווייטן".

בלאָק וויל נישט אָננעמען די רעוואָלוציע על תנאי, ווי דאָס
טוען זיינע חברים, כמעט זיין גאַנצער קלאַס. דידאָזיקע אָנערקע־
נען, אַז דעם פאָלק איז געשען אַן עוולה, וואָס קאָן גאָר אין ווער־
טער נישט אויסגעדריקט ווערן ; אָבער אויב ביים גוט מאַכן די־
דאָזיקע עוולה דאַרפן ליידן זיי, די איידעלע נשמות, וואָס רעדן
אַזוי פיל וועגן פאָלק, זענען זיי גרייט צו לאָזן ווייטער באַשטיין
די עוולה. בלאָק, וואָס האָט תמיד געטרויערט אויפן ריס צווישן
וואָרט און טאַט, איז איצט צופרידן, וואָס ער קאָן אַקצעפּטירן יע־
דע פרייז, וועלכע מען פאָדערט פון אים. ער ענטפערט די מקוננים :
„פאַרוואָס צעלעכערט מען אַן אַלטע קירכע? ווייל הונדערט יאָר

האָט דאָ אַ פעט-געוואָרענער פּאָפּ געגרעפּצט און גענומען שוחד און געהאַנדלט מיט בראָנפן.

פאַרוואָס צערייבט מען די האַרציקע פּריצישע נעסטן? — דערפאַר, ווייל מען האָט דאָרט פאַרגוואַלטיקט און געשמיסן מיידן: נישט ביי דעם פּריץ, איז ביים שכן.

...מיר זענען רינגען פון איין קייט. אָדער אפשר ליגן נישט אויף אונז די זינד פון אונזערע פאָטערס? אויב דאָס פילן נישט אַלע, דאַרפן דאָס פילן די בעסטע".

מיט אַ מעכטיקן סאַרקאַזם לאַכט ער אויס די רוסישע אינ-טעליגענטן, וואָס האָבן געהאָלפן פונאַנדערלייגן דאָס פייער, און איצט שרייען זיי: „אַך, אַך, מירן פאַרברענט ווערן!"

„ווי אַ בער זאָל האָבן אַרויפגעטרעטן דער רוסישער אינטע-ליגענץ אויפן אויער: קליינע שרעקן, קליינע ווערטעלעך. איז דען קיין חרפה נישט אָפּצוחוזקן פון אַנאַלפאַבעטיזם פון געוויסע מעלדונגען אָדער בריוו, וועלכע עס האָט געשריבן אַ גוטע, אָבער אומגעשיקטע האַנט? איז דען נישט קיין חרפה שטאָלץ צו פאַר-שווייגן „נאַרישע פראַגן"? איז דען נישט קיין חרפה אַרויסצורעדן אין געגנזנפיסלעך דאָס וואונדערשיינע וואָרט „חבר"?

דאָס קאָן יעדער קרעמער. דערמיט קאָן מען בלויז דערצע-רענען אַ מענטש און אויפוועקן אין אים די חיה.

...אויב איר האַלט אַלעמען פאַר זשוליקעס, וועלן צו אייך קומען בלויז זשוליקעס. אויף די אויגן הונדערטער זשוליקעס, און הינטער די אויגן מיליאָנען מענטשן. דערווייל „אומגעבילדעטע", דערווייל „פינסטערע", אָבער נישט איר וועט זיי אויסבילדן.

צווישן זיי זענען... דאָ אַזעלכע, וואָס גייען אַראָפּ פון זינען פון די לינטש-געריכטן, זיי קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין בלוט, וואָס זיי האָבן פאַרגאָסן אין דער פינסטערניש (אין זייערער)... און עס זענען דאָ אויך אַזעלכע, אין וועלכע עס שלאָפן נאָך שעפערישע כוחות, זיי קאָנען אין דער צוקונפט זאָגן אַזעלכע ווערטער, וועלכע עס האָט לאַנג נישט געזאָגט אונזער מידע, נישט-פרישע און ביכער-דיקע ליטעראַטור".

אין דידאָזיקע ווערטער איז דער גאַנצער בלאָק פֿון די „צוועלף“. נאָר אַ מענטש מיט אַזאַ אויפריכטיקער שטעלונג צום פאָלק און מיט אַזאַ גרייטקייט אויסצוקויפן די זינד פֿון די אבות און די אייגענע אומטעטיקייט, — נאָר בײַ אַזאַ מענטש האָט געקאָנט פאָרקומען דער וואולקאַנישער איבערברוך, וואָס צערײַסט דעם דיכטער, ווי אויף צוויי טײלן: פֿון פאַר די „צוועלף“ און נאָך די „צוועלף“. אים איז באַשערט געווען צו זאָגן דאָס ערשטע מוטערע, פרישע און נישט ביכערדיקע וואָרט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָסדאָזיקע וואָרט איז געווען זײַן טאַט, אויף וועלכער ער האָט זיך געגרייט אין געהײליקטער שטילקייט און ריינקייט. ער האָט געזאָגט זײַן וואָרט — זײַן טאַט — און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז פאַרברענט געוואָרן אין זײַן ריינעם פלאַקער.

* * *

אין אַ נאָטיץ וועגן „צוועלף“ שרײַבט אַלעקסאַנדער בלאָק: „בעתן שרײַבן און נאָכן ענדיקן די „צוועלף“ האָב איך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געשפּירט פיזיש, מיטן געהער, אַ גרויסן רויש אַרום זיך (ווי ס'שײַנט, האָב איך געהערט דאָס קראַכן פֿון דער אַלטער וועלט)“. „די פּאָעמע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יענער אויסערגעוויינלעכער און תמיד קורצער צײַט, ווען דער רעוואָלוציאָנערער הוראַגאַן, וואָס טראָגט זיך דורך, רופט אַרויס אַ שטורעם אין אַלע ימען, — פֿון דער נאַטור, פֿון לעבן און פֿון דער קונסט“...

דידאָזיקע פּאָעמע, געבוירן אין שטורעם, האָט פֿון איר זײַט אַרויסגערופן אַ שטורעם. פּונקט ווי זי האָט דורכגעפירט אַן אַנטשיידנדיקע גרענעץ־ליניע אין בלאָקס שאַפן, האָט זי אויך דורכגעפירט אַ נײַע גרענעץ־ליניע אין דער באַציונג צו בלאָקן מצד פרײַנט און פײַנט. בלאָקס פריערדיקע פאַרערער, וואָס האָבן געטרונקען, ווי טײַערן ווײַן, זײַנע טונקעלע ראַפינירטע פערזן, זענען אויפגעציטערט געוואָרן דורך זײַן „פאַרראַט“. בלאָק — און אַזעלכע המונישע פערזן, בלאָק — און ווערטער פֿון דער טאָג־פּרעסע, פֿון פּאָליטיק,

פֿון גראָבן לעבן. נישט ווייניקער איבערראַשט זענען געווען די, פֿאַר וועלכע בלאָק איז געווען דער טיפּישער פֿאָרשטייער פֿון דער דעקאַדענטישער בורזשואַזער דיכטונג: בלאָק — און אַזאַ דיפֿיראַמב פֿאַר דער רעוואָלוציע, — בלאָק און אַזאַ אַריינדרינגען אין דער נשמה פֿון דער מאַסע. אויך היינט איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט דער חשבון מיט בלאָקס „צוועלף". אין דער צייט, וואָס איינע האַלטן נאָך היינט בלאָקס פּאָעמע פֿאַרן סינטעטישסטן אויסדרוק פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, איז זי פֿאַר אַנדערע פֿול מיט „אָפּנויגן" און אומקאָנסעקווענטקייטן לגבי פּאָליטישע און ליטעראַרישע פּראָגראַמען.

און ווירקלעך: גייט מען צו צו בלאָקס פּאָעמע מיט דער מאָס פֿון עסטעטישן סימבאָליזם, איז די פּאָעמע אַ פּאַטש אין פּנים בלאָקס גאַנצער פּאָעטישער פֿאַרגאַנגענהייט, זי איז אַ פֿאַרראַט לגבי דערדאָזיקער גאַנצער ריכטונג, לגבי דעם אינטעליגענטיש־דעקלאַסירטן קלאַס. אפֿילו אַנדרעי ביעלי, איינער פֿון רוסלאַנדס גרעסטע און אָריגענעלסטע דיכטער, בלאָקס אַ לעבנס־פֿריינט, האַלט די פּאָעמע אַלס „פֿאַרראַט לגבי דער פֿאַרגאַנגענהייט" (בלאָקס); גייט מען ווידער צו צו דער פּאָעמע מיט דער מאָס פֿון אַ קאָנקרעטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי־פּראָגראַם, האָט בלאָק זיכער געזינדיקט לגבי איר.

אָבער ביידע עקסטרעמע אָפּשאַצונגען קעמפֿן קעגן ווינט־מילן, זיי רירן נישט אָן דאָס ווערק: בלאָק האָט נישט פֿאַרראַטן זיין פֿאַרגאַנגענהייט, ער איז אויסגעלייזט געוואָרן פֿון איר דרוק, וועלכן ער האָט תּמיד געשפּירט. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט זי גריינטלעך, באַוואוסטזיניק אויסגעוואָרצלט אין זיך, האָט ער גע־קאָנט אָנשרייבן דאָסדאָזיקע ווערק; בלאָק האָט גאָר בדעה נישט געהאַט צו ווערן דער הויף־זינגער פֿון אַ באַשטימטער רעוואָלוציאָ־נערער שיטה, — ער האָט אויפֿגענומען אין זיך דעם סטיכישן פּראָצעס פֿון דער רעוואָלוציע גופֿא און זי פֿאַרקערפּערט אין וואָרט. „צוועלף" איז די וואָרט־געוואָרענע נשמה פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין דאָזיקן ווערק, — אפשר איינס פון די דינאַמישסטע אין דער דיכטונג, — איז מיט אַ סטיכישער קראַפט געקומען צום וואָרט אַ גאַנץ פאָלק אין זיין קאָנצענטרירטסטער מינוט פון אונטערגאַנג און דערלייזונג. אויפן סמך פון דאָזיקן ווערק קאָן מען שרייבן די געשיכטע פון דער רעוואָלוציע־טאָג־טעגלעכקייט, פונקט ווי פון איר העכסטן עקסטאַטישן צושטאַנד; עס קומען אין אים צום וואָרט אַלע קלאַסן — די אונטערגייענדיקע ווי די אויפגייענדיקע — ווי אויך דער יחיד, וואָס איז פאַרכאַפט פון וויכער; עס קומט אין אים צום אויסדרוק די שוידערלעכע פרייד פון שאַפן דורך צעשטערונג און בלוט, און דער שעפערישער און טיפער טרויער פון מענטשן, וואָס דורך זיי פליסט מיט געוואַלט עפעס גרעסערס און שאַרפערס, ווי זיי זענען געוואוינט צו שפירן אין די אייגענע אָדערן.

אין דאָזיקן ווערק, וואו בלאָק האָט זיך אָפּגעריסן, אַ באַפרייטער און באַנייטער, פון זיין טיף־פלאַכן און ברייט־ענגן תמיד־אָנוועזנדיקן „איך” און זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טיף־באַוועגטער רעאַליטעט, האָט זיין וויזיע און זיין סימבאָל פאַרלוירן דעם שיפריאַרטיקן כאַראַקטער און געוואָרן דורכזיכטיק און פלאַסטיש, ווי אין די בעסטע מוסטערן פון לאַנג־דערסטילירטער פאָלקס־שאַפונג.

בלאָקס „צוועלף” איז געווען זיין באַפרייאונג, אָבער גלייכצייטיק זיין שעפערישע צעשטערונג.

אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען זאָגט בלאָק וועגן די אינטעליגענטן, אַז זיי קאָנען ווייניק איבערטראָגן: „זיי האָבן זיך אַליין דורכגעפוילט — זייערע מוסקולן, זייער ווילן — אויף די רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען און אויף די אָוונטן פון „פרייער עסטעטיק”. אויך בלאָק האָט געהערט צו דידאָזיקע זעלבסטצעשטערער. זיין אונטערגעשווענקט און דורכגעפוילט וועזן האָט גישט אויסגעהאַלטן דעם אויסברוך פון זיין פערזענלעכקייט. ער האָט אָנגענומען די רעוואָלוציע, זי פאַרקערפערט אין וואָרט — און איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין דאָזיקן שווייגן האָט זיין אַנטוישונג אין די מע־

טאָדן פון דער רעוואָלוציע, פון איר טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק, — זיכער געשפּילט אַ ראָלע, אָבער נישט די אַנטשיידנדיקע.

„אין יאַנואַר *1918*־טן יאָר האָב איך זיך צום לעצטן מאָל אָפּגעגעבן דער סטיכיע", זאָגט ער אין זיין בלאַסער, אָבער ערטערווייז ביז גאָר כאַראַקטעריסטישער נאָטיץ וועגן די „צוועלף".

סערגעי יעסענין

סערגעי יעסענינען זענען געשען צוויי נסים.

דער ערשטער נס באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן פון אַ יידישן קאָלאָניסט אָדער ישובניק אין רוסלאַנד.

ווען יעסענין וואָלט געווען אַ יידישער דיכטער, וואָלטן אַלע יידישע ראַטן־זשורנאַלן געווען פאַרמאַכט פאַר אים. זיינע לידער־זאַמלונגען וואָלטן נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און ווען יאָ, וואָלט ער קיין צייט נישט געהאַט צו שרייבן אַזוי פיל חרטה־בריוועלעך, וויפיל מען וואָלט געפאָדערט פון אים. ווייל יעסענין איז בדרך־כלל אַ ריינער ליריקער, אַ דיכטער פון דעם אינטים־אינדיווידועלן, פון דעם שטיל־אידילישן, אַ דיכטער, וואָס איז נישט „אין הסכם מיט דער צייט", לויטן טעכנישן אויסדרוק פון דער אָפיציעלער ליטעראַטור־קריטיק. און ווען ער פאַרכאַפּט שוין יאָ אין זיין יחידישלירישן קרייז די פּראָבלעמען פון דער צייט, ווען ער ראַנגלט זיך שוין יאָ מיט די שטימונגען פון דער צייט, איז ער אָפּט נישט נאָר נישט אין הסכם מיט דער אָפיציעלער ליניע, נאָר על־פּי־רוב אפילו אַנטי־ליניעדיק. בלויז פאַר אַזעלכע שורות: „כ'בין דעם מאַי און דעם אָקטאָבער געבן די נשמה גרייט, נאָר איך וועל מיין ליבע לירע קיינעם געבן", וואָלטן אים די יידישע ליניע־פירער געהאַט אַריינגעלייגט אין חרם.

געוויס, אויך צו יעסענינען דעם רוס האָט מען געהאַט טענות, מען האָט קריטיקירט זיין אָפּגעשיידנקייט פון דער אָפיציעלער צייט־דיכטונג, מען איז נישט געווען צופרידן מיט זיין איינטאָניק־טרויעריקער אָדער איינטאָניק־אידילישער פּאָעזיע (און אַ טייל טענות און אַ געוויסע אומצופרידנקייט זענען געווען באַרעכטיקט

און אפילו געוואָונטשן; שוין אָפּגערעדט וועגן די טענות קעגן זיינע סקאַנדאַלן, הגם זיי זענען אפשר אינדיווידועל געווען אומ־פאַרמיידלעך, קרענקלעך־נויטווענדיק). אָבער מען האָט פאַרשטאַנען, אַז אין אַלע צייטן האָט דאָס טיף־לירישע אַ רעכט אויף עקזיסטענץ, בפרט ווען עס באַקומט אַזאַ איינמאָליקן אויסדרוק, ווי ביי יעסענינען. געוויס, די אויבנגעבראַכטע שורות באַווייזן, אַז עמעצער האָט יאָ פאַרלאַנגט ביי אים זיין לירע, אָבער מען האָט זיין קאַטעגאָרישן אָפּזאָג נישט קאָנפיסקירט, און אין זיינע געזאַמלטע ווערק האָט מען אַריינגענומען אפילו זיינע רעליגיעזע לידער. קאָן מען זיך דען פאָרשטעלן אין אַ זאַמלונג פון אַ יידישן ראַטן־דיכטער פאָלגנדע שורות: „כ׳שעם מיך, וואָס כ׳האָב געגלויבט אין גאָט, ביטער איז מיר, וואָס איך גלויב שוין נישט איצט".

ווען מען לייענט יעסענינס געזאַמלטע ווערק, שפירט מען נישט ביי אים קיין אָנשטרענגונג זיך צוצופאַסן צום נייעם לעבנס־רעזשים. אויף וויפיל דאָסדאָזיקע געפיל געפינט זיך אין זיינע לידער, האָט ער עס אויפגענומען מיט זיינע נישט־געפּעטעטע חושים. און דעריבער מאַכן טאַקע אַ באַזונדער־שטאַרקן איינדרוק די געציילטע שטעלן, ווען יעסענין רייסט אַרויס פון זיין געמיט אַ קרעפטיק „יאָ" פאַר אָקטאָבער, פאַר דעם נייעם ראַטן־לאַנד.

„איך בין גלייכגילטיק איצט צו די כאַטקעס,
ס׳איז דאָס פייער אין זיי אַזוי טריב;
— — — — — — — — — —
מיר איז איצט צום האַרץ עפּעס אַנדערש...
און אין שווינדזוכט־לבהנדיקן שיין
דורכן שטיינערנעם, שטאָלענעם זע איך
פון מיין היימלאַנד די קראַפט פונם זיין.
אָ, באַפעלדעטע רוסלאַנד! גענוג שוין
מיטן אַקער זיך שלעפּן אַזוי!
ס׳טוט פון זען דיין גרויסע דחקות
די טאַפּאָלן און בערעזעס אויך וויי.

כ׳ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין מיט מיר... מעגלעך,
אַז איך טויג נישט אין נייעם אַריין!
וויל איך דאָך, אַז דאָס אָרימע רוסלאַנד
זאָל אַ שטאַרקס און אַ שטאָלענעס זיין״.

דאָס איז פּונקט אַזוי עכט, ווי זיינע אַנדערע, פון דער ליניע-אָפּגייענדיקע לידער. אגב, ליגט דאָס ליד אויך אַ ביסל אַ חוץ דער ליניע: זיך נעמט יעסענין אַרויס פון כּלל.

דער צווייטער נס באַשטייט דערין, וואָס יעסענין איז געבוירן געוואָרן, אַלס פּויערישער זון, אַ זון פון זיגערישן קלאַס.

ווען יעסענין וואָלט געקומען אויף דער וועלט ווי אַ זון פון אַ פּריץ, וואָלט מען געקאָנט לייכט דערקלערן סיי זיין שווערן אומעט, סיי זיין טרויעריקן כוף. מען וואָלט אַלץ אַרויפגעוואָרפן מיט אַ לייכט האַרץ אויף זיין אונטערגייענדיקן קלאַס, אויף זיין בורזשואַזער דעגענערירטקייט.

יעסענין איז אָבער געווען אַ זון פון זיגרייכן פּויערישן קלאַס; אויף אים האָט מען נישט געקאָנט אָנווענדן די פּאַרטיקע פאָרמול, ביי אים האָט מען געמוזט זוכן אַנדערע סיבות, אפילו ריין-אינדיווידועלע.

איך האַלט, אַז דער סאָציאַלער מעטאָד אין דער קונסט-קריטיק איז אַ ריכטיקער און פּרוכטבאַרער. די שרייבער און דיכטער לעבן נישט אין קיין לופטלאָזן רוים און די ווערק זייערע האָבן אַ שייכות נישט נאָר מיט זייער אינערלעכער וועלט, אָדער ריכטיקער זיך אויסגעדריקט: זייער אינערלעכע וועלט האָט אַ סך אַ גרעסערע שייכות מיטן סאָציאַלן אַרום, ווי זיי מיינען אין זייער אָפּגעשלאָסנקייט. אָבער מיט דערדאָזיקער ריכטיקער דערקענטעניש טאָר מען נישט מיסברויכן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אויך דער אינדיווידועלער מאָמענט האָט דאָ אַ וואָרט — און טאַקע אַ וויכטיקס. מען דאַרף תּמיד געדענקען, אַז די גרענעצן צווישן די דאָזיקע צוויי ריכטיקע קריטיק-מעטאָדן — דער סאָציאַלער און דער אינדיווידועלער — זענען פליסיק, אַז זיי בילדן מער אָדער

ווייניקער אַן איינהייט מיט אַ שטאַרקערער באַפאַרבונג אַמאָל פון ערשטן און אַמאָל פון צווייטן עלעמענט. און דאָרטן, וואו דער סאָציאַלער מאָמענט איז נישט אינגאַנצן בולט, ווען ער טרעט נישט אַרויס אין פאָדערגרונט העגעמאָניש, טאָר מען אים נישט וועלן אַרויפצווינגען אויפן דיכטער און אויפן ווערק.

יעסענין איז אַ קלאַסישע וואָרענונג, ווי קאָמפּליצירט עס איז דער ענין פון עכטער גרויסער קונסט, און ווי פאָרזיכטיק מען דאַרף צוגיין צום אין תוך-ריכטיקן און באַפרוכטנדיקן סאָציאַלן מעטאָד אין דער קונסט-קריטיק. און פונקט ווי די ליניע-אויפזעער אויפן קונסט-געביט אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן נישט איינמאָל פאַרמאַכט אַן אויג — און אַמאָל טאַקע ביידע — אויף יעסענינס נישט „האַרמאָנירן מיט דער עפּאָכע”, אַזוי האָט אויך די ראַטנפאַרבאַנדישע קריטיק אַ ביסל אַרויסגעלאָזט פון מויל די מעכאַניש-געוואָרענע פאָרמולעס פון ריין-פּראָביקער קלאַסן-קריטיק און געזוכט פאַר יעסענינען אַנדערע דערקלערונגען: ריין-אינדיווידועלע. און אויב סאָציאַלע, איז פון אַ מער אינטים-פּערזענלעכן כאַראַקטער, ווי, למשל, דער פּערזענלעכער קאָנפליקט מיט דער סביבה צוליב ריין-אינדיווידועלע אייגנשאַפטן א. א. וו.

*   *

*

לייענט מען יעסענינען, איז דער ערשטער איינדרוק: דערדאָזיקער מענטש האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענע אייגנשאַפט פון צוזאַמענגיסן זיך מיט דער אַרומיקער טויטער און לעבעדיקער נאַטור. ער הייבט אַזש אָן צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ שטיק נאַטור, וואָס האָט פּלוצלינג באַקומען די וואונדערבאַרע פעיִקייט זיך אויסצודיכטן. ווען ער קומט צוריק נאָך אַ געוויסער צייט צו זיין היימישער לאַנדשאַפט, איז ער אָן אום קווענקלענישן גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זיין באַרימטקייט, אויפהערן זינגען לידער, אַבי צוצופאַלן צו יעדער בעריאָזע און קושן איר דאָס פיסל. ער שפּירט אַזוי טיף די טויטע נאַטור, אַז ער קאָן אין איר אויסלעבן זיין רייך וועזן, זי פאַרמאָגט פאַר אים גענוג קלאַווישן פאַר די

שטאַרקסטע ביז די צאַרטסטע אַקאָרדן. ער האָט פאַרמאָגט די קראַפט פון אורמענטש צו שאַפן מיטן, אַריינצודיכטן אין דער נאַטור זיין נאָענטן אַרום. עס איז ביי יעסענינען נישט קיין מאַ־ניער, ווען דער הימל ווערט ביי אים אַן אייטער, די שטערן — ציצן, די לבנה — אַ שעפּסעלע, דער האַרבסט — אַ געלע קליאַטשע, פונקט ווי עס איז ביי אים נישט קיין ליטעראַרישער אויסדרוק, ווען ער איז גליקלעך מיט דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט גע־שלאָגן קיין חיות — זיינע ייִנגערע ברידער — איבערן קאָפּ. און ווי ער דערפרייט זיך, ווען ער באַגעגנט אין שטאָט אַ קו אויף אַ שילד: ער פאַרנייגט זיך אַזש פאַר איר.

ווען איז נאָך אַ מענטש אַזוי אויפריכטיק, ווי פאַרן טויט? און ווען מיר לייענען יעסענינס לידער פון די לעצטע חדשים פאַר זיין טויט, ווען ער האָט זיך געגרייט צו זעלבסטמאָרד, געפינען מיר אַלץ דידאָזיקע אומגעוויינלעכע ליבע צו דער נאַטור. „די בלומען זעגענען זיך מיט מיר, — זינגט ער צוויי חדשים פאַרן טויט, — אַראָפּלאָזנדיק נידעריק די קעפּלעך, ווייל איך וועל שוין קיינמאָל מער נישט זען נישט זיי און נישט די היימישע געגנט... נו, מילא איך האָב זיי געזען, און כ׳האָב געזען די ערד, און אויך דעמדאָזיקן קבר־ציטער וועל איך אָננעמען ווי אַ נייע צערטלעכקייט“...

עס וועט שווער זיין צו געפינען נאָך אַ דיכטער, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט יעסענינס פעיִקייט אויפצולעזן זיך און אויסצולעבן זיך אין דער נאַטור. אויב יעסענין האָט אין שורות אָפּגעקאָסעט גראָז געקאָנט זען ווערטער און געזאַנגען פאַר זיינע ייִנגערע ברידער — דעם פערד און דעם שעפּס, דאַכט זיך מיר אַמאָל ביים לייענען זיינע לידער, אַז זיינע ייִנגערע ברידער, דאָס פערד און דער שעפּס, וואָלטן דערשמעקט אין זיי דעם ריח פון זייער היימישן גראָז, דעם ריח פון זייער אייגענער וועלט.

* *

*

יעסענין איז דער פּאָעט פון דער געזונטער דאָרפישער נאַ־טור. אָבער די דאָרפישע אידילישקייט זיינע האָט אַ טיף־טראַגיִ־

ריקן טאָן. און שוין אין די פריע לידער טרעפט מען ביי אים דאָס פּאָרגעפיל פון זיין טרויעריקן סוף. „איך בין געקומען אויף דערדאָזיקער ערד, כדי וואָס גיכער זי צו פּאַרלאָזן". און דערפאַר אפשר איילט ער זיך אַזוי אויסצולעבן זיך, דערפאַר אפשר ברידערט ער זיך אַזוי מיט דער ערד, וועלכע וועט אינגיכן דאַרפן זיין זיין איינציקער און שטענדיקער אָפּרו.

די רוסישע קריטיק האָט געזוכט אַן ענטפער אויף דעמדאָזיקן יעסענין־פּראָבלעם. נישט קאָנענדיק עס פאַרענטפערן מיטן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, האָט זי געפּרובירט זוכן אַן ענטפער אין אַ געוויסער אַטאַוויסטיש־איבערגענומענער ראַסן־אייגנשאַפט. עס איז אויך דאָ אַ מיינונג, אַז די סיבה פון יעסענינס טרויער דאַרף מען זוכן אין זיין פערזענלעך לעבן, אין זיינס אַ קינדהייט־טראַגעדיע, און ערשט אַ גענויע ביאָגראַפיע פון דיכטער וועט קאָנען וואַרפן אַ ליכט אויף דעמדאָזיקן כאַראַקטעריסטישסטן שטריך זיינעם, וואָס האָט באַהערשט זיין לעבן און אים דערפירט צום פריצייטיקן טויט.

דידאָזיקע דערקלערונג, וואָס וויל זוכן די סיבה פון יעסענינס נשמה־קראַנקהייט אין זיין פסיכישער ירושה און אין זיין קינדהייט איז די ריכטיקסטע. צו דידאָזיקע דערווייל נאָך אומבאַקאַנטע הויפּט־סיבות, קומען צו אַנדערע סיבות, וועלכע וואָלטן אפשר פאַר אַן אַנדערן נישט געהאַט אַזעלכע פאַטאַלע רעזולטאַן, אָבער ביי יעסענינען זענען זיי געווען דער לעצטער שטויס, וואָס האָט אים אַ שליידער געטון אין תהום.

* *

*

יעסענין איז דורך זיין באַרימטקייט אַרויסגעריסן געוואָרן פון דאָרף. די אָפּגעריסנקייט פון זיין עלעמענט, וואָס איז נאָך דערצו באַשטימט געוואָרן צום אונטערגאַנג אין וויכערדיקן טעמפּאָ פון רוסישן רעוואָלוציאָנערן לעבן, האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין אומעטיק געמיט. עס פעלט אים די איינציקע טרייסט — זיין דאָרפישע לאַנדשאַפט, די יינגערע ברידער זיינע. און חוץ דעם, דערשפירט ער נאָך אין שטאָט, אַז ער איז דער לעצטער דיכטער „פון

דאָרף". „אויפן שטעג פון בלויען פעלד — זינגט ער, — וועט אינ־גיכן אַרויסגיין אַן אייזערנער גאַסט. די האָבער־פלאַנץ, פאַרגאָסן דורך דעם זון־אויפגאַנג, וועט אויפקלויבן זיין שוואַרצע פויסט".

אָט דער שאָטן פון אייזערנעם גאַסט, וואָס האָט שוין אַמאָל שיער נישט דערפירט צו משוגעת אַן אַנדערן גרויסן דיכטער, דעם באַזינגער פון אונטערגייענדיקן דאָרף (עמיל ווערהאַרן), דערדאָזי־קער שאָטן האָט מיטגעהאָלפן יעסענינס טרויער אים אַרייגצוטרייבן אין שענק.

יעסענין איז געווען אַ סקאַנדאַליסט, ווי ער גופא רעקאָמענ־דירט זיך צענדליקער מאָל אין זיינע לידער, אָבער דאָס איינציקע מאָל, ווען ער זאָגט צו זיין געליבטע: „ווען דו ווייסט, ווי אַזאַ כוליגאַן קאָן אויך ליב האָבן און זיין אונטערטעניק", איבערצייגט ער אונז מער ווי דורך אַלע זיינע סקאַנדאַלן, ווייל אויף דער וואָג־שאָל פון דערדאָזיקער פאַרזיכערונג לייגן זיך אַרויף מיט אַ ריזי־קער משא זיינע לידער מיט זייער טיפער צאַרטקייט און אָפּגע־קלערטער טיפקייט. די סקאַנדאַלן זענען געווען אַ מין איבערשוי־מען פון זיינע צאַרטע טיפענישן, זיי זענען געווען אַזאַ מין פּראָפּנס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרשטאָפּן דעם שפּאַלט אין זיין נשמה. ריכטיק באַמערקט דער רוסישער קריטיקער א. וואָראָנסקי, אַז יע־סענינס שענק־לעבן איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט זיין אינער־לעכער קינדישער ריינקייט און דאָס געפיל פון פאַראַכטונג צו זיך אַליין האָט אים געטריבן צו זיין טויט.

אין זיינע לידער קאָן מען געפינען אומצייליקע שורות, וואָס באַרעכטיקן אַזאַ דערקלערונג. דער אינערלעכער אומרו האָט אים געטריבן אין שענק, און דער רעזולטאַט פון שענק האָט אים גע־טריבן צו יאוש.

צו דעם אַלעם איז צוגעקומען דאָס פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך צום נייעם רוסלאַנד, וואָס איז פון גרונט אויף איבערגעאַקערט גע־וואָרן, נישט צום דערקענען.

אין זיין ליד „דאָס אַוועקגייענדיקע רוסלאַנד" רייסן זיך אַרויס ביי אים טויט־אומעטיקע טענער.

איך בין קיין נייער מענטש נישט.
כ׳ווייס, אַז איך שטעק
מיט איין פוס נאָך אין אַלטן און שוין טויטן
און כ׳פּאַרפּלאָנטער זיך די „שטאָלערנע" אין וועג...

אין אַ צווייט ליד קומט עס נאָך שטאַרקער און טיפער צום אויסדרוק. ער קומט אַהיים, אין זיין דאָרף, וואו ער איז נישט געווען אַכט יאָר צייט, און ער שטעלט פעסט מיט שרעק:

כ׳בין קיינעם, קיינעם דאָ באַקאַנט.

אמת, יעסענין באַמיט זיך אַליין איינצונעמען זיין געקרענקט געמיט, ער וויל עס מיושבדיק באַרויִקן:

נאָר ס׳רעדט צום האַרץ די שטים פון מיין געדאַנק:
מיט וואָס ביסטו באַליידיקט, מאַך זיך קלאָר!?
דאָס ברענט אַ נייע וועלט בלויז און ס׳גייט אויף
ביי כאַטקעלעך אַ צווייטער נייער דור.
האָסט אָנגעהויבן ביסלעך אָפּצובליען,
פון אַן אַנדער יוגנט האָבן נייע לידער זיך דערהערט,
און זיי, זיי מוחל, וועלן זיין אינטערעסאַנטער —
נישט דאָס דאָרף איז זיי אַ מאַמע, נאָר די גאַנצע ערד.
כ וועל גיין דעם אויסגעהאַקטן גאַנג פון לעבן,
כ׳בין דעם מאַי און דעם אָקטאָבער געבן די נשמה גרייט,
נאָר כ׳וועל מיין ליבע לירע קיינעם געבן.

עס איז זיכער אמת, ווען א. וואָראָנסקי שרייבט, אַז מען האָט זיך מיט יעסענינען גערעכנט אַנדערש ווי מיט אַנדערע, אַז אים, אַלס „בלימל, וואָס קיין צווייטס אַזאַ איז נישטאָ", זענען געשאָנקען געוואָרן אַ סך זאַכן, וואָס וואָלטן אַן אַנדערן טייער געקאָסט; עס איז אויך אמת, אַז אַ סך מאָל, ווען מען האָט אים נישט געשאָנקען, איז אָביעקטיוו גערעכט געווען נישט יעסענין, וויל

פאַראַן געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, וועלכע טאָרן קיינעם נישט געשאָנקען ווערן, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז יעסענין האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צום נייעם לעבנסשטייגער, נישט צו דער גענעראַלער ליניע און נישט צום נייעם גאַנג פון דער געשיכטע, און ער האָט זיך געשפּירט ווי אַן איבעריקער, ווי אַזאַ, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס. ער איז טיילווייז צעמאָלן געוואָרן אונטער די שנעל־זיך־דרייענדיקע רעדער פון דער געשיכטע.

צו די אַלע צווישן זיך קאָמפּליצירט־פאַרבונדענע סיבות, איז, וואָרשיינלעך, צוגעקומען נאָך איינע: אַ טראַגישע ליבע.

אין זיין קורצער אויטאָביאָגראַפישער נאָטיץ זאָגט דער דיכטער: „וואָס איז שייך די איבעריקע אויטאָביאָגראַפישע פאַקטן, געפינען זיי זיך אין מיינע לידער“. און דאָס איז ריכטיק. אין יעסענינס לידער קומט אַלץ פון זיין טיפסטן וועזן, פון זיין אינטימסטער איבערלעבונג. דעריבער האָט מען דאָס רעכט שוין בלויז אויפן סמך פון זיינע לעצטע לידער צו רעדן וועגן אַ טראַגישער גרויסער ליבע, וואָס האָט אים געגעבן דעם לעצטן שטויס אין אָפּגרונט.

פאַראַן דערשיטערנדיקע לידער צווישן יעסענינס לעצטע שאַפונגען, וואו ער לאַכט אָפּ פונם אייפערזוכט־געפיל און פּרוווט שלום־מאַכן דערמיט, אָבער דאָס גיט זיך אים נישט איין. ער קערט זיך ווידער און ווידער אום צום מאָטיוו פון דער געליבטער, וואָס האָט אים פאַרביטן אויף אַ צווייטן.

אָט דאָס זענען אין קורצן די הויפּט־מאָמענטן פון יעסענינס לעבן און שאַפן, וועלכע האָבן אים געפירט צום לעצטן און בולטן אַקט פון יעסענינס לעבנס־טראַגעדיע. ער האָט נאָכגעפאָלגט די טראַדיציע פון די גרעסטע רוסישע דיכטער (ווי פּושקין, לערמאָנטאָוו) אומצוקומען יונג מיט אַ געוואַלטזאַמען טויט פון אַ דועל. אויב נישט פון אַ דועל מיט אַ ריוואַל, איז פון אַ דועל מיט דער צייט, פון אַ דועל מיט דעם אייגענעם איך.

נאָמענלאָזער, שעפערישער העראָיזם

אַנטואַן דע סענט־עקזיפּערי, פון פאַך אַ לופט־פליִער, האָט נישט לאַנג אַרויסגעגעבן זיין צווייט ווערק אונטערן נאָמען: „דאָס פליִען ביינאַכט". דאָס ערשטע בוך פון יונגן שריפטשטעלער האָט אויך געהאַט אַלס טעמע די לופט־פליִעריי, אָבער אויב דאָס ערשטע בוך איז געווען אַ פיינער „נאָרמאַלער" ראָמאַן אין דער נייער טע־מאַטישער ראַם פון לופט־פליִעריי, איז דאָס צווייטע בוך אַ ווערק, וואו די נייע טעמאַטיק איז דורכגעגליט מיט נייע אינערלעכע ווערטן, אַ ווערק, וואָס לאָזט אונז שפּירן דעם טעם פון מאָדער־נעם אַרט דענקען, פון מאָדערנעם שאַפן. דאָסדאָזיקע ווערק איז בלתי ספק אַ פּראָדוקט מער פון לעבעדיקן הייגט, ווי פון קינסט־לערישן שאַבלאָן פון נעכטן, און במילא האָבן מיר פאַר זיך אַן עכט קונסט־ווערק, אַן אָריגינעלן פּראָדוקט פון אוממיטלבאַרן שאַ־פונגס־פּראָצעס.

דער אינהאַלט פון דאָזיקן קליינעם שעדעווער באַשטייט פון צוויי פּאַראַלעל־לויפנדיקע ליניעס פון געשעענישן און איבערלע־בונגען: איין ליניע ציט זיך אין דער הייך, איבער די וואָלקנס, און די צווייטע — וואָס איז פאַרבונדן מיט דער ערשטער, ווי דער קערפּער מיט דער נשמה — ציט זיך אויף דער ערד. דער אייגנטלעכער סיפור־המעשה לאָזט זיך איבערגעבן אין געציילטע ווערטער: איינער פון די פליִער פון אַ לופט־פאַרקער־ליניע געפינט זיך אין וועג. ער פליט ביינאַכט, ווייל די לופט־פאַרקער־געזעל־שאַפט, וואָס איז פאַרקערפּערט אין ה' ריוויער, האָט איינגעפירט ביינאַכטיקע נסיעות, כדי דער לופט־פאַרקער זאָל נישט פאַרלירן דורכן ביינאַכטיקן רוען דאָס, וואָס ער געווינט דורך זיין שנעלקייט בייטאָג. דער לופט־פליִער פאַלט אַריין אין אַ הוראַגאַן, ער הייבט

זיך אויף איבער די וואָלקנס, אָבער דער בענזין גייט אים אויס און ער וועט מוזן אומקומען. מיר זעען אים ווי ער פליט איבער די וואָלקנס, אָבער וועגן זיין אומקום דערוויסן מיר זיך אויף דער ערד : וואו ריוויער וואַרט אויפן נצחון פון זיין לעבנס־אַרבעט איבער דער נאַכט און דעם פליערס פרוי וואַרט אויף איר מאַן. די פרוי קומט צו ריוויערן פרעגן וועגן איר מאַן. ריוויער ווייסט, אַז זייער ביידנס וואַרטן איז אומזיסט. אָבער אין דער זעלבער נאַכט פליט אַרויס אַ צווייטער פליער, וועלכער לאַכט ביים געדאַנק, אַז ריוויער האָט אים חושד געווען אין פחדנות.

ווי פשוט, ווי נישט ראָמאַנטיש עס איז דער אייגנטלעכער סיפור־המעשה פון דאָזיקן מערקווירדיקן ביכל. ער איז אַזוי אָרים, אַז דער סקעלעט זיינער צעפאַלט אונטער די הענט ; אָבער ווי שיין און סובטעל, ווי טיף און מענטשלעך־טראַגיש עס איז זיין לעבנס־אָטעם !

דער פליער איז נישט קיין העלד, ער פליט נישט, כדי צו באַפרידיקן זיין אייגענעם פאַרלאַנג. ער וויל נישט שלאָגן קיין רע־קאָרדן, ער פליט נישט צוליבן פליען. ער איז איינער פון די מי־ליאָנען נאָמענלאָזע העלדן, וואָס זייער העלדישקייט וואַקסט אויס אויפן פונדאַמענט פון זייער פּראָפעסיע, פון דער לעבנס־נויטווענ־דיקייט. דאָס איז איינער פון די, וואָס דאָס לעבן, אָדער ריכטי־קער — דער שעפערישער דראַנג פון דער מענטשהייט — צווינגט זיי אומבאַמערקט אַריבערצושטייגן דעם אייגענעם וואוקס. דאָס איז נישט די העלדישקייט פון אַ מיגוט אָדער פון אַ געבענטשטן קאַפּריז, נאָר די העלדישקייט פון גאַנצן מענטשלעכן העכער־שטייגן.

דער פליער איז אַזוי נאָמענלאָז, אַז ווען עס קומט די ידיעה וועגן זיין אומקום און דער פליער, וואָס פליט אַרויס אין דער זעלבער נאַכט, לאַכט זיך פונאַנדער מיט אַ שוואַך געלעכטער — „מיט אַ שוואַך געלעכטער, וואָס איז אָבער שטאַרקער פאַר די־דאָזיקע וואָלקנס, דידאָזיקע בערג, דידאָזיקע טייכן און ימען", — דאַכט זיך אונז, אַז דאָס לאַכט דער זעלבער אומגעקומענער פליער

ביים געדאַנק, אַז ריוויער האָט אים חושד געווען אין פּתדנות.

אָבער נישט נאָר איין נאָמענלאָזער העלד איז דאָ אין דאָ־זיקן בוך. אויך ריוויער איז נאָמענלאָז. דערדאָזיקער שעפער פון לופט־פּאַרקער איז אַ טיפּ פון אַן אַסקעט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּערזענלעך לעבן, כדי זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן זיין אַרבעט. ה׳ ריוויער פּאַרקערפּערט דעם גאַנצן טראַגישן דראַנג פון מענטשן אַריבערצושטייגן די אייגענע כוחות. ער איז שטרענג צו זיך און צו זיינע מיטאַרבעטער אין נאָמען פון מענטשלעכן מין, וואָס שטייט העכער פון יחיד. ער אונטערדריקט אין זיך ליבע, רחמנות, מיטלייד, פריינטשאַפט, כדי דורך האַרטקייט צו געבן דעם מענטש די געלעגנהייט אַריבערצושפּרייזן איבער זיך. די לופט־פליִערײ מוז גובר זיין די נאַכט, כדי דער מענטש זאָל קאָנען שטייגן אין זיינע פּאַרקער־מעגלעכקייטן אויף אַ העכערן שטאַפּל. און ער גיט דעם באַפעל צו פליִען ביינאַכט. ווען איינער פון זיינע פליִער קומט אום, שפּירט ער דאָס ווי זיינס אַ מפּלה, אָבער ער טאָר נישט זיין שוואַך. אָפּלייגן איין נאַכטיקן פלי — הייסט אויפגעבן דעם זיג אי־בער דער נאַכט. און ער גיט אַרויס דעם באַפעל צו פליען. ער איז נישט אוממענטשלעך. ערשטנס, טוט ער דאָס אַלץ נישט אין נאָמען פון פּערזענלעכן פּראָפיט; ער איז נישט דער באַפעלנדיקער פּאַראַ־זיט, נאָר דער גוט־פונקציאָנירנדיקער, אָרגאַניזירנדיקער מענטשלע־כער ווילן. און צווייטנס, איז ער נישט פאַרשלאָסן פאַר דעם ריין־מענטשלעכן, פאַר דער מענטשלעכער באַרעכטיקטער שוואַכקייט. פאַר זיך וואַרפט ער אָפּ דאָס קליינע פּערזענלעכע גליק פון קליינ־בירגער, פון דורכשניטס־מענטש, ווייל מען דאַרף דאָס אַריבער־וואַקסן, — אָבער ווען עס קומט צו אים דעם פליִערס פרוי, זעט ער נישט אין איר „דאָס פּראָבלעם פון אַ פּערזענלעך קליין אומגליק", נאָר ער פילט, אַז פונקט ווי ער — רעדט אויך „די דאָזיקע פרוי אין נאָמען פון אַן אַבסאָלוטער וועלט, אין נאָמען פון אירע פליכטן און אירע רעכט. די רעכט פון אַ לאָמפּן־ליכט איבער אַן אָוונט־טיש, פון אַ קערפּער, וואָס זאָל פאָדערן איר קערפּער... זי פאָדערט איר גוטס און זי האָט רעכט". ער ווייסט, אַז „אויך ער, ריוויער, האָט

רעכט, אָבער ער קאָן גאָרנישט אַנטקעגנשטעלן דעם אמת פון דערדאָזיקער פרוי, דעם ליכט פון אַ באַשיידענעם היימישן לאָמפּ"...

ריוויערס געדאַנקען און געפילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן פליִערס טויט און מיט זיין פרוי, זענען די סובטעלסטע און צאַרטסטע אין דאָזיקן בוך, וואָס איז אַזוי רייך אין טיפער שיינקייט. ריוויער טראַכט וועגן דעם פליִערס האַנט, וואָס בלאָנזשעט „איבער אַ ים פון וואָלקנס, פון נאַכט", וואָס איז „פאַרלוירן צווישן די שטערנס, וועלכע ער איינער אַליין באַוואוינט. ער האַלט נאָך אין זיינע הענט די וועלט... און ער פירט, אַ פאַריאושטער, פון איין שטערן צום צווייטן, דעם אומנויטיקן אוצר, וועלכן מען דאַרף שוין צֻט-אָט אומקערן"... „ריוויער טראַכט, אַז פאַביאַנען (דעם פליער) פאַרבינדט נאָך בלויז מיט דער ערד אַ מוזיקאַלישע כוואַליע (פון ראַדיאָ)... נישט קיין באַקלאָגן זיך, נישט קיין געשריי, נאָר דער ריינסטער קלאַנג, וואָס האָט ווען-נישט איז פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם יאוש". ריוויער טראַכט אויך וועגן פאַביאַנס האַנט, וואָס „האָט זיך צוועקגעלייגט אויף אַ ברוסט (פון זיין פרוי — י. ר.) און האָט דאָרט אַרויסגערופן אַ שטורעם, ווי אַ געטלעכע האַנט. דידאָזיקע האַנט, וואָס האָט זיך געלייגט אויף אַ פנים און האָט געענדערט דאָס פנים. דידאָזיקע האַנט, וואָס האָט געוויזן נסים". און ריוויערן קומט דער נאַטירלעכער געדאַנק: „דידאָזיקע מענטשן, וואָס קומען איצט אפשר אום, וואָלטן געקאָנט לעבן גליקלעך". טאָ אין וואָסער נאָמען האָט ער זיי אַרויסגעריסן פון זייער פערזענלעכן גליק? ער גופא צעברעכט זיי"... אָבער „די עלטער און דער טויט צעשטערן זיי נאָך אומברחמנותדיקער, ווי ער. עס עקזיסטירט אפשר עפעס אַזוינס, וואָס מען דאַרף גיכער ראַטעווען און וואָס איז דויערהאַפטיקער"...

און ריוויער דערמאַנט זיך וועגן אַ פאַרוואונדעטן בעתן בויען אַ בריק. דער אינזשיניער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים און געפרעגט: „איז דען דידאָזיקע בריק ווערט אַ צעקוועטשט פנים?" „און פונדעסטוועגן בויט מען בריקן"...

ריוויער איז דערשיטערט פון פאַביאַנס טויט. די כמעט שטו-

מע סצענע צווישן ריוויערן און פּאַביאַנס פרוי איז דערשיטערנדיק אין דער טראַגישער הילפלאָזיקייט אויסצוגלייכן אין טאָג־טעגלעכן לעבן די צוויי אמתן — ריוויערס און פון פּאַביאַנס פרוי.

דאָס וואונדערבאַרע דערביי איז, וואָס אויך די פרוי שפּירט דעמדאָזיקן תהום און באַגרייפט אים נישט מיטן פאַרשטאַנד און נישט אין קלאָרע פאָרמולירונגען, נאָר מיט איר האַלטן זיך און מיט איר האַנדלען. און דאָס, וואָס דער יונגער שרייבער האָט דאָס געקאָנט בולט מאַכן אין ווייניק האַנדלונגען און אין נאָך ווינציקער ווערטער, איז איינער פון די בעסטע באַווייזן, ווי טיף ער האָט איבערגעלעבט זיין ווערק און ווי גרויס עס איז די קונסט פון דאָזיקן יונגן טאַלאַנט.

* *

*

דאָסדאָזיקע קליינע ביכל איז געשריבן מיט אַ פאַרבליפנדי־קער מייסטערשאַפט. עס איז אינטים־איבערגעלעבטס, געלייטערט דורך טיפן טראַכטן און אויסערגעוויינלעכן קינסטלערישן מאָס־געפיל. עס איז אַ ווערק פון גראַנדיעז־פּשטותדיקער שיינקייט. דאָסדאָזיקע ביכעלע עגבערט זיך איין אין מוח און אין האַרץ, ווי אַ גוט־גע־צילטע שאַרפע פייל. און מיר האָבן דאָס געפיל, אַז איר פלי־קראַפט און איר ציל גרייכן נאָך ווייטער, ווי מיר פילן דאָס אין ערשטן מאָמענט. וואָס שייך דער סוגערירנדיקער קראַפט פון די בילדער און געדאַנקען, זענען זיי אַזוי שטאַרק און סובטעל, אַז נאָר ביים לייענען דאָס בוך קאָן מען זיך שאַפן וועגן דעם אַ פולן באַגריף.

„קאַרל און דער 20-סטער יאָרהונדערט“

אונטערן אויבנגעבראַכטן טיטל האָט אַן עסטרייכישער שרייבּער ר. בּרונגראַבּער אַרויסגעגעבּן אַן אָריגינעל, גוט-געשריבּן בּוך. ווי ס'איז צו זען פון בּוך-נאָמען געהערט בּרונגראַבּערס בּוך צו יענעם מין ליטעראַרישע ווערק, וואָס זוכן און געפינען נייע אויסדרוק-פאָרמען פאַרן ראָמאַן פון אונזער צייט. אַזאַ נאָמען פון אַ בּוך — „קאַרל און דער *20*-סטער יאָרהונדערט“ — איז זיך אוממעגלעך פאָרצושטעלן בּיי אַן אַלטמאָדישן שרייבּער. דער נאָמען אַליין דריקט אויס אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין דער קונסט.

אַלס אַריינפיר צום בּוך בּרענגט דער מחבּר צוויי ציטאַטן. איינער שטאַמט פון נאַפּאָלעאָנען אין אָנהייב פון *19*-טן יאָרהונדערט: „די פּאָליטיק איז דער גורל פון דער מענטשהייט“. דער צווייטער שטאַמט פון וואַלטער ראַטענאַו אין אָנהייב פון *20*-סטן יאָרהונדערט: „די ווירטשאַפט איז דער גורל פון דער מענטשהייט“. אויב נאַפּאָלעאָן, דער גרויסער נאַפּאָלעאָן, האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ קראַפט עס האָט אָנגעטריבּן זיין „סוווערענע“ טעטיקייט און ער האָט זיך געטרייסט מיט דער אילוזיע, אַז זיין פּאָליטישע טעטיקייט איז סוווערען און זי בּאַשטימט דעם גורל פון דער מענטשהייט, טאָ וואָס איז דאָס וואונדער, אַז דער מיטלמעסיק-אינטעליגענטער, קליינבּירגערלעך-בּלינדער ק אַ ר ל ל אַ ק נ ע ר ווייסט נישט וועגן דער אמתער טרייבּ-קראַפט, וואָס פירט אָן מיט זיין גורל? קאַרל לאַקנער שטייט פון איין זייט און פון דער צווייטער — די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פון *20*-סטן יאָרהונדערט, וואָס לאָזט זיך שוין בּולט דערקענען אַלס העכסטער גורל פון די אַלע קאַרלס — אָבער קאַרל לאַקנער דערקענט נישט זיין גורל, ער ווערט צעריבּן פון אים אין אַ בּאַוואוסטלאָזן צו-

שטאַנד. און דאָס שפּירן מיר אַלס זיין גרעסטע טראַגעדיע. אפילו די איינציקע טרייסט, וואָס איז געבליבן די קאַרל לאַקנערס — די טרייסט פון באַוואוסטזיין און באַוואוסטזיניקן ווידערשטאַנד — אפילו דידאָזיקע א יי נ צ י ק ע טרייסט האָט ער נישט געהאַט.

*

*

קאַרל לאַקנער איז אַ קינד פון אַ ווינער טראַמוויי-אַרבע-טער. דער פאָטער איז אַן אומהיילבאַרער שיכּור. אַלץ, וואָס ער פאַרדינט, פאַרטרינקט ער און די פאַמיליע ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער מוטער, וועלכע גייט וואַשן וועש. די מוטער, איינע פון די פרויען, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַן אומגלויבלעכן אוצר פון ליבע, ערלעכקייט און מסירת-נפש, פּייניקט זיך מיט אַלע פיזישע ענויים, אַבי צו שאַפן פאַר איר קאַרלען מעגלעכקייטן צו דער-גרייכן זיין ציל: ענדיקן דעם לערער-סעמינאַר. אָבער ווי נאָר קאַרל ענדיקט דעם סעמינאַר, ברעכט אויס די וועלט-מלחמה. קאַרלס טרוים, אַז איצט וועט ער קאָנען אָפּצאָלן דער מוטער פאַר אַלע אירע קרבנות, וואָס זי האָט געבראַכט פאַר אים, ווערט אָפּ-געררוקט אויף אַן אומבאַשטימטער צוקונפט.

אין דער מלחמה ווערט דער פּאַטריאָטיש-געשטימטער קאַרל — אַ העלד. ער באַקומט איינער נאָך דער צווייטער אַלע מיליטערישע אויסצייכענונגען — ביז דעם קרוין-מעדאַל. אָבער ווען ער קומט אַהיים פון געפאַנגענשאַפט — געפינט ער שוין נישט זיינע עלטערן; זיין לערערישע אַרבעט דאַרף שוין נישט דאָס קליין-געוואָרענע עסטרייך; דאָס געלט, וואָס ער פלעגט שיקן דער מוטער אַלס אָפיציר, געפינט ער אומגערירט צווישן דער מוטערס וועש, אָבער דידאָזיקע גרויסע סומע, פון וועלכער די מוטער האָט זיך אָפּגעזאָגט (ווי אין משך פון אַ גאַנץ לעבן) לטובת דעם זון — איז גאָרנישט ווערט: די אינפלאַציע האָט זי אויפגעפרעסן; דער גאָלדענער קרוין-מעדאַל ווייזט זיך אַרויס אַלס טאָמבאַקענער, ווי די גאַנצע אַלטע וועלט, וואָס איר נישטיקייט און פאַלשקייט זעט

ער איצט איין, אָבער נאָר אין אַלגעמיין, נישט אין די פּרטים; פאַרנעפּלט — נישט קלאָר.

דאָס פאָטערלאַנד באַגעגנט דעם העלד (ווי אַ סך העלדן) מיט אַ ווירטשאַפטלעכן קריזיס. אַ שטיקל צייט גענישט ער די וועלט אין רויִקייט, אַלס גאַסט פון צופעליקע באַקאַנטע אין שווערן. אָבער צוריקקערנדיק אין פאָטערלאַנד, זינקט ער אַלץ טיפער און טיפער, ביז ער האָט אויסצווויילן איינס פון די ביידע: אָדער ווערן אַ פאַרברעכער אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד. די וועלט טרייבט אים צום פאַרברעכער־פאַך, אָבער ער האָט קיין פעיִקייטן נישט דערצו: ווען ער וויל פאַרגוואַלטיקן, אַלס פּראָטעסט קעגן דער וועלט, די טאָכטער פון אַ זאַטן נדבה־געבער, זענען געגנוג די טרערן פונם מיידל, ער זאָל געפינען צוריק דאָס מענטשלעכע געפיל אין זיין גרעסטער אויפרעגונג; ווען ער וויל באַרויבן אַ רייכן שיכור, איז גענוג יענעמס געשריי וועגן זיינע קינדער, כדי ער זאָל אים לאָזן צורו און — באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָס איינציקע, וואָס עס בלייבט אים איבער.

דערדאָזיקער קאַרל לאַקנער איז אַ באַשרענקטער אָבער ער־לעכער מענטש. ער האָט נישט קיין ברייטע האָריזאָנטן, אָבער ער פאַרמאָגט אַ פעסטן פונדאַמענט אין משך פון זיין פיינפולן לעבן — אַ געפיל פון יושר. ער איז אַזוי פאַרטון אין זוכן אין יעדער זאַך דעם ריינעם יושר, אַז אפילו ביים ראַנד פון אָפּגרונט איז ער גרייט צו זוכן די שולד ביי זיך. בלויז צו איין דערקענטעניש דערגייט ער צום סוף פון זיין אָרים, אפילו מיט באַוואוסטזיין אָרים לעבן: „די וועלט, — טראַכט קאַרל, — האָט מיך צוויי מאָל מאָ־ביליזירט. אין דער אַרמיי, ווען די וועלט־מאַשין האָט אָרגאַניזירט די גרויסע שחיטה, און איצט בין איך אין אַ צווייטער אַרמיי, וועל־כע מען האָט פאַרמשפט אויף אַ גרויסן הונגער”. אַ חוץ דערדאָזי־קער צוויימאָליקער מאָביליזאַציע זענען אין קאַרלס לעבן מער נישט געווען קיין שום עיקרדיקע געשעענישן.

* *
*

די אָריגינעלקייט פון דערדאָזיקער אַלטעגלעכער געשיכטע באַשטייט אין דער פאָרם. ברונגראַבער פירט פּאַראַלעל צוויי קאָנטעס: די קאָנטע פון אָרימקייט־קינד קאַרל לאַקנער, און די קאָנטע פון היפּער־רייכן 20־סטן יאָרהונדערט.

נאָך איידער קאַרל לאַקנער איז געבוירן געוואָרן, האָט שוין דער אַמעריקאַנער אינזשיניער טיילאָר געלייגט דעם יסוד פאַר קאַרל לאַקנערס גורל: ער האָט פאַרזייעט דאָס גיפטיקע קערנדל פון ראַציאָנאַליזאַציע. און פונקט ווי אין אַמאָליקע ראָמאַנען פלעגט מען צוגרייטן דאָס לעבן פונם הויפּט־העלד דורך דערציילן גענוי די געשיכטע פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, אַזוי דערציילט ברונגראַבער אין זיין מאָדערנעם ראָמאַן די געשיכטע פון טיילאָריזם אַלס אַריינפיר צו קאַרל לאַקנערס לעבן.

קאַרל לאַקנער ווערט געבוירן שפּעטער פאַר זיין גורל. אָבער זיי וואַקסן ביידע צוזאַמען. ברונגראַבער שילדערט פּאַראַלעל קאַרלס אַנטוויקלונג און די אַנטוויקלונג פון 20־סטן יאָרהונדערט. מיר זען ווי די אָרימע וועשין גיט אַוועק איר מיטאָג פון די רייכע טישן איר קליינעם זון און מיר זען די אַנטוויקלונג פון פילם, פון דער וויסנשאַפט (רענטגען־שטראַלן א. אַ. וו.), פון דערווירטשאַפט (דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע, פון וועלט־עקספּאָרט), פון דער פּאָליטיק (דעם קאַמף פאַר וועלט־מערק). מיר האָבן פאַר זיך אַ רעווי פון דידאָזיקע אַלע זיך־אַנטוויקלענדיקע מאָנסטער־כוחות, און צווישן זיי פּלאָנטערט זיך, ווי אַ פליג אין אַ ריזיקער שפּינוועבס, דער קליינער קאַרל לאַקנער מיט אַלע זיינע פּיינען און טרוימען, מיט זיין גאַנצער אַנונגסלאָזיקייט און אומאָפּווענדבאַרער געשטעמפּלטקייט. ווען דער קליינער קאַרל געפינט זיך נאָך אין פּיבער פון זיין זאַמלען מאַרקעס און ער דערוואַרעמט זיך דורך טוישהאַנדל אַזעלכע טייערע „שטיק” ווי מאַדאַגאַסקאַר, ניי־פונדלאַנד און כיאַם, דערוויסן מיר זיך תיכף פּאַראַלעל דערמיט, אַז אין זעלבן טאָג זענען צווישן זיך דורכגעקומען וועגן גורל פון דידאָ־

זיקע געביטן אויך ענגלאַנד און פראַנקרייך. נישט נאָר דער קליי־נינקער קאַרל לאַקנער האָט עפּעס דערוואָרבן דורך טויש־האַנדל...

און דעם זעלביקן מעטאָד װענדט ברוגגראַבער אָן בעת דער וועלט־מלחמה: דער זעלנער, דערנאָך דער אָפיציר, דערנאָך דער פליער קאַרל לאַקנער פון איין זייט און די גאַנצע וועלט־מלחמה פון דער צווייטער; דעם זעלבן מעטאָד זען מיר אויך בעת קאַרל לאַקנערס קאַמף מיטן קריזיס: דער אַרבעטסלאָזער פאָלקס־העלד פון איין זייט און דער אַלוועלטלעכער קריזיס פון דער צווייטער. דער קליינער אָרימער לאַקנער איז ביז זיין לעצטן אויגנבליק אַריינגעוועבט אין אַ גרויס געוועב. אמת, נישט אַלע מאָל פילט מען קינסטלעריש די דירעקטע פאַרבונדנקייט צווישן די גרינטלע־כע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע טראַקטאַטן און דעם גורל פון דער קאַרל־פליג, אָבער אין דעם גייט עס טאַקע: קאַרל גופא האָט אויך נישט געוואוסט וועגן דעם שייכות צווישן דידאָזיקע זאַכן מיט זיין גורל: ער האָט זיך גאָרנישט אינטערעסירט דערמיט, און דאָך איז די שייכות אַ רעאַלע, אַ בלוטיקע סיי פאַר קאַרל לאַקנערס לעבן, סיי פאַר קאַרל לאַקנערס טויט.

עס איז אוממעגלעך צו פאַרענדיקן אַ רעצענזיע וועגן דאָ־זיקן בוך אָן די לעצטע אַקאָרדן זיינע. דידאָזיקע אַקאָרדן זענען דריי ציימונגס־ציטאַטן פון איין טאָג.

דער ערשטער ציטאַט איז דער באַריכט פון דער פּראָסטי־טוטקע, וועלכע האָט די לעצטע גערעדט מיטן לעבעדיקן לאַקנער און געזען אַלס ערשטע דעם טויטן. קאַרל לאַקנער איז צוגעקומען צו איר און געבעטן עפּעס געלט: ער האָט שוין עטלעכע טעג נישט געגעסן. ער האָט איר אָבער אָפּנהאַרציק דערקלערט, אַז דאָס געלט וועט ער פאַרטרינקען. די פּראָסטיטוטקע האָט נאָך דאַן גאָרנישט געהאַט פאַרדינט. האָט זי אים געהייסן וואַרטן, איז אַוועק מיט אַ שיכּור אין האָטעל און קומענדיק צוריק, אים געגעבן אַ העלפט פון איר פאַרדינסט. אין גרויסן רייכן ווין האָט ער באַקומען הילף פון אַן אָרימער פּראָסטיטוטקע...

דער צווייטער אויסצוג דערציילט וועגן אַ חשבון פון אַ גע־

לערנטן, אַז אַ מענטש איז ווערט פיר מאַרק לויטן קוואַנטום מאַ־
טעריאַל, וואָס ער פאַרמאָגט: פונם אייזן, וואָס איז דאָ אין מענטש,
קאָן מען מאַכן עטלעכע טשוועקעלעך; פונם פאָספאָר — קעפּלעך
צו צוויי טויזנט שוועבעלעך א. אַ. וו. נישט ווילנדיק קומט די
אַסאָציאַציע: אַ וואַזשנע אבידה — קאַרל לאַקנער! מען וואַרפט
אין ים מיליאָנען צענטנער קאַווע פאַר געשוואָלענע מיליאָנען.
פיר מאַרק!...

און דער לעצטער ציטאַט: אַ רייזנדער האָט באַמערקט אויף
אַ געוויסן פלאַץ אַ ריזיקע מחנה טויטע באַטשאַנעס: אַ האָגל האָט
זיי דערשלאָגן. הויך איבער די טויטע האָבן געקרייזט די לעבן־גע־
בליבענע חברים און ווי באַוויינט אָן אויפהער די טויטע.

באַטשאַנעס באַוויינען זייערע חברים, וואָס זענען געהרגעט
געוואָרן דורך דער פיינטלעכער סטיכיע; מענטשן באַוויינען נישט
די מיט־מענטשן, געהרגעטע דורך דער זעלבסטשטענדיק־איינגעפיר־
טער און ווילד־פאַרטיידיקטער אָרדנונג. די באַטשאַנעס קאָנען נישט
אויסרעכענען וויפיל אַ באַטשאַן איז ווערט אויף מאַטעריאַל...

אפּאָטעאָז פון דעם געשלעכטלעבן

(וועגן ד. ה. לאָורענס׳ „ליידי טשאַטערלייס געליבטער״)

מיט עטלעכע יאָר צוריק איז, די ליטעראַרישע עפנטלעכע מיינונג פון אייראָפּע אויפגערודערט געוואָרן דורך אַ ראָמאַן פון באַקאַנטן ענגלישן שרייבער לאָורענס. דער ראָמאַן — „ליידי טשאַטערלייס געליבטער״ — איז אין ענגלאַנד פאַרבאָטן געוואָרן צוליב זיינע צו דראַסטישע שטעלן. דאָס אַליין איז גענוג געווען, אַז דער ראָמאַן זאָל מאַכן אַ טריומף-צוג איבער דער גאַנצער וועלט אין פולן טעקסט אָדער אין אַ לייכט געקירצטער פאָרם.

ס׳איז גענוג איבערפלעכלעך דורכצובלעטערן דאָס בוך, כּדי צו פאַרשטיין סיי זיין פאַרבאָט אין ענגלאַנד, סיי זיין פיל-גע-לייענטקייט איוף גאָר דער וועלט: אַזעלכע שילדערונגען פון גע-שלעכטס-לעבן זענען אין לעצטן יאָרהונדערט זיכער נישטאָ אין קיין שום בעלעטריסטיש ווערק.

דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַזאַ טומל און אַזאַ שטאַרקן מיי-נונגס-געפּעכט פאַר און קעגן, אַז דער מחבר האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן אַ גאַנץ ביכל, אַ מין אויפקלערונג-און פאַר-טיידיקונגס-שריפט, אונטערן נאָמען „אַ פּראָפּאָ ליידי טשאַטערליי״. דאָסדאָזיקע קליינע, מיט טעמפּעראַמענט און גייסט געשריבענע ביכל, ווארפט אַן אינטערעסאַנט ליכט אויפן ראָמאַן. אָן דאָזיקן ביכל איז אוממעגלעך אַרויסצוטראָגן אַ געוויסנהאַפטן אורטייל וועגן ראָמאַן, ווייל „ליידי טשאַטערליי״, ווייזט זיך אַרויס, איז נישט סתּם אַ דרייסטער ראָמאַן, נאָר אַ טענדענץ-ווערק, וואָס דאַרף אי-לוסטרירן און פאַרשפּרייטן לאָורענס׳ אָנשויונגען וועגן דער באַדיי-טונג פון געשלעכטס-לעבן.

איידער מען טרעט צו צו באַהאַנדלען דעם ראָמאַן, מוז מען באַהאַנדלען זיין פּאַרטיידיקונגס־שריפט.

זינט פּלאַטאָנען, וועלכער האָט פּלוצלינג אַנטדעקט פאַר דער מערב־מענטשהייט דעם תהום צווישן ערד און הימל, צווישן קערפּער און גייסט, ווערט געפירט אַן אמתער קרייץ־צוג קעגן קערפּער, קעגן זיינע שפּעריִשסטע רעכט. דער מענטש האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שעמען מיטן נאַקעטן קערפּער און זיינע פונקציעס. דידאָזיקע טענדענץ איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי אין לעצטן יאָרהונדערט. פּוסטריט מיט דער קערפּער־פאַרשטויסונג גייט די פיזישע און גייסטיקע דעגענעראַציע פון דער מענטשהייט. וואָס מער מען האָט פאַרשטויסן דאָס געשלעכטס־לעבן אין טונקל, אַלץ מער איז צעפרעטן געוואָרן דער מענטש צוליב זיין אומבאַפרידיקטקייט. צוליב דעם, וואָס מ׳האָט פון געשלעכטלעכן געמאַכט אַ „ברענענדיקן סוד״ (סטעפאַן צווייגס אַ גליקלעכער אויסדרוק), האָט מען דעם מענטשס אינערלעך לעבן אָנגעפילט מיט אָנאַניסטישע טרוימען. לאָורענס האַלט, אַז די גאַנצע אייראָפּעיִשע קולטור און ליטעראַטור פון די לעצטע יאָרהונדערטער, איז אַ קולטור און אַ ליטעראַטור פון אָנאַניסטן. די גאַנצע ליטעראַטור פאַרקעט זיך אַרום דעם סוד, אַרום דעם „מיאוסן״ פונקט פון אונזער לעבן. וואָס מער מען פאַרשטויסט אים פון אָפענעם לעבן, אַלץ מער באַשעפטיקט ער אונזערע טרוימען. דעררדאָזיקער אייראָפּעיִשער אָנאַניזם איז אומפּרוכטבאַר, אומשעפעריש. שעפעריש איז בלויז דער קאָנטאַקט פון איין איך מיטן צווייטן — אָבער נישט דער קאָנטאַקט מיטן אייגענעם איך. די אייראָפּעיִשע מענטשהייט האָט פאַרלוירן דעם אוצר פון געזונטער, עכטער סעקסואַליטעט, און דעריבער גייט זי צו גרונט, ווייל עכטע סעקסואַליטעט איז דער באַזיס פון גאַנצן לעבן. די איינציקע רעגענעראַציע־מעגלעכקייט פאַר דער מענטשהייט.

כדי דאָס צו דערגרייכן, איז דער ערשטער און וויכטיקער טריט — אַראָפּנעמען דעם שטעמפּל פון פאַלשער בושה, מיט וועלכן מיר האָבן פאַרחתמעט אונזער לעבנס־קוואַל. לאָמיר אָנרופן אַלץ

מיטן ריכטיקן נאָמען ביים העלן שיין פון טאָג, און דאָס, וואָס מיר רופן היינט אָן צביעותדיק פּאָרנאָגראַפיע, וועט ווערן אַ ריייניקונגס־מיטל פאַר אונזער גייסט און קערפּער. דאָס אָנרופן די זאַכן ביים נאָמען וועט צונעמען ביי זיי דעם אָרעאָל פון אַ פאַרבאָטענער פּרוכט, מיר וועלן עס אויפהערן צו רייצן, ווי אַ פאַרבאָרגענע וואונד — און די וואונד וועט אויסגעהיילט ווערן. לאָורענס האַלט, אַז באָקאַטשיאָ, ארעטינאַ און ראַבלע, דידאָזיקע מכלומרשט פּאָרנאָגראַפישע שרייבער, ווירקן געזונטער און אויסלייזנדיקער ווי „אַננאַ קאַרענינאַ” און די גאַנצע כלומרשט צביעותדיקע ליטעראַטור פון 19־טן יאָרהונדערט, וואָס הערט זיך נישט אויף צו דרייען אַרום דער פאַרבאָטענער פּרוכט, ווי אַ קאַץ אַרום הייסער סמעטענע. זאָל די מענטשהייט אַרויסנעמען דאָס געשלעכטס־פאַרשטעכעכץ, וואָס אייטערט אין איר גייסט און קערפּער, און זי וועט געזונט ווערן אויף אַלע געביטן.

און דעריבער האָט לאָורענס געשריבן זיין „ליידי טשאַטערלייס געליבטער”, וואָס דאַרף זיין נישט קיין ראָמאַן, נאָר אַן עוואַנגעליע.

אָט דאָס איז דער תמצית פון לאָורענס׳ אינטערעסאַנטן, גייסטרייכן און פאַטאַסדיקן ביכל.

ווי מיר זעען, געשעט מיט לאָורענסן דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ סך אַנדערע פאַנאַטיקער פון אַ געוויסן אמת: ער ווערט מאָנאָמאַניש געשטימט; אויף אַלע אומגליקן פון דער מענטשהייט האָט ער איין ענטפער: פאָרט זיך געזונט, מיט פולער לעבנס־פרייד און בלוט־סימפּאַטיע.

לאָורענס טרעט אַרויס אין זיין ביכל אַלס אַ מין נייער זשאַן זשאַק רוסאָ, וואָס פּרעדיקט אָפּצוקערן זיך פון דער מאַשין־תקופה, אומצוקערן זיך צום נאַטור־לעבן, ווערן פּרימיטיווער און אַלס פּאַנאַציייע פּרעדיקט ער אַ מין „פאַן־געשלעכטיזם”: דאָס וועט אויסהיילן אייראָפּע פון פאַרשאָלטענעם היפּער־אינדוסטריאַליזם, פון איר פאַרפלאָנטערטער טויט־קראַנקער פּאָליטיק, פון איר פיזישער און גייסטיקער דעגענעראַציע. וואָרים וואָס איז שולדיק אין אייראָ־

פּעיִשן כאַאָס ? די אייראָפּעיִשע אומשעפערישקייט, די אייראָפּעיִשע אינסטינקטלאָזיקייט. הייבט זיך אָן געזונט צו פּאָרן, און איר וועט ווערן אינסטינקט-געזונט, גייסטיק פּריש און פריי, פעיִק אַרויסצוגיין פון כאַאָס.

ווי מיר זעען, האָט לאָורענס גענומען אַן אמתן געדאַנק (אַז די פּאַרקריפּלטע סעקסועלע מאָראַל מוז געענדערט ווערן) און אים אַזוי צוגעשפּיצט, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ געדאַנקען-גאַנג פון אַ טאַלאַנטירטן, פּאַטאָסדיקן מאַניאַק.

טשאַטערלייס געליבטער געפינט איין אין ראָמאַן, אַז זיין געליבטע האָט דאָס שענסטע הינטער-חלק אין דער וועלט. און ער רופט אויס מיט גרויס פּאַטאָס און אומגעהייערער צאַרטקייט : „אַזאַ הינטער-חלק וואָלט געקאָנט אונטערהאַלטן די גאַנצע וועלט".

דאָס איז נישט סתם אַ זאָג : דאָס דריקט אויס לאָורענס' גאַנצע פּראָגראַם. אָן זיין פאַרטיידיקונגס-שריפט קאָן מען פּונקט אַזוי ווייניק פאַרשטיין דעמדאָזיקן זאָץ, ווי דעם גאַנצן ראָמאַן.

* *

*

„ליידי טשאַטערלייס געליבטער" איז אַ בולט טענדענץ-ווערק : דער ראָמאַן דאַרף אילוסטרירן לאָורענס' געדאַנקען-וועלט. און דאָס דערגרייכט ער מיט גרויס מייסטערשאַפט. לאָורענס' טעזע איז דערוויזן ביז די קלענסטע פּרטים אין בעלעטריסטישע אויסדריקן. אָבער קיין „בעסטער ראָמאַן פון יאָרהונדערט", ווי מען האָט אים אַנאָנסירט און געלויבט, ווערט ער נישט דורכדעם. נישט קיין לעבעדיקע מענטשן זענען זיינע העלדן, נאָר טעזן און לאָזונגען אין הויזן און קליידלעך.

דער העלד פון בוך איז אַן ענגלישער אַדלמאַן, וואָס איז אין דער וועלט-מלחמה פאַרקריפּלט געוואָרן : ער איז געשלעכטלאָז. זיין יונגע, געזונטע פרוי איז די ערשטע צייט צוגעבונדן צו אים אינטעלעקטועל, אַ דאַנק געמיינזאַמע גייסטיקע אַרבעטן. אָבער סוף-כל-סוף הייבט אָן איר פאַרטרוקנט וועזן רייסן זיך צו לעבנס-

טױ. די געסט, װעלכע געהערן צו דער „געזעלשאַפט", קאָנען זי נישט באַפרידיקן: זײ אילוסטרירן דאָך לאָורענס׳ געדאַנק, אַז אונזער געזעלשאַפט באַשעפטיקט זיך מיט זנות, װײל דאָס פאָדערט די מאָדע, אָבער צו עכטער געשלעכט־ליבע, צו אַ בלוט־פאַרבינדונג, איז מען דאָ נישט פעיִק.

באַפרידיקונג געפינט די לײדי טשאַטערלײ בײ איר מאַנס װאַלד־שומר, װעלכער איז אַנטלאָפן פון דער העכערער געזעלשאַפט, צו װעלכער ער האָט זיך אַרױפגעאַרבעט (אַלס אָפיציר), און געװאָרן אַן אײנפאַכער װאַלד־שומר, כּדי צו זײן װײט פון דער דעגענערירטער װעלט, װאו ער האָט נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך קײן געשלעכטס־פאַרטנערין, װי לאָורענס׳ טעאָריע פאָדערט דאָס. די זײטלעך, װאו דער װאַלד־שומר דערצײלט דער לײדי זײנע געשלעכטס־דערפאַרונגען מיט דער גאַנצער אײנציקאַרטיקער לאָורענסישער אָפנקײט, זענען פאַר אַ קונסט־װערק גאַנץ לעכערלעך, אָבער זײ קאָנען גאַנץ רויִק אַרײנגענומען װערן אין דער פאַרטײדיקונגסשריפט: „אַ פּראָפּאָ לײדי טשאַטערלײ".

די געשלעכטס־באַציונגען צװישן לײדי טשאַרטעלײ און איר װאַלד־שומר זענען הימנען פאַרן פאַלוס, פאַרן נאַקעטן געשלעכטסאַקט, אָבער דאָס זענען אַלץ עראָטישע סצענעס, װאָס זענען נויטיק פאַר דער גענױער אילוסטראַציע פון לאָורענס׳ שיטה. יעדע עראָטישע סצענע, אָנגעהויבן מיט לײדי טשאַטערלײס ערשטן הקדמה־ליבהאָבער, ביז אַזעלכע הײדנישע סאַטיר־אָרגיעס װי די סצענע אין װאַלד אונטערן רעגן, זענען אַ גוט דורכגעטראַכטע סעריע לעקציעס אין דער „הײליקער" עראָטישער קונסט. די מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם אורשפּרינגלעכן געשלעכטס־אינסטינקט, קומט לאָורענס — און אין דער פאָרם פון עראָטישע ראָמאַן־סצענעס אונטעררינכטעט ער די מענטשן די קונסט פון געשלעכטלעכער ליבע.

אויב דער ראָמאַן אַלס אַזעלכער לײדט דערפון, װאָס ער באַשטײט בלויז פון געשלעכטלעכע אָרגיעס (װײל די צװישן־סצענעס זענען בלויז אַ צוגרײטונג צו די װײטערדיקע אָרגיעס), זע־

נען זיי אָבער אַלע נויטיק פאַרן לאָורענס׳ צוועק. ער חזרט קיין צווי מאָל נישט איבער אפילו דעם זעלבן קוש. יעדע עראָטישע סצענע איז די לעזונג פון אַן אויפגאַבע.

קומט ליידי טשאַטערליי איינמאָל צו איר געליבטן מיט איר שוועסטער, אַ טיפ פון אַ זעלבסטשטענדיקער, אינטעלעקטועל זיך אויסלעבנדיקער פרוי, איז דאָס בלויז כדי איר געליבטער זאָל קאָנען אַרויסווייזן זיין גאַנצע פאַראַכטונג דערדאָזיקער אומנאַטיר־לעכער, דעגענערירטער פרוי, ווייל די אויפגאַבע פון דער פרוי איז דינען דעם געשלעכט. דערין איז איר איינציק גליק, דער איינציקער כבוד.

אינטערעסאַנט איז פאָלגנדיקס: אין ראָמאַן זענען אַריינגע־וועבט סאָציאַלע מאָמענטן. ליידי טשאַטערליי איז פול מיט מיט־לייד צו די אַרבעטער פון איר מאַנס קוילן־גרובנס. זי איז פול מיט פיין ביים אָנבליק פון זייער דעגענערירטער לעבנס־קראַפט. איר מאַן, דער פאַרקריפּלטער לאָרד, פאַרטיידיקט מיט דער גאַנ־צער אָפּענער ברוטאַלקייט זיין שטעלונג אַלס האַר. דידאָזיקע סאָציאַלע שטריכן הייבן אָן אויפקומען צוזאַמען מיטן דערוואַכטן געשלעכטס־לעבן פון ליידי טשאַטערליי. דאָס איז ווידעראַמאָל נישט קיין צופאַל. עס הייסט: צוזאַמען מיט דער נאָרמאַל־פונקציאָנירנ־דיקער געשלעכטלעכקייט ווערט דער מענטש וואַך צו אַלדעס גוטס; ער ווערט מילד און יושרדיק. דער פאַרקריפּלטער לאָרד ווידער איז אויך נישט צופעליק אַזוי ברוטאַל־עקספּלואַטאַטאָריש: ער איז געשלעכטלאָז. וואָלט ער געווען געשלעכטלעך געזונט, וואָלט ער געקומען אין אינערלעכן קאָנטאַקט מיט די מיטמענטשן, — וואָלט ער נישט געקאָנט זיין אַזוי אויטאָמאַטיש אין זיין האַנדלען און דענקען, וואָלט ער נישט געקאָנט זיין אַזוי פאַרגליווערט אין זיין אומשעפערישער פּאַראַזיטישקייט.

ווי מיר זען, האָבן אפילו אַלע זייטיקע ראָמאַן־מאָמענטן אַ דירעקטע שייכות צום הויפּט־מאָמענט.

ווען ליידי טשאַטערליי דאַרף געבוירן פון ליבהאָבער אַ קינד און זי וויל אַוועקגיין פון איר מאַן, און ווען דער וואַלד־שומר מוז

פאַרלאָזן זיין שטעלע, — גייט ער אַוועק אין אַ פערמע, פונוואַנען ער שרייבט זיין געליבטער אַ בריוו פול מיט אידילישער נאַטור־שטימונג, וואו ער שילדערט זיין צניעותדיק־איינגעשלאָפענעם געשלעכטס־טריב, ווייל נאָר די, וואָס קאָנען אויף אַן אמת געניסן פון געשלעכטס־לעבן, קאָנען אין דער צווישנצייט זיין אויף אַן אמת צניעותדיק. אַלזאָ, אַ ווייטערדיקער טריט אויפן וועג צו לאָורענס׳ ציל: נאַטור־נאַענטקייט, אָפּזאָג פון פאַרקריפּלענדיקן מאַשין־צייט־אַלטער און די דערוויזענע אמתע ריינקייט פון אמתן געשלעכטלעכן אָרגאַזם.

פאַר דעם, וואָס האָט געלייענט לאָורענס׳ פאַרטיידיקונגס־שריפט, ווערן קלאָר די קלענסטע פּרטים פון „ליידי טשאַטערלייס געליבטער”. דאָס, וואָס זעט אויס — און איז — אַ פעלער פאַרן ראָמאַן אַלס אַזעלכן, איז אַ מעלה פאַרן דאָזיקן אילוסטראַציע־ווערק. דער שליסל צו אים געפינט זיך אין לאָורענס׳ „אַ פּראָפּאָ”.

* *

*

אַלס קונסט־ווערק האָט לאָורענס׳ ראָמאַן אַ קנאַפּן ווערט. קינסטלעריש קאָן ער גאָרנישט געשטעלט ווערן אין איין רייע מיט לאָורענס׳ איבעריקע ווערק. אַלס אילוסטראַציע־ווערק אָבער פאַרמאָגט ער גרויסע קאָנסטרוקציע־מעלות. ער פאַרפלאַסטיקט אין אַ געוויסער אַלגעמיינער פאָרם לאָורענס׳ טעזן, דערפירנדיק ביז אַ בולטן אַבסורד זיין ריכטיקן הויפּט־געדאַנק.

לאָורענס האָט גוט אָנגעטאַפּט דעם דופק פון אונזער סעקסועל־קראַנקער עפּאָכע, אָבער אַלס הייל־מיטל לייגט ער אונז פאָר אַ מין פּאַן־סעקסואַליזם. דער הויפּט־העלד, דער וואַלד־שומר, זאָגט צו זיין געליבטער, אַז אַ ריכטיקער געשלעכטס־אַקט באַדייט פאַר אים דעם איינציקן ווערט אין לעבן.

אַ דאַנק דידאָזיקע עקסטרעמען מוז די באַציִונג צום בוך זיין אַ נעגאַטיווע.

זינט לאָורענס האָט אויפגערודערט די ליטעראַרישע וועלט מיט זיין פּאַן־סעקסועלן ראָמאַן, האָט מען נישט איינמאָל געקאָנט

לייענען אין דער פּרעסע דערקלערונגען פון פאַרשידענע פּערזאָנען, אַז דערדאָזיקער „אומזיטלעכער" שרייבער איז אין פּריוואַטן לעבן אַ פּוריטאַנער.

געוויסע שטעלן פון „ליידי טשאַטערלייס געליבטער" — אפילו פון די דראַסטישסטע, — מאַכן טאַקע דעם איינדרוק, אַז דאָ קומט צום וואָרט נישט אַ פּערזענלעכע נייגונג, נאָר אַן אי־בערצייגונג, אַ פאַנאַטישער גלויבן אין עפּעס, וואָס גיט מוט. הגם אין צייטאַלטער פון פּסיכאָאַנאַליז מוז מען זיין פאָרזיכטיק ביים אַרויסטראָגן אורטיילן אויפן דאָזיקן געביט. דער סעקסועלער שד נעמט אָן, ווי מיר ווייסן, פאַרשידענע אומשולדיקע געשטאַלטן.

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, — דאָס בוך איז יעדנפאַלס רעאַקציאָנער. אויב עס איז לעכערלעך צו קאָנפיסקירן לאַורענסן צוליב די דראַסטישע שטעלן, דאַרף מען אים אָבער פאַראורטיילן צוליב זיין לעצט וואָרט. אַרויסגייענדיק פון ריכטיקן געדאַנק, אַז דער עראָס מוז רעהאַביליטירט ווערן, וויל ער דערפירן צו דער אַליינהערשאַפט פון געשלעכטס־אַקט, וועלנדיק אַזוי אַרום אַרונטער־רייסן די קולטור־דאַמבעס, וואָס זענען געבויט געוואָרן גראָד אין קאַמף קעגן דאָזיקן זעלבסטהערשעריש־געשטימטן טריב.

מלחמה־ליטעראַטור און רעוואָלוציע־ליטעראַטור

אויף די ראַנדן פון דווינגערס בוך „אַן אַרמיי אין געפאַנגענשאַפט“

אויב די ביז־איצטיקע מלחמה־ביכער האָבן געשילדערט די ליידן פון דער פראָנט־אַרמיי, שילדערט דווינגער די ליידן פון דער אַרמיי, וואָס געפינט זיך שוין אויסערן פראָנט, אין שונאס געפאַנגען־לאַגער. אייגנטלעך האָט זיך קיין סך נישט געביטן: דאָ און דאָרט ווערן מענטשן געשאַטקעוועט ווי קרויט, דאָ דער עיקר פון גראַנאַטן און דאָרט — פון טיפוס און דיזענטעריע; דאָ און דאָרט ווערן מענטשן צעפרעסן פיזיש און גייסטיק: פיזיש פון לייז און שמוץ, גייסטיק — צוליבן זיין אָפּגעריסן פון די געזונטסטע קוואַלן פון מענטשלעכער אויסלעבונג: אַרבעט, פרייהייט, פרוי; דאָ און דאָרט זענען זיי „אַרמייען אין געפאַנגענשאַפט“: דאָ ביי דער אייגענער מלוכה, דאָרט ביים שונא. אין ביידע פאַלן זענען זייערע ליידן פאַסיוו, אַרויפגעצוואונגען דורכן געוואַלט, וועלכער האַלט זיי אין יאָך. געביטן האָט זיך בלויז די דעקאָראַציע. די באַגלייט־מוזיק, דער גרונט־טאָן זענען געבליבן די זעלבע: איין גרויסע אַרמיי אין געפאַנגענשאַפט.

דער אינהאַלט פון דווינגערס בוך? מיר קענען אים שוין כמעט ווי אויף אויסנווייניק. צוערשט קומט דאָס שפּיטאָל, דעם שונאס שפּיטאָל. עס איז פונקט אַזוי באַשריבן, ווי ביים פראַנצויז דיוהאַמעל דאָס „אייגענע“ שפּיטאָל („דאָס לעבן פון מאַרטירער“). די ענלעכקייט איז נישט נאָר אין טאָן און אין צוגאַנג — אַן ענלעכקייט אַ ליטעראַרישע, וואָס נעמט זיך פון אויפריכטיקן טאָג־בוך־טאָן — נאָר עס דאַכט זיך, אַז די מענטשן זענען די זעלבע, ווייל די ליידן זייערע זענען די זעלבע. דאָ און דאָרט דאַרף מען

שניידן פיס, און סיי אין אייגענעם שפיטאָל, סיי אין שונאס שפי־טאָל ווילן מענטשן נישט אָפּגעבן דאָס נאָענטסטע: די אייגענע מוסקוליעזע פיס, וואָס דינען אַזוי באַשיידן און טריי, וואָס שטעלן איין אַ קאָנטאַקט צווישן מענטשן מיט דער ערד. און אַז איר לייענט: „איינעם האָט אַ גראַנאַט־שפּליטער אָפּגעריסן די מוסקולן פון די נירן. ער וועט מוזן חדשים־לאַנג ליגן אויפן בויך. זיינע נירן זענען פולשטענדיק אָפן און די פּליסיקייט, וואָס זיי טיילן אויס, צעפרעסט זיינע מוסקולן. איינעם פעלט די גאַנצע אונטערשטע קינבאַק: דאָס גאַנצע לעבן וועט מען אים מוזן דערנערן מיט דער הילף פון רערעלעך", — ווען מען לייענט דאָס איבער, ווירקט עס בלויז ווי אַ דערינערונג. דאָס איז פּונקט אַזוי באַקאַנט, ווי די גרויזאַמקייט פון די עלטסטע איבער דעם געפאַנגען־לאַגער, ווי דער מוראדיקער שניט פון טיפוס און הונגער. אפילו די ציפערן האָבן זיך נישט געביטן, סיי אויפן פראָנט, סיי אין געפאַנגען־לאַ־גער האָט מען צו טון מיט הונדערט־טויזנטער, מיט מיליאָנען. — בלויז אין סיביר, זאָגט אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער, ליגט באַ־גראָבן אַ האַלבער מיליאָן אומגעבראַכטע שונאים.

דער פיזישער אונטערגאַנג פון דידאָזיקע מענטשן — אַן אונטערגאַנג, וואָס איז אַזוי גרויליק ווי זינלאָז — איז אימהדיק. דווינגער שרייבט זייער אויפריכטיק, זיין טאָן איז אַ סימפּאַטישער, ווייל צום גליק איז ער בלויז אַ טאַלענטירטער טאָגבוך־שרייבער. ווען ער זאָל באַזיצן אַ גרויסע קראַפט פון אַ קינסטלער, וואָס קאָן זיך אָרגאַניש נישט באַגנוגענען מיט איבערדערציילן די פאַקטן, נאָר מוז זיי שילדערן אין זייער גאַנצן פאַרנעם, וואָלט מען זיין בוך נישט געקאָנט לייענען. די מאַטקייט פון דערציילונג־טאָן העלפט אַריבערצוגיין איבער דער גרויליק־לאַנגזאַמער מיליאָנען־שחיטה.

אָבער דער פיזישער אונטערגאַנג פון דידאָזיקע געפאַנגענע איז נישט די וויכטיקסטע טייל פון בוך. וויכטיקער און גרויליקער איז זייער גייסטיקער און מאָראַלישער צוזאַמענברוך. די סעקסועלע פאַרקריפּלונג פון די געפאַנגענע, פון דער פרוי אָפּגעצוימטע

זכרים, איז געשילדערט אין איר גאַנצער אָפּנקייט. עס פאַרבינדן זיך מענער-„פריינטשאַפטן", עס קומען פאָר סדום-אָרגיעס, אויף אינזערע אויגן פאַרוואַנדלט זיך אַ מאַן אין אַן עכטער פּראָסטי-טוטקע מיט אַלע פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן, וואָס געהערן צום פאַך. לעבנסלוסטיקע, קלוגע, הומאָרפולע מענער ווערן פאַרוואַנדלט דורך אָנאַניזם אין אידיאָטן. אַ צויג, דער ליבלינג פון גאַנצן „באַראַק", ווערט אויך אַן אָביעקט פון גיריקייט פאַר דער פאַר-טאַמטער געשלעכטלעכער סטיכיע.

דעם בעסטן באַגריף וועגן דעראָזיקער מוראדיקער מאָראַ-לישער פאַרקריפּלונג גיט אונז אַ געפאַנגענער גופא... אים האָט מען אָפּגעשאָסן די זאָמען-בייטעלעך. ער פרעגט ביים שרייבער פון טאָגבוך, אין שפּיטאָל, צי ער וועט נאָך פעיק זיין אויף באַ-ציונגען מיט פרויען. יענער ענטפערט אים אויס רחמנות מיט אַ „יאָ". אין געפאַנגען-לאַגער טרעפן זיי זיך ווידער, און ער דער-ציילט אים, אַז ער ווייסט שוין, וואו ער האַלט אין דער וועלט. פון אָנהייב האָט ער מוראדיק געליטן דערפון, אָבער איצט, זעענ-דיק, וואָס אַרום קומט פאָר, וואָס פון די אַנדערע איז געוואָרן, איז ער שוין צופרידן...

אין דאָזיקן גיהנום ~~לויפט~~ אויף פון צייט-צו-צייט די ריינע אומפאַרטיליקבאַרע מענטשלעכע גוטסקייט און ריינע פשטות. קיין זאַך קאָן נישט אויסלעשן די חברישע ליבע צווישן אַ פּאָר ריינע מענטשן און קיין זאַך קאָן נישט פאַרלעשן די ליבע פון קינדערישן ריז פּאָד צו זיין שפּייזערין די ערד. אַזעלכע שטילע סימבאָלן פון מענטשלעכקייט און האָפענונג זענען צעזייעט, ווי פרוכטבאַרע קערנער, צווישן דעם ריזיקן פעלד געוואַלט-דערנער.

און נאָך איינס איז ווערט צו פאַרצייכענען: דאָס ערגסטע, זאָגט דער מחבר, שטייט פאָר דער יוגנט, וואָס וועט זיך אומקערן פון דער מלחמה. אַלע אַנדערע וועלן זיך ווי-נישט-איז אומקערן צו זייערע אַלטע פאַכן, אָבער די יוגנט, וואָס האָט נאָך גאָרנישט נישט געהאַט געטון, וועט זיך אַזוי לייכט נישט אַריינפּאַסן אין לעבן.

אָט די ריכטיקע באַמערקונג לאָזט זיך שוין גאָר גוט שפּירן אין לעבן פון היינטיקן אייראָפּע. דידאָזיקע יוגנט, וואָס האָט דורכגעמאַכט די ליידן פון דווינגערס בוך, פילט היינט אויס אַלע פאַשיסטישע אַרמייען פון אייראָפּע. דער אָנגעזאַמלטער צאָרן — וואָס האָט נישט קיין שעפערישן אויסוועג — און די זיטלעכע פאַרקריפּלונג זענען זיך נוקם.

נישט געקוקט אויף געוויסע רעוואָלוציאָנער-קלינגענדיקע פראַזן, וועלכע טרעפן זיך פון צייט-צו-צייט ביי דווינגערן, איז דאָס בוך אין אַלגעמיין פול מיט פאַטריאָטישע סטרונעס, און זיי פאַרמינערן שטאַרק זיין ווערט. זיי פאַרשמעלערן ביז אַ מינימום די גייסטיקע האָריזאָנטן און מיר האָבן פאַר זיך בלויז די טרויעריקע, אָבער פלאַכעווירקלעכקייט.

* *
*

די כוואַליע פון מלחמה-ביכער האַלט אין איין שטייגן. די מלחמה, די שטאַרקסטע אוממיטלבאַרע איבערלעבונג פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן, זוכט אַן אויפהער אַן אויסדרוק פאַר אירע שטאַרקסטע געשעענישן. דער עיקר ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די דייטשישע מלחמה-ביכער, ווייל ביי די אַנטאַנט-מלוכות איז די מלחמה אַ ביסל פאַרגילדט געוואָרן דורכן נצחון, ביי רוסלאַנד איז די מלחמה אָראָפּגעשווענקט געוואָרן דורך דער שטאַרקערער איבערלעבונג פון רעוואָלוציע און בירגער-קריג, בלויז דייטשלאַנד איז געבליבן ביי דער ריינער טראַגיק פון דער מלחמה, נישט באַגילדט פון נצחון און נישט פאַרדרענגט דורך רעוואָלוציע.

וואָס מער מלחמה-ביכער עס דערשיינען, אַלץ מער וואַרפט זיך אין די אויגן דער גרונט-אונטערשיד אין דער ליטעראַטור פון די ביידע שטאַרקסטע איבערלעבונגען אין אונזער עפּאָכע — די מלחמה און די רוסישע רעוואָלוציע.

אין וואָס באַשטייט דער גרונט-אונטערשיד פון דידאָזיקע צוויי שטאַרקסטע און אינטערעסאַנטסטע שטרעמונגען אין דער וועלט-ליטעראַטור?

די מלחמה־ביכער, ווי איך האָב שוין אויבן באַמערקט, זענען ענלעך איינס צום צווייטן. דאָס נעמט זיך, ערשטנס, דערפון, וואָס אכזריות, מאָרד און געוואַלט זענען איינטאָניק. ווי שטאַרק די תּלינים זאָלן נישט אָנשטרענגען זייער פאַרחיהשטע פאַנטאַזיע, ווערט דער רעזולטאַט זיין כמעט דער זעלבער: טויט, פאַרקריפּלונג, ווייטיק, ליידן: דער מלחמה־שטראָם פליסט אין ענגע גרענעצן.

צווייטנס, שטאַמט דאָס פון דער פּאַסיווער ראָלע פון די ליידנדיקע מאַסן. זיי גיבן זיך אָפּ אין די הענט פון די אָנפירערס, מען גיט זיי אָפּ אונטערן פייער פון האַרמאַטן, מען שטעקט זיי אַריין אין דער האַנט דעם באַגנעט, מען ציט זיי אָן, דאַכט זיך, צום אָנגריף. די אינדיווידואַליטעט פון מענטשן איז דעם מיליטאַריזם גרעסטער שונא. און דאָרט, וואו עס ווערט פאַרניכטעט די אינדיווידואַליטעט, טריקנט אויס די מענטשלעכע שעפערישקייט. עס ציט זיך פאַר אונז אַ פּנימלאָזע, פּאַסיווע מאַסע אונטער דעם איינטאָניקן יאָך פון די ענגע מלחמה־גרענעצן. עס קאָנען אויפבליצן געדאַנקען, שטימונגען, וואָס טרעטן אַריבער דידאָזיקע גרענעצן, אָבער צו קיין מעשים קומט עס נישט.

אויף וויפיל דאָס קומט צו מעשים, סיי ביים איינצלנעם, סיי ביי מאַסן, הערט עס אויף צו זיין די גוט־באַקאַנטע מלחמה־ליטעראַטור און עס ווערט בונט, טראַגישע ראַנגלעניש און שעפערישע דערהייבונג. פון אַ זעלנער, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ סטאַטיסט אויפן פאָן פון אַ מלחמה־ראָמאַן, ווערט אַן אינדיווידועלע פערזענלעכקייט, ווי עפּטאָן סינקלערס „ד ז ש י מ י ה י ג י נ ס".

אין דווינגערס בוך פייניקט מען מענטשן, אין דווינגערס בוך ווערן מענטשן משוגע. און זייערע ליידן זענען פּאַסיוו, זינלאָז. עס דערדריקט, דעפּרעסירט. אָבער דזשימי היגינסעס משוגעת אין אַמעריקאַנער קאַרצער האָט אַ טראַגישן זינען. אָנשטאָט צו פּייניקן — דערשיטערט עס, עס וועקט פּראָטעסט, עס מאָנט.

די מענטשלעכע פערזענלעכקייט, די מענטשלעכע שעפערישקייט, וועלכע די מלחמה האָט אַזוי גרינטלעך דערשטיקט, האָט די רוסישע רעוואָלוציע באַפרייט. אויף די רעוואָלוציע האָט געבראַכט

מיט זיך ימים בלוט, הונגער, טיפוס, פיזישע און גייסטיקע פאַר-קריפּלונג, אויך זי האָט דערפירט צו מענטשן-פרעסעריי, — אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין פּאַסיוו קריכן אין יאָך אַריין, נאָר אַ טראַגישער, שעפערישער קאַמף מיטן גורל.

ס׳איז נאַטירלעך, וואָס די מלחמה-ליטעראַטור איז כמעט אויסשליסלעך פאַקטן-ליטעראַטור, גרויל-כראָניק, ווייל ביים פּאַסיוון איבערלעבן איז מען געבונדן צו דערווירקלעכקייט, ווי זי איז. ס׳איז אָבער אויך נאַטירלעך, וואָס די רעוואָלוציע-ליטעראַטור איז כראָניק פלוס שעפערישער פאַנטאַזיע, ווייל ביים אַקטיוון איבער-לעבן קנעט מען די ווירקלעכקייט ווי מען וויל, ווי מען טרוימט. אין דער מלחמה איז דער זעלבער פאַרזונקען געווען אין דער ווירקלעכקייט, וואָס האָט אומבאַגרענעצט געהערשט איבער אים אויסערלעך און אינערלעך, אין דער רעוואָלוציע און אין בירגער-קריג איז מען געשטיגן איבער דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט נאָר געדינט אַלס בריקל, אַלס צעיושעט, בריקעווענדיק פערד, וואָס האָט געדאַרפט, וואָס האָט געמוזט אַריבערטראָגן ווייטער. מען איז נישט געלעגן אונטער זיינע פיס און געציילט די וואונדן, נאָר מען האָט באַקומען וואונדן ביים פאַרוואַרפן אויף אים אַ צוים.

מ. שאָלאָכאָוס „צעאַקערט ניילאַנד“

שאָלאָכאָוו געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע ליטעראַרישע דערשיינונגען אין ראַטנפאַרבאַנד.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן צו אַקטיוויטעט אַ סך טאַלענטן, וואָס זענען געווען פאַרמשפּט צו שווייגן אונטער דער שווערער לאַסט פון צאַרישן רוסלאַנד. אָן אַ שיעור שרייבער זענען געקומען צום וואָרט און האָבן זיך אַנטוויקלט אין רוסישן שטורעם. אָבער קיין איינער פון דידאָזיקע טאַלענטן איז נישט געקומען מיט אַזאַ נאַטירלעכער רייפקייט, ווי דערדאָזיקער זון פון שטילן דאָן און ברויזנדיקע רעוואָלוציע-יאָרן. זיין „שטילער דאָן“*) — אַ גרויסע עפּאָפּעע פון קאָזאַקישן לעבן פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע — פאַרמאָגט אַ רייפע מייסטערשאַפט פון אַ גרויסן עפּישן טאַלענט.

דאָס „צעאַקערטע ניילאַנד“ (פּאָדניאַטאַיאַ צעלינאַ) איז שאָלאָכאָווס צווייט ווערק. די אַקציע קומט אויך פאָר ביים שטילן דאָן, אין אַ קאָזאַקישער סטאַניצע, וועלכע ווערט קאָלעקטיוויזירט.

איבער „גרעמיאַטשי לוג“ — ווי איבערן גאַנצן קאָזאַקישן סטעפּ — איז אַדורך דער שטורעם פון רעוואָלוציע און בירגער-קריג. דאָס לעבן האָט זיך גענומען פאָרמירן פונסניי אונטער דער נייער רויטער מאַכט און אונטער די אַלטע, דורך יאָרהונדערטער איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן.

---

*) דאָ אין יידיש אין דער איבערזעצונג פון שלמה שיינבערג, „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק“, ווארשע.

עס קומט אָבער די קאָלעקטיוויזאַציע. עס ווערט אוממעגלעך די זייט-ביי-זייטיקע עקזיסטענץ פון דער נייער מאַכט און דעם אַלטן לעבנס-שטייגער. איינס מוז אָפּרוימען דאָס אָרט פאַרן צווייטן. און ס'הייבט זיך אָן אַ געוואַלטיקער קאַמף: פון איין זייט פאַר איינהאַלטן די אַלטע אייגנטום-פאָרמען, און פון דער צווייטער זייט — פאַר ברעכן דאָס אייגנטום-געפיל פון קאָזאַקישן דאָרף.

שאָלאָכאָווס ראָמאַן איז די קינסטלערישע געשיכטע פון איינעם פון די שווערסטע, נאָך נישט אָפּגעשלאָסענע עקספּערימענטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, צו באַצווינגען דעם פויער, איינפּאַסן אים אין דער ראַם פון דער סאָציאַליזאַציע.

שאָלאָכאָוו איז אַ גרויסער קינסטלער, און אַ גרויסער קינסטלער איז אַ גרויסער אמת-זאָגער: ער פאָרמירט, אָבער ער פעלשט נישט דיווירקלעכקייט. האָבן מיר טאַקע פאַר זיך אין דעם ראָמאַן נישט קיין אידיליע, נאָר אַ שווערן קאַמף פול מיט פעלערן און מפּלות.

מיר זען די פעלערן פון די ראַטן-אָרגאַנען, וועלכע פירן דורך די קאָלעקטיוויזאַציע מער מיט ראַדיקאַלע מיטלען, ווי מיט פאַך-קענטשאַפט. מען קאָלעקטיוויזירט אפילו די עופות, און דערנאָך מוז מען מאַכן עטלעכע טריט צוריק, אַרונטעררייסנדיק דעם אייגענעם אָנזען אין דאָרף. מען יאָגט אין קאַרק די הונדערט-פּראָצענטיקע צוואַנג-קאָלעקטיוויזאַציע, און דערנאָך קומט סטאַלינס בריוו, וואָס שטעלט אין שלעכטער ליכט די אָרטיקע מאַכט.

דידאָקטיקע פעלערן, די ראַטלאָזיקייט פונם קאָלכאָז-אָרגאַניזאַטאָר, דאַווידאָוו, איז אָבער גאָרנישט אין פאַרגלייך מיטן פעסטן ווידערשטאַנד פון איינגעוואָרצלטן פויערישן אייגנטום-געפיל. שאָלאָכאָוו שילדערט אַלערליי ווידערשטאַנדן, אָנהייבנדיק פון שעדיקערישקולאַקישן און באַוואוסטזיניק-קאָנטר-רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד ביז דעם ליריש-אינערלעכן טיף-רירנדיקן ווידערשטאַנד פון אַ קאָנדראַט מאַידאַניקאָוו, וועלכער איז מיטן גאַנצן האַרץ פאַרן קאָלכאָז, און דאָך איז אים אַזוי שווער איבער-

צורייסן דעם נאָפּל, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיינע בהמות, מיטן אָקס, וועלכן ער האָט אויסגעהאָדעוועט צוזאַמען מיט די קינדער. אפילו די, וואָס האָבן גובר געווען ביי זיך דאָס געפיל פון אייגנטום און זענען אַריינגעטרעטן אין קאָלכאָז, קוקן נאָכקוקן יעדער זיין פערד, זיין בהמה, צי זי באַקומט גענוג צו פרעסן. יעדן איז באמת ליב זיין טיילעכל.

איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין בוך איז דאָס קאַפּיטל — ווי מען קוילעט אויס דאָס פי, מען פרעסט זיך דערמיט איבער, אַבי נישט אָפּצוגעבן דאָס אייגנטום אין קהלס רשות, בעסער עס פאַרניכטן. אפילו טרייע אָנהענגער פון קאָלכאָז ווערן אָנגעשטעקט פון דערדאָזיקער פאַרניכטונגס-אָרגיע, פון דאָזיקן פאַרלאַנג אויפצופרעסן, איינצושלינגען אין זיך אַלץ, וואָס מען דאַרף אָפּגעבן אין קאָלכאָז.

* *

*

דאָס צווייטע בוך פון דאָזיקן ראָמאַן ענדיקט זיך מיט אַ בונט — קעגן דער אָרטיקער ראַטנמאַכט. דער בריייט-געפּלאַנטער אויפשטאַנד פון געהיימען „פאַרבאַנד צו באַפרייען דעם דאָן" ווערט צו נישט געמאַכט דורך סטאַלינס בריוו, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעהאַלטן דאָס געיעג צו הונדערט-פּראָצענטיקער קאָלעקטיוויזאַציע. אָבער די פויערים פון „גרעמיאַטשי לוג", וועלכע האָבן אויפן סמך פון דעם בריוו זיך אַרויסגעצויגן פון קאָלעקטיוו, בונטעווען זיך קעגן אַרויסגעבן פרעמדע קאָלכאָזניקעס תבואה פון אַלגעמיינעם שפּייכלער, און דער צווייטער באַנד ווערט פאַרענדיקט מיט צעשלאָגן די אָרטיקע ראַטנמאַכט. הגם עס ווערט נישט אָנגעזאָגט קיין דריטער באַנד, דאַרף מען אים דערוואַרטן, נישט נאָר צוליב דעמדאָזיקן דעפעטיסטישן סוף, נאָר אויך ווייל דער ראָמאַן ווערט לחלוטין דערמיט נישט אָפּגעשלאָסן. ער געפינט זיך נאָך אין זיין פולער קראַפט צו פירן ווייטער די אינטערעסאַנטע און פּרעכטיקגעשילדערטע אַקציע. דער בלוטיק-צעשלאָגענער חבר דאַווידאָוו,

וועלכער שלעפט זיך מיט די לעצטע כוחות צום אָרט פון בונט, צו דעם קאָלעקטיוון שפּייכלער, איז נישט נאָר אַ טימבאָלישער פּי־נאַל, — נאָר מיר וועלן נאָך געוויס הערן פון אים און פון די אי־בעריקע העלדן אין אַ דריטן באַנד.

* *

*

וואָס שייך דעם קינסטלערישן ווערט פון בוך, איז עס אַ בולטער באַווייז, אַז אַ גרויסער קינסטלער קאָן באַוועלטיקן די אַק־טועלסטע, טענדענציעזסטע טעמעס. דאַרף מען דען האָבן אַ מער טענדענציעזע טעמע, ווי דאָס שאַפן פון אַ קאָלכאָז? און דאָך איז דאָס בוך דורכויס קינסטלעריש.

אין צוויי קליינע בענדלעך — צו צען בויגן — גיט שאָלאָ־כאָוו אַזאַ רייכע גאַלעריע לעבעדיקע טיפּן, אַז מען באַוואונדערט אים. אין די דאָזיקע קליינע בענדלעך געפינט ער נאָך אָרט אריינ־צופירן ריין־עפּישע פיגורן, ווי דער אַלטער קאָזאַק, דער אַנעקדאָטאַ־רישער באַרימער. שאָלאָכאָוו האָט צייט צו דערציילן וועגן אים קאָמישע געשיכטעס מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס ווערן וואונדער־באַר געשילדערט ווייסע קאָזאַקישע אָפיצירן, וועלכע אָרגאַניזירן דעם „געהיימען פאַרבאַנד", טיפּן פון קולאַקן, שטרענגע פאַנאַטיש־ערלעכע פאַרטיי־טוער, לייכטזיניקע פרויען, דאָרפישע דאָן־זשואַנען און אַ פרוי, וואָס פּאַסט פאַר אַ פּאָר צו סעלמאַ לאַגערלעפס פרוי פון עקעבי (אין „יעסטאַ בערלינג"). אין דרייהונדערט קליינע זייט־לעך האָט שאָלאָכאָוו באַזעצט אַ גאַנצע קאָזאַקישע סטאַניצע (און מיר קענען יעדן פון זיי מיט די אינטימסטע פּרטים) און פונאַנדער־געוויקלט אַ מעכטיקע אַקציע.

אַלץ אין דאָזיקן בוך איז שיין און רייך געשילדערט. אָבער די דאָרפישע מיטינגען, די מאַסן־סצענעס פון בונט, דאָס פונאַנ־דערטיילן צווישן אָרימע די זאַכן פון די פאַרשיקטע קולאַקעס, דער מאָרד איבערן מיטגליד פון „געהיימען פאַרבאַנד", וועלכער באַ־

שליסט אַרויסצוגעבן די איבעריקע דער ראַטנמאַכט — זענען שע־דעווערס אפילו ביי שאָלאָכאָוון.

ווי אין „שטילן דאָן" — פעלן נישט אויך דאָ שיינע נאַטור־באַשרייבונגען. די נאַטור, ווי דער מענטש, זענען אָפן פאַרן דאָ־זיקן רייך־באַגאַבטן שרייבער.

די ראַטן־ליטעראַטור האָט נאָך אַ סך צו דערוואַרטן פון שאָלאָכאָוון.

י. ראַפּאָפּאָרט

די טראַגעדיע פֿון דער כינעזישער רעוואָלוציע

אַנדרעי מאַלראָ, אַ באַקאַנטער פֿראַנצויזישער שרייבער, אַ ראַפֿינירטער קונסט-קענער און אַנטיקן זוכער, איז בעת דעם צוזאַמענברוך פֿון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין כינע, בעת דעם פֿאַרראַט פֿון קוּאָמינטאַנג געווען אין דאָזיקן אומגליקלעכן לאַנד. ער האָט צוגעזען פֿון דער נאָענט די טראַגישע אָנשטרענגונגען פֿון כינעס אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג, און אָנגעשריבן אַ באַדייטנדיקן ראָמאַן וועגן דער כינעזישער רעוואָלוציע („לאַ קאָנדיסיאָן הימען" — „דער גורל פֿון מענטש"*).

דער אייגנטלעכער העלד פֿון דאָזיקן ווערק איז די כינעזישע רעוואָלוציע. מיר זען ווי די וואַקסנדיקע כוואַליע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פֿאָלקס-באַוועגונג שווענקט אָפּ אַלע שטערונגען אויפֿן וועג פֿון די פֿאַרבינדעטע כוחות — קוּאָמינטאַנג און כינעזישע קאָמפּאַרטיי. די רעוואָלוציאָנערן פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין שאַנכיי, מען דערוואַרט דעם אָנקום פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי מיטן „רעוואָלוציאָנערן" גענעראַל טשאַן-קאַי-שעק, און די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע פֿאַרשטייט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ גורל-מאָמענט פֿאַר איר כינעזישער פּאָזיציע: אָדער זי וועט מיט דער הילף פֿון אונטערגעקויפֿטן קוּאָמינטאַנג צעברעכן די כינעזישע רעוואָלוציע, אָדער די כינעזישע רעוואָלוציע וועט אַרומכאַפּן גאַנץ כינע.

*) דאָ אין יידיש אין דער איבערזעצונג פֿון שלמה שיינבערג, „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק", וואַרשע.

די ערשטע טייל פון ראָמאַן שילדערט פאַרביק, מיט גרויסער געשטאַלטנדיקער קראַפט דעם רעוואָלוציאָנערן אַנוואוקס אונטער דער לייטונג פון שטאַרקע אידעאַליסטישע פירער. די צווייטע טייל שילדערט דעם פאַרראַט פון קאָמינטאַנג — די גרויזאַמע צעשמעטערונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות.

די אייגנטלעכע טראַגיק פון דער צווייטער טייל באַשטייט נישט אין דער גרויזאַמקייט פון די פאַררעטער, אין דעם אומגליק פון די פאַרראַטענע — נאָר אין דער זעלבסטפאַרניכטונג פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציאָנערן, די כינעזישע קאָמוניסטישע פירער שפּירן און ווייסן פּונקט ווי די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע, אַז מיטן אַריינמאַרש פון טשאַן־קאַי־שעק אין שאַנכיי וועט קומען דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט פאַר דער רעוואָלוציע. זיי ווייסן, אַז אַריינגעפירט דורך דער רעוואָלוציע קיין שאַנכיי אַלס זיגער, וועט טשאַן־קאַי־שעק האַלטן פאַר צוועקמעסיק צו צעברעכן דעם אומבאַקוועמען שותּף, איידער דער שותּף וועט אים צעברעכן. און אַ טייל פירער לייגן פאָר צו פעדערן זיך און אַרעסטירן דעם גענעראַל מיט דער הילף פון דער געטרייער *19*־טער דיוויזיע, וועלכע האָט די ערשטע אַריינגעמאַרשירט קיין שאַנכיי.

די רוסישע פירער פון דער רעוואָלוציע, די פאָרשטייער פון קאָמאינטערן, זענען קעגן אַזאַ טאַקטיק. זיי ווילן אויס דעם וועג פון „נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן". זיי ווילן אויסמיידן אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס. זיי הייסן פאָלגן טשאַן־קאַי־שעקס באַפעל וועגן אַרויספירן די *19*־טע דיוויזיע; זיי הייסן פאָלגן דעם גענעראַלס באַפעל וועגן אָפּגעבן דאָס גאַנצע געווער.

דערביי איז כאַראַקטעריסטיש די באַמערקונג פון איינעם פון די קאָמוניסטישע רעוואָלוציאָנערע פירער: די פירער פון קאָמינטערן ווייסן, אַז די כינעזישע רעוואָלוציאָנערן זענען גערעכט, אָבער נאָכגעבן זייערע וואָרענונגען און עצות וואָלט גע-

הייסן גערעכט געבן די טראָצקיסטישע כינע-טעזיסן, און דאָס איז איבער דער קראַפט פון ביוראָקראַטן, אפילו רעוואָלוציאָנערע.

דידאַזיקע רעוואָלוציאָנערע עפּאָפּעע איז צונויפגעפלאָכטן מיטן פּערזענלעכן גורל פון איינצלנע מענטשן, וועלכע ווערן אָפּט-מאָל געשילדערט אויסערגעוויינלעך בולט און טיף.

דער טעראָריסט טשען טראָגט בולטע סימנים פון אַ טאָפּל-טער רוסישער השפּעה: ער פּאַרמאָגט די פּסיכאָלאָגישע טיפקייט פון דאָסטאָיעווסקישע העלדן און ער פּאַרמאָגט עפּעס ענלעכעס צו קאַלאַיעוון. די סצענע ווי ער באַגייט דעם ערשטן מאָרד און די סצענע פון זיין אומגעלונגענעם באָמבע-אַטענטאַט אויף טשאַן-קאַי-שעקן, זענען ווי אַרויסגענומען פון דער רוסישער סאָציאַל-רעוואָ-לוציאָנערער טעראָר-עפּאָכע.

לעבן טשענען, דעם געוויסן פון דער כינעזישער רעוואָלו-ציאָנערער באַוועגונג, שטייט קיִאָ, אַ זון פון אַ פראַנצויז און אַ יאַפּאַנערין, וועלכער האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן דער זאַך פון דער כינעזישער רעוואָלוציע. קיִאָ איז דער איינציקער פון די הויפּט-העלדן פון גאַנצן ראָמאַן, וואָס זיין רעוואָלוציאָנערע טעטי-קייט איז צוזאַמענגעפלאָכטן מיט זיין פּריוואַט-לעבן, מיט זיין לי-בע צו זיין דייטשישער פרוי. אָבער קיִאָ איז דער ווילן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, און קיין שום זאַך, אפילו די שמערצ-לעכסטע פּערזענלעכע איבערלעבונג קאָן אים נישט אָפּרייסן פון זיין ציל, מיט וועלכן ער האָט באַוואוסטזיניק פאַרבונדן זיין עקזיסטענץ. קיִאָ זאָגט: „אין מאַרקסיזם איז דאָ דאָס געפיל פון גורלדיקס און די עקזאַלטאַציע פון ווילן. יעדעס מאָל, ווען דאָס גורלדיקע נעמט די אויבערהאַנט איבערן ווילן, האָב איך קיין צו-טרוי נישט".

די דריטע ריזן-פיגור, וואָס הייבט זיך אויף אויפן אַלגע-מיינעם פאָן פון דער כינעזישער רעוואָלוציע, איז אַ רוסישער רע-וואָלוציאָנער. ווען די קאָמינטאַנג-אָפיצירן נעמען זיך פּאַרטי-ליקן די געפאַנגענע רעוואָלוציאָנערן, טראַכטן זיי צו אַ שוידער-

לעכן טויט פאַר זיי: מען קאָכט זיי איינציקווייז אָפּ אין אַ לאָקאָמאָטיוו-קעסל. בעת דער טאָרטור פייפט דער לאָקאָמאָטיוו כּדי צו פאַרשטיקן די קולות פון די געפּייניקטע. די פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע רעוואָלוציאָנערן וואַרטן אויף זייער ריי און הערן יעדע ווײַלע דאָס שוידערלעכע פייפן פון לאָקאָמאָטיוו. קיאָ און זיין פריינט דער רוס האָבן געהאַט ביי זיך גיפט. קיאָ האָט איינגענומען דעם גיפט. ער איז שוין טויט. דער רוס גרייט זיך איינצונעמען דעם גיפט. אָבער צוויי קאַמף-חברים, כינעזישע אַרבעטער, וואַרטן מיט שרעק אויף דער ריי געגומען צו ווערן צום לאָקאָמאָטיוו. דער רוס ווערט פול מיט אַזאַ איבערמענטשלעך רחמנות צו זיי, אַז ער פאַרגעסט די אייגענע פּיין פּנים-אל-פּנים מיט זייערער: ער צעטיילט דעם גיפט אויף צוויי טיילן — אויף מער קאָן עס נישט צעטיילט ווערן — און גיט עס אָפּ. פון ציטערניש פאַלט עס אַרויס פון זייערע הענט. דער רוס שוידערט אויף. אומזיסט געבראַכט דעם קרבן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן. ער שאַרט מיט די הענט אין דער טונקל און געפינט עס. איין רגע וואַקלעניש — און ער גיט עס ווידער אָפּ.

* *

*

אַ בוך פון גרויל און העראָיזם, פון טויט-געראַנגל צווישן נאַקעטן עגאָיסטישן אינטערעס — און נאַקעטן ריינעם מענטשנטום. די גוטע זענען באַזיגט געוואָרן דורך די שלעכטע נישט צוליעב צוליב דער אייגענער שוואַכקייט.

איז דער קרבן געווען אומזיסט? וועט ער פאַרזינקען שפּורלאָז אינם בלוט פון די באַזיגטע, אינם נצחון-רויש פון די זיגער?

דאָס בוך איז פול מיט טרויער, וואָס איז איינציקאַרטיק אין זיין געפלעכט פון פערזענלעכע און סאָציאַלע פאַרלוסטן, אָבער עס נעמט נישט צו די האָפענונג, די העראָישע טרייסט. „...די

יעניקע, וועלכע האָבן באַוואוסטזיניק געמאַכט די רעוואָלט-געפילן פון דריי הונדערט מיליאָן אומגליקלעכע, זענען נישט געווען קיין שאָטנס, וואָס פאַרגייען, — אפילו געשלאָגענע, אפילו פאַרפּייניקטע, אפילו זייענדיק טויט...

„דער צווייטער טאָג" פון מעשה-בראשית...

(וועגן ערנבורגס ראָמאַן)

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע און דער געוואַלטיקער בירגער-קריג האָבן פאַרמאָגט אַן אַ שיעור טראַגיזם און העלדישקייט. דער סאָציאַלער בלוטיקער שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט מיט אַזאַ קראַפט אויף אַ זעקסטל פון דער ערד צווישן צענטליקער פעלקער, האָט פאַרמאָגט אומפאַרגלייכלעכן רוי-שטאָף פאַר אַ ליטעראַטור. דער ערשטער פעריאָד פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור האָט טאָקע געשעפט מיט פולע הויפנס פון דאָזיקן לעבעדיקנאָענטן שטאָף. דאָס האָט דער סאָוויעטישער ליטעראַטור צוגעגעבן אַן אומפאַרגלייכלעכע צוציִונגס-קראַפט. עס איז געקומען אין איר צום אויסדרוק דיווירקלעכקייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע — טאָ וואָסער ליטעראַטור קאָן זיך פאַרגלייכן מיט דעם?

דער צווייטער טרומף פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס די רעוואָלוציע האָט באַפרייט די שטומע צונג פון די אונטערדריקטע פאָלקס-שיכטן. נישט טורגעניעוו האָט געשריבן וועגן „מומו", נאָר דער שטומער מומע גופא האָט באַקומען לשון. נישט דורכן מעדיום פון דער שרייבערישער עליטע האָבן מיר דערהערט דעם פאָלקס רעדן און טראַכטן, דעם פאָלקס פרייד און צאָרן, נאָר די קינדער פון פאָלק גופא האָבן זיך אַרויסגעריסן אויבן אָן, און געוומען רעפּרעזענטירן זייער פלייש און בלוט. קיינמאָל נאָך איז די עכטע פאָלקסטימלעכקייט נישט געווען אַזוי פאַרטרעטן אין אַ ליטעראַטור, ווי אין דער סאָוויעטישער.

דער דריטער טרומף פון דער ראַטן-ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס עס איז געקומען אין איר צום וואָרט דער רייכער

אָרקעסטער פון די ראַטן-פעלקער. די לאַנג-אונטערגעדריקטע פעל-קער און שבטים פון רוסלאַנד האָבן געגומען אַ וואָרט אין דער ראַטן-ליטעראַטור. פעלקער מיט זייערע מנהגים און גלויבונגען גייען פאַר אונז פאַרביי. מיר זעען זיי אין זייער סטאַבילקייט ביז דער רעוואָלוציע, און אין זייער דינאַמיק נאָך דער איבערקערע-ניש. מיר באַקענען זיך מיט זייער עקזאָטיש לעבן און מיט די ענדערונגען, וואָס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין זייער לעבן דורך דער רעוואָלוציע.

די לעצטע עטלעכע יאָר איז צוגעקומען נאָך אַ מאָמענט: די ראַטן-ליטעראַטור שפיגלט אָפּ טריט ביי טריט די געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען פון לאַנד אויפצובויען זיך, און די ענדערונגען, וואָס די נייע לעבנס-פאָרמען רופן אַרויס ביי די פּאַסיווע און אַקטיווע אָנטייל-נעמער פון סאָציאַלן איבערבוי.

ערנבורגס ניי ווערק געהערט טאַקע צום דאָזיקן פעריאָד פון דער רוסישער ליטעראַטור: עס שפיגלט אָפּ אַ שטיק ראַטן-לעבן אונ-טערן צייכן פון פינפיאָר-פּלאַן. ערנבורגס ראָמאַן טראָגט דעם נאָמען „ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר ט אָ ג“, און ערשט אַ דאַנק דעם מאָטאָ, אַ פּסוק פון חומש, ווי גאָט האָט אָפּגעטיילט צווישן וואַסער און וואַסער און אַריבערגעצויגן איבער דעם כאַאָס דעם הימל, פאַר-שטייען מיר דעם נאָמען פון ראָמאַן. „דער צווייטער טאָג“ איז אַלזאָ אַ ראָמאַן וועגן סאָוויעטישן מעשה-בראשית.

* * *

ערנבורג געהערט צו די שרייבער, וואָס האָבן פאַרדינט דעם נאָמען „אומאָפּהענגיקע“. אפילו דאַן, ווען ער פאַלט אַרונטער אונטער דער השפעה פון בולטער סאָצבאַשטעלונג, היט ער אויך אָפּ אַ געוויסע דאָזע אומאָפּהענגיקייט. ער איז צו קלוג און סקעפּטיש, ער זאָל זיך קאָנען איינהאַלטן צו וואַרפן אַ בליק אין אַ זייט, צו באַמערקן, וואָס מען טאָר נישט, און צו מאַכן אַ באַ-מערקונג, וואָס איז נישט לויט דער ליניע.

אין אָנהייב פון ראָמאַן גיט ערנבורג אַ בייסיקע כאַראַקטע־ריסטיק פון יענעם מין שרייבער, וואָס גייען מיט דער מאָדע צו געבן אינדוסטרי־און אויפבוי־ראָמאַנען בלויז צוליב אויסערלעכע מאָטיוון. ער שילדערט אַזוי:

„דער שרייבער גריבין האָט געדאַרפט שרייבן אַ נייעם ראָ־מאַן. די קריטיקער זענען אים דערגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן פאַר־זיכערט, אַז גריבין מיידט אויס היינטצייטיקע טעמעס. האָט גריבין גענומען אין אַ זשורנאַל אַן אַוואַנס אויף אַ בויאונג־ראָמאַן און באַ־שטעלט אַ פּלאַץ אין אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן"...

און אָט געפינט זיך שוין דער שרייבער אין אויפבוי־ראַיאָן. אין דער נאָענט פון אַ שמוציקן אַרבעטער, דערמאַנט זיך גריבין, אַז „זיין ווייב האָט פאַרגעסן אריינצולייגן אין רענצל אָדעקאָלאָן. ער האָט אַ טראַכט געטון... וועגן דער ווייטער געמיטלעכקייט, און אים איז אומעטיק געוואָרן. אָבער מען האָט געדאַרפט אַרבעטן. האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלאָקנאָט און פאַרשריבן: „אַ גרויסער בוי. מען רופט עס „קאָופּערן". אַ גראַנדיעזער איינ־דרוק. אַריינשטעלן אין קאַפּיטל, ווי דער שלאָגלער פאַרליבט זיך". מיד געוואָרן, האָט ער אַ גענעץ געטון און זיך אַוועקגעשלעפּט אין רעסטאָראַן פאַר אויסלענדער".

ערנבורגס אויפבוי־בוך געהערט נישט צום דאָזיקן מין ביליקע סאָצבאַשטעלונגען. ערנבורג וויל געבן און גיט אַ שטיק טראַ־גיש־העראָישע מענטשלעכע ווירקלעכקייט אויפן פאָן פון דער פיבערהאַפטער אויפבוי־אַרבעט אין ראַטנרוסלאַנד.

* *

*

„די מענטשן האָבן געבויט דידאָזיקע פאַבריק נישט מיט לי־דער און נישט מיט פענער. בויענדיק, האָבן זיי נישט געשמייכלט. עס האָט זיי אונטערגעיאָגט דער הונגער און די ציפער־קאָלומנעס. זיי זענען געפאַלן פון די כוחות".

„טייל פון זיי האָבן געאַרבעט, כדי צו באַקומען צוקערקעס

צו דער טיי, אָדער שטאָף אויף אַ פּאָר הויזן. פאַר אַנדערע איז דאָס געווען אַ בוי־אָזאַרד. די פינפטע האָבן פאַרגעטערט די פאַבריק. די זעקסטע האָבן געגלייבט, אַז ס'איז גענוג אויפצובויען דידאָזיקע פאַבריק, און די מענטשן וועט גלייך ווערן לייכטער: עס וועלן זיין רעלסן און איבער די רעלסן וועלן זיך נעמען טראָגן צוקער, טיי, טוך און שטיוול. שלאָגלער זענען געווען אַ סך — ריינע און אומריינע. אַלע האָבן זיי אָבער געאַרבעט שנעלער, ווי עס קאָנען אַרבעטן מענטשן".

אָט דאָס איז דער ווייט־נישט אידיליש־יום־טובדיקער פאָן, אויף וועלכן עס קומט פאָר די אינערלעכע און אויסערלעכע געשיכטע פון ראָמאַן. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון גאַנצן ווערק: די נשמה פון דער בוי־אָנשטרענגונג פאַרמאָגט אַ ריזיקן, שוויצנדיקן און שטינקנדיקן, געזונטן און עגאָיסטיש, הייליק־אַרבעטנדיקן און טעמפּ־וועגעטירנדיקן קערפּער, און די נשמה גופא פון דאָזיקן קערפּער איז נישט תמיד ריין און יום־טובדיק, נישט תמיד פאַראַדמעסיק.

אָט דערדאָזיקער מגושמדיקער קערפּער איז נישט נאָר די טראַגעדיע פון דער עקסטאַטישער נשמה, וועלכע ער שלעפּט צו דער ערד, נאָר ער גופא איז טראַגיש.

קאָלקאָ רזשאַנאָוו, וועלכער פאַרקערפּערט דעם נשמה־מאָמענט אין ראָמאַן, האָט מענטשלעך־שוואַכע אָבער נישט ווייניקער מענטשלעך־הייליקע מאָמענטן. הגם די אומצופרידענע זעען אים אויס ווי פאַרברעכער, פרעגט ער זיך אַמאָל: „און אפשר קאָן מען טאַקע באמת נישט פאָדערן פון מענטשן, זיי זאָלן אַזוי ליידן צוליב דער צוקונפט?"...

אין דאָזיקן ווינקל פון קאָנצענטרירטן געזעלשאַפטלעכן ווילן — שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע טראַגישע, מענטשלעך־טראַגישע ווירקלעכקייט פון סאָוועטישן לעבן. „צווישן די בויער זענען געווען העלדן. צווישן די בויער זענען געווען האַלב־ווילדע נאָמאַדן און אָבערגלויבישע באַבעס. צווישן די בויער זענען געווען גנבים און איינרייסער. אָבער מער פאַר אַלע זענען צווישן די בויער געווען

געוויינטלעכע מענטשן. זיי זענען פעיִק געוועזן אויף אויסדויער און מוטיקייט. זיי האָבן אָבער נאָך געציטערט פאַר זייער לעבן, דעם וואַרעמען און צויטיקן, ווי אַ שעפּסן־פעלץ"...

און ערנבורג שילדערט די צוויי"ערליי טיפּן אין געוויינטלעכע ערנבורגישע טענער, ד. ה., קאָנטראַסט־מעסיק: הערויִש־נאַיִוו ביז הייליקייט און ציניש־געמיין ביז חזיריי. ער גיט נישט קיין דיסטילירט הערויִש בילד פון דער סאָוויעטישער אויפבוי־עפּאָפּעע, אָבער אויך נישט קיין בייזוויליקע קאַריקאַטור. ער גיט אונז דעם געמיש פוןביידע עלעמענטן, און דאָס הייסט: דיווירקלעכקייט.

* *

*

אויפן דאָזיקן אַלגעמיינעם פאָן טיילן זיך אויס די הויפּט־העלדן, אין וועלכע עס איז קאָנצענטרירט דער גייסטיקער קאָנפליקט פון ראָמאַן.

קאָלקאַ רזשאַנאָוו און וואָלאָדיאַ סאַפּראָנאָוו זענען צוויי פיינפיליקע, ריינע נשמות. איינער אַנטלויפט פון אַרומיקן לעבנס־שמוץ קיין קוזנעצק, צו דער אַרבעט. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין ווערט ער איבערגעבויט, איבערגעאַנדערשט. סאַפּראָנאָוו דאַקעגן אַנטלויפט פון אַרומיקער פאַלשקייט — צו זיך, צו די אייגענע טרוימען, צו דער אייגענער אינערלעכער פולקייט, און — ווערט צעבראָכן.

קאָלקאַ רזשאַנאָוו פ אָ ר ט נישט קיין קוזנעצק, נאָר ער אַ נ ט ל ו י פ ט אַהין פון דער אומצופרידנקייט מיטן אַרום און מיט זיך. און דאָרט, ביי דער פּאַראַיידלענדיקער ווירקונג פון איבערגעגעבענער אַרבעט, באַקומט ער ביסלעכווייז אַלץ: אַן אינהאַלט אין לעבן, אַ נאָענטע סביבה, אַ באַרייכערטע אינערלעכע וועלט. זיין אויסגעגלייכט וועזן וואַקסט אין דער הויך, אויך אין דער טיף. „ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ חוץ דעם זענען דאָ אויך ווערטער און אַז דידאָזיקע ווערטער לעבן מיט אַ „באַזונדער לעבן", און דאָס איז פּאָעזיע. „די וועלט, וועלכע איז אויך פריִער געווען אין זיינע אויגן אין־סופיק, איז ווידער אויסגעוואַקסן. אַ חוץ וויסן האָט עקזיסטירט

גאָך עפּעס אַנדערש: קלאַנגען, אָן-סיבּהדיקע ווייטיק און אַזאַ ריזיקע נישט-איבּערצוגעבּנדיקע לעבּנס-פרייד".

קאַלקאַ רזשאַנאָוו איז אַ פּרימיטיוו פאָלקס-קינד, וואָלאָדיאַ סאַפּראָנאָוו דאַקעגן איז אינטעלעקטועל-ראַפינירט. ער קאָן זיך נישט צופּאַסן צו דער ראַטן-ווירקלעכקייט. אָדער די מענטשן אַרום זענען פאַר אים צו פאַרדאָרבּן מאָראַליש, אָדער זיי זענען צו גראָבּ און פּרימיטיוו גייסטיק.

„...אויף די פאַרזאַמלונגען, — זאָגט סאַפּראָנאָוו, — איז פּאָרויסבּאַוואוסט, ווער וואָס עס וועט זאָגן. מען דאַרף בּלויז אויס-לערנען עטלעכע פאָרמולעס און עטלעכע ציפערן. אָבּער רעדן אַזוי ווי עס רעדן מענטשן, דאָס הייסט, אַ טעות האָבּנדיק, שווער-צונגיק, מיט היץ, וועגן אייגנס, פּערזענלעכס — קענען זיי נישט... זיי זענען דאָך בּויער פון אַ ניי לעבּן, אַפּאָסטאָלן — בּאַרופענע נביאות צו זאָגן, דיאַלעקטיקער, וועלכע קאָנען קיין טעות נישט האָבּן".

ער בּאַמערקט, אַז זיינע חברים פון אוניווערזיטעט, די קאָמ-סאָמאָלצעס, קענען נישט רעדן צווישן זיך — זיי קענען זינגען — ווי זעלנער, וועלכע גייען אין קאַמף. ווייל ווען מען זינגט, קאָן מען נישט טראַכטן. און טראַכטן איז פאַר זיי דאָס שווערסטע.

דורך סאַפּראָנאָווס מויל דעקט ערנבּורג אָפּ אַ סך עיקרדיקע פעלערן פון דער ראַטן-דערציִונג. אין דאָזיקן ראָמאַן ווייזט ערנבּורג אָן נישט נאָר די סיבּות פון ווירטשאַפטלעכן חורבּן (אַן אַרבּעטער מאַכט קאַליע אַ מאַשין צוליבּ אומוויסנקייט און ווייסט אפילו נישט, אַז ער האָט זי קאַליע געמאַכט. ער גופא איז אויפגעבּראַכט אויפן פאַרשיקטן ספּעץ, וועלכן מען איז חושד אין סאַבּאָטאַזש-אַקט פאַרן אַרבּעטערס שולד), נאָר אויך די שלעכטע רעזולטאַטן פון דער מעכאַניזירטער קאַזאַרמע-דערציִונג פון דער יוגנט.

אָבּער קיין רעכט גיט ער נישט סאַפּראַנאָוון: יענער איז צו איינזייטיק, צו טויט, צו ווייט פון לעבּן.

אירענאַ, איינע פון די סימפּאַטישסטע געשטאַלטן אין בּוך (די פרויען זענען בּיי ערנבּורגן תּמיד די סימפּאַטישסטע געשטאַלטן),

איז דער אַרבּיטער אין רזשאַנאָוו־סאַפּראָנאָווס שטרייט. זי האָט ליב סאַפּראָנאָוון, אָבער זי גייט דערנאָך אַוועק צו רזשאַנאָוון:

„עס זענען דאָ ביי אונז אַזעלכע גליקלעכע (אָדער פלינקיגקע), וואָס באַמערקן בלויז דאָס גוטע. פון דער צווייטער זייט — דו... דו טוסט גאָרנישט, כּדי דאָס לעבן זאָל ווערן בעסער. דו באַמערקסט בלויז דאָס שלעכטע.

„אונזער בוי־אַרבעט קומט פאָר נישט אין אַ פּרעכטיקער לאַבאָראַטאָריע, נאָר, כ'וועל זאָגן אָפן, אויף אַ פי־הויף. אָבער דווקא דערפאַר... מוזן מיר קעמפן, און נישט נאָר שמייכלען אָדער דערציילן זיך אין דער שטיל נאַרישע אַנעקדאָטן"...

און סאַפּראָנאָוו זאָגט צו איר מיט שפּאָט און פאַרביטערונג:

„איצט איז נישט קיין ליבע, נאָר טשוהון". זאָגט זי צו אים: „זאָג אַליין, וואָס איז איצט וויכטיקער: לייענען דיין פראַנס אָדער גיסן רעלסן, כּדי אין לאַנד זאָל ווערן אַ ביסל מער ברויט אָדער סיץ?... אָבער אין דאָזיקן טשוהון איז נישט נאָר קאָקס און פּראַצע... פונקט ווי סענקאַ (אַן אַרבעטער־יונג מיט נייגונגען צו טיפער דיכטונג — י. ר.) „רייסט זיך אין קוואַל פון מעלאָדיעס", אַזוי רייסן זיך איצט אַלע, — אַלץ העכער און העכער! דאָס זענען סיי דאָמנעס, סיי פערזן, סיי ליבע..."

און דעמדאָזיקן סינטעז פון טשוהון און ליבע געפינט אירענאַ ביי רזשאַנאָוון, וועלכער איז אויסגעוואַקסן ביים טשוהון און אים איבערגעוואַקסן, ווייל ער האָט אין אים אַריינגעטון דאָס בעסטע פון זיך...

און רזשאַנאָוו איז ביי ערנבורגן נישט קיין אויסנאַם. איינס פון די שענסטע קאַפּיטלען אין בוך איז — ווען ערנבורג באַשרייבט ווי ביי פאַרשידענע קאָמסאָמאָלצעס רייסט זיך אַריין די קונסט, די פּאָעזיע, די ליבע און באַפּרוכפּערט זיי אומגעריכט מיט נייע דערקענטענישן, וואָס ליגן מחוץ דער ליניע.

„אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט פון די שטויביקע געסלעך, — זאָגט ערנבורג — האָט גענומען געבוירן ווערן דער געדאַנק און דאָס וואָרט"...

סאַפּראָנאָוו באַגייט זעלבסטמאָרד: ער איז צו ערלעך צו פֿאַלשעווען און צו פֿאַרפּלאָנטערט אין זיך, כּדי אַרויסצוגיין מיט גלויבן אַקעגן לעבן. רזשאַנאָוו דאַקעגן גייט אַלץ ווייטער און העכער זיין וועג, גלויבנדיק, אַז דער רעזולטאַט פֿון כאַאָס, וואָס הערשט אויפֿן בוי־אָרט, וועט זיין — זיין וועג.

* *

*

וואָס שייך דער פֿאָרם פֿון בוך, איז עס אַ טיפּיש־ערנבורגישס פֿון זיין בעסערן פּעריאָד: ער איז קלוג, שאַרף־אויגיק און שאַרף־קאַנטיק. ער רירט אָן טיף־מענטשלעכע טענער אין זיין אייגנאַרטיקן ליריש־סאַטירישן און ציניש־העראָישן ריטם.

כמעט אַלע פּערזאָנען פֿון דאָזיקן בוך זענען שטאַרק פֿאַרקרובהט מיט די פּערסאָנאַזשן פֿון ערנבורגס אַנדערע ביכער. אירענאַ, למשל, וואָלט אָפּט געקאָנט טראָגן דעם נאָמען — זשאַננאַ נעי. דאָס זעלבע מיט די אַנדערע הויפּט־פּערזאָנען.

קאָלקאַ רזשאַנאָוו און די קינדער פֿון דער שול — אירענאַ איז לערערין — דערמאַנען שטאַרק דעם טאָן פֿון סייפּולינאַס געזעץ־ברעכער. היות ווי דערדאָזיקער טאָן פֿילט זיך כמעט מיט דער זעלבער שטאַרקייט אין אַ סך נייע רוסישע ביכער, האָבן מיר דאָ זיכער צו טון מיט אַ געוויסן איינגעשטעלטן לעבנס־סדר. מען האָט פֿאַר זיך אַ באַשטימטן מין אונטערוואַקסנדיקן מענטש. און ערנבורג גיט אים אונדז זייער פּלאַסטיש.

צום סוף אַ פּאָר ווערטער וועגן ערנבורגס אַ פֿעלער, וואָס חזרט זיך איבער אומעטום: אָדער זיינע העלדן זענען דעמאָניש־ציניש, אָדער זיי זענען הייליק־נאַיִוו, און אַמאָל טאַקע ביז לעכערלעכקייט, ביז קאַריקאַטור.

אין דאָזיקן ראָמאַן איז דאָ אַזאַ טיפּ פֿון אַ הייליק־נאַיִוו מיידל. זי האָט ליב איינעם. ער ווייזט זיך אַרויס אַלס שעדיקער. אויפֿן געריכט זאָגט זי עדות און איז זיך מתוודה: „איך האָב אים גלייך געדאַרפֿט אָפּשטויסן פֿון זיך. איך האָב אָבער געהאַנדלט ווי

אַן אומבאַוואוסטזיניקע... ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט מיר. איך, חברים, האָב זיך געקושט מיט אים, דאָס זאָג איך פאַר אַלעמען. מען דאַרף מיך באַשטראָפן דערפאַר".

און דאָס רופט נישט אַרויס קיין געלעכטער אין זאַל. נאָר פאַרקערט: אַלע זענען גערירט. אפילו אַזאַ מבין אויף קאָמיזם, ווי ערנבורג, בלייבט אויך ערנסט.

פּאַנאַיט איסטראַטי רעוואָלטירט

מיט אַ יאָר צוריק (אין 1932) האָט דער באַרימטער רומעניש-פראַנצויזישער דיכטער פּאַנאַיט איסטראַטי אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע בוך („די פירמע טירינגער") פון אַ זעקס-בענדיק ווערק אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „דאָס לעבן פון אַדריאַן זאָגראַפי".

אַדריאַן זאָגראַפי איז אַ גוט-באַקאַנטער נאָמען פאַר די, וואָס האָבן געלעזן איסטראַטיס ווערק. אונטערן דאָזיקן נאָמען באַהאַלט זיך איסטראַטי גופא אין אַלע זיינע אויטאָביאָגראַפישע ווערק (און קיין אַנדערע, ווי ס'שיינט, שרייבט נישט איסטראַטי). אָבער אין פאָרוואָרט צום דאָזיקן ווערק שטרייכט איסטראַטי אונטער מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן, איז געווען אַ פלייטן-שפּיל, אָבער איצט, ווען ער געפינט זיך אויפן ראַנד פון טויט (איסטראַטי איז פאַראַיאָרן געווען שטערבלעך קראַנק; בלויז דורך אַ נס איז ער געבליבן לעבן און האָט אַ האָפענונג זיך אויסצוהיילן פון זיין שווערער לונגען-קראַנקהייט), ליגט זיין פלייט צעבראָכן, ער זאָגט זיך אָפּ פון איר. ער וויל איצט, פאַרן טויט, אַריינכאַפּן די זעקס בענדער נישט פון זאָגראַפּיס דערציילונגען, — נאָר פון זאָגראַפיס לעבן. נישט קיין קונסט וויל ער געבן אין זיין נייער זאָגראַפי-סעריע, נאָר ער וויל לערנען דעם מענטש צו זיין ערלעך, ווי זשאַן קריסטאָף האָט דאָס געטון („זשאַן קריסטאָף" איז פאַר איסטראַטין דער העכסטער מוסטער פון שעפערישער ערלעכקייט): „די קונסט פון מיין אַדריאַן וועט זיין מיין אמת, מיין דראַנג צו גערעכטיקייט".

דאָס פאָרוואָרט, געשריבן פון אַזאַ אולטראַ-אימפּולסיוון מענטש ביים ראַנד פון טויט, אין צושטאַנד פון גרעסטער פיזישער און גייסטיקער פאַרביטערטקייט, קאָן דינען אַלס לייט-פאָדעם פאַר

איסטראַטיס צוקונפטיקן ביִאָגראַף: ער וועט אין אים געפינען אַן אומגעהייערן אויטענטישן מאַטעריאַל פאַר איסטראַטיס אינערלעכער וועלט, פאַר זיין אופן פון אויפנעמען די וועלט און רעאַגירן אויף איר. איך קאָן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן לענגער אויפן דאָזיקן פאַר־וואָרט, וועל איך עס באַרירן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נויטיק צום באַהאַנדלען דאָס בוך „די פירמע טירינגער״.

*

פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט דורכגעמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעך שווער און פאַרבנרייך לעבן. דערדאָזיקער באַלקאַנישער גאָרקי האָט דורכגעמאַכט די זעלבע שול פון נאַקעטן לעבן, ווי דער רוסישער, אָבער מזרחדיק־בונטער, אַוואַנטוריסטישער. אויפן פערציקסטן יאָר פון לעבן באַגייט איסטראַטי זעלבסטמאָרד. מען ראַטעוועט אים. דורך אַ בריוו קומט ער אין פאַרבינדונג מיט ראָמען ראָלאַנען. דער לעצטער דערקענט אין אים אַ גרויסע שרייבערישע באַגאַבונג. ער מונטערט אים אויף צו שרייבן. דאָס ערשטע בוך „קירא קי־ראַלינאַ״ — פייערט אַ טריִומף איבער גאַנץ אייראָפּע. פול מיט פּרימיטיווער פרישקייט און שעכערעזאַדישער פּאַבולירונגס־קונסט, באַגלייט דורך ראָלאַנס אַ וואַרעם פאָרוואָרט און אַרומגענומען מיטן אָרעאָל פון מחברס ראָמאַנטישן לעבן, — האָט דאָסדאָזיקע בוך פאַר־מאָגט אַלץ, וואָס נייטיק, כדי דעם מחבר אַריינצופירן אין די פאָ־דערשטע רייען פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

איסטראַטי האָט פון דאַן אָן אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע שריי־בערישע טעטיקייט. ווי פון אַ שפּרודלדיקן קוואַל — אַ פּלוצלינג־באַפרייטן — זענען אַרויסגעפלאָסן איין ווערק נאָכן צווייטן. ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז איסטראַטי שרייבט אויף פראַנצויזיש, אַ שפּראַך, וועלכע ער באַהערשט נישט פולקאָם עד היום, ווערט קלאָר, וואָסער גרויסע שאַפונגס־פּאָטענץ ער פאַרמאָגט.

אין *1928* איז געשען אַן איבערברוך אין איסטראַטיס אי־נערלעכן און אויסערלעכן לעבן. איסטראַטי איז געפאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד און פאַרבראַכט דאָרט אַ יאָר צייט. אָבער קומענדיק צו־

ריק, האָט ער אַרויסגעגעבן וועגן רוסלאַנד אַ דריי־בענדיק ווערק, וואָס איז דורך און דורך אַ פּלאַמיקע אָנקלאַגע קעגן דער ראַטנ־פאַרבאַנדישער ביוראָקראַטיע און קעגן גאַנצן סאָוויעטישן רעזשים.

די קאָמוניסטישע פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט האָט זיך נישט באַנוגנט מיט אַרויסטרעטן קעגן איסטראַטיס בוך, נאָר מען האָט אים גופא דערקלערט אַלס אַגענט פון דער רומענישער דעפענ־סיווע, אַלס פאַרקויפטן שרייבער.

איסטראַטי, וועלכער האָט זיך אויסגעלעבט אין דער וועלט פון די לינקע שרייבער, האָט זיך דערפילט איינזאַם. ער האָט אויך פאַרלוירן זיין גרויסן־פריינט — ראָמען ראָלאַנען. ער איז געקרענקט געוואָרן ביזן ביין, וואָס קיינער פון זיינע פריינט, אפילו דער ריטער פון אמת און גערעכטיקייט — ראָמען ראָלאַן! — איז נישט אַרויסגע־טרעטן קעגן די אינסינואַציעס אויף אים.

אין רעזולטאַט פון דידאָזיקע אויפטרייסלונגען, — ווי אויך פון אַ ליבע־טראַגעדיע, — איז איסטראַטי אַריינגעפאַלן אין אַ שווע־רער שווינדזוכט (אַ קראַנקהייט, צו וועלכער ער האָט אַ נייגונג פון דער יוגנט), און ביים ראַנד פון טויט, אין ראַנגלעניש פאַרן לעבן (איסטראַטי רייסט זיך אַזוי דערשיטערנדיק צום לעבן, ער געפינט פאַר זיין לעבנס־דראַנג אַזעלכע מיטרייסנדיקע ווערטער) האָט ער באַשלאָסן צו שליידערן אין פּנים פון דער בייזער און געמיינער וועלט זיין לעבנס־אמת. די זעקס בענדער פון זאָגראַפּיס לעבן דאַרפן פירן אַ קאַמף מיט אַלע אָנגענומענע אמתן פון אונ־זערע מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען; נישט אַזוי מיט דער פאַקטישער געזעלשאַפטלעכער אומאָרדענונג, ווי מיטן סאָציאַ־ליסטישן קאַמף קעגן איר.

איסטראַטי דערקלערט פאַר פאַלש אי די דעמאָקראַטיע, אי די דיקטאַטור, אי דעם סאָציאַליזם און אי דעם קאָמוניזם, אי די קונסט און אי די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. ער מאַכט פון אַלץ אַ תּל — אין נאָמען פון אַבסטראַקטן אַנאַרכיזם. ער שטעלט אַוועק אויפן פּיעדעסטאַל דעם מענטש, וועלכער שטעלט זיך נישט אונטער קיין שום פאָן. ער, איסטראַטי, פאַרזיכערט אונז, אַז ער איז תּמיד

געווען אזא. זיין זאָגראַפי־סעריע דאַרף באַווייזן דאָס אמתדיקע לעבן פון אזא פולקאָם פרייען מענטש.

*

די סכעמע פון די „פירמע טירינגער" איז פאָלגנדיקע:

אין דער רומענישער פאָרט־שטאָט בראילא געפינט זיך אַ גרויסע האַנדלס־פירמע פון די ברידער טירינגער. איינער פון די ברידער האָט חתונה מיט אַן אָרימער שיינער פרוי. דער מאַן איז אימפּאָטענט, אָבער זייער איידל. ער לאָזט די פרוי אַריינעמען צו זיך אין שטוב איר גאַנצע אָרימע פאַמיליע. די רייך־געוואָרענע ווערט נישט קאַליע דורך איר פלוצלינגדיקן וואוילטאָג. זי לעבט זיך ווייטער אויס אין דער קיך, וואו די פאַרקויפעריגס און פאַר־קויפערס ברענגען אַריין נישט אַזוי שפּייז, ווי דאָס עכטע לעבן פון די בראילער אָרימע געסלעך, פון דער מאַדאַמס ליבער היים.

צום דאָזיקן טירינגער קומט אָן אַלס משרת אַדריאַן זאָגראַפי, אַ באַגאַבט קינד פון דער בראילער אָרימקייט. עס וועבט זיך אויס אַ צאַרטע פלאַטאָנישע ליבע צווישן דער מאַדאַם טירינגער און דעם יונגן זאָגראַפי. אָבער דאָס איז נישט די איינציקע ליבע זאָגראַפיס. גלייכצייטיק מיט דער פלאַטאָנישער ליבע צו דער פרוי, פלאַקערט אין זאָגראַפין אויף אַ טעטיקע ליבע צו דער בראילער אָרימקייט, וואָס הייבט זיך אָן צו אָרגאַניזירן. זאָגראַפי ווערט אַריינגעצויגן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ער העלפט אָר־גאַניזירן די פאָרט־אַרבעטער אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, ער הייבט אויף אַ שטורעם דורך אַרטיקלען אין דער דעמאָקראַטישער גרעסטער צייטונג פון לאַנד.

די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג פון די בראילער אַרבעטער איז פאַרבונדן מיט אַ געווויסער באַוועגונג פון מאַשינען־צעשטע־רונג. די רייכע סוחרים, די טירינגערס אין דער ערשטער ריי, ברענגען אַראָפּ גרויסע עלעוואַטאָרס, די אַרבעטער ענטפערן מיט אַ שטרייק. די מאַשינען מוזן בלייבן שטיין ווייט פון פּאָרט צוליב דער דראָענדיקער האַלטונג פון די אויפגערעגטע הונגעריקע מאַסן.

די תּבֿואה, וואָס קאָן נישט פאַרלאַדעוועט ווערן, ווערט קאַליע, די עלעוואַטאָרס ווערן פאַרניכטעט דורך אַ שטורעם. די פירמע טירינ־גער ווערט רואינירט, די ברידער טירינגער פאַלן אַריין אין נויט, זאַגראַפיס געליבטע פרוי אויך.

אָבער נאָך פריער פאַר די עלעוואַטאָרס, ווערט צעשטערט זאַגראַפיס גלויבן אין דער אַרבעטער־זאַך, אין דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג: ער ווערט דערווייטערט פון דער באַוועגונג, — דערציילט איסטראַטי, — צוליב זיין צו גרויסער ריינקייט און ערלעכ־קייט. ער הערט אויף צו גלייבן אין דער פונאַנדערטיילונג: אַרבע־טער — בורזשויען; ער גלייבט בלויז אין דער פונאַנדערטיילונג: גוטע מענטשן — שלעכטע מענטשן, און ער האָט גרויס פאַרדרוס, וואָס ער האָט געהאָלפן צעשטערן אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי די טירינגערס, פון וועלכע איינער באַגייט זעלבסטמאָרד.

אָט דאָס איז די סכעמע פון בוך. לאָמיר זיך געני צוקוקן צו זיינע הויפט־מאָמענטן:

*

איסטראַטי טרייבט איבער, ווען ער דערקלערט, אַז זיין פליט איז שוין צעבראָכן: „די „פירמע טירינגער" פאַרמאָגט נאָך אין זיך אַ סך פונעם „קירא־קיראַלינאַ"־צויבער. די בעסטע טיילן פון בוך זענען אויסגעפילט מיט תּמימותדיקן גלויבן אין דעם גוטן, אין דער מאַגישער קראַפט פון וואָרט. די באַציונגען צווישן די מענטשן זענען פרימיטיוו־גראָדליניק, ווי אין קינדער־מעשהלעך; אַלץ קומט פאָר ווי אין טראַנס, אין האַלב־שלאָף. ווען איסטראַטי דערציילט, ווי די רייך־געוואָרענע מאַדאַם טירינגער לעבט זיך אויס אין קיך מיט די איינגייערס, וואָס ברענגען איר דעם אָטעם פון איר לעבנס־סביבה, פון וועלכער זי איז אָפּגעריסן געוואָרן בלויז אויסערלעך, — האָבן מיר פאַר זיך אַ פאָלקס־דערציילער פון ערשטן ראַנג. מיטן זעלבן צויבער פון אַ מעשהלע וועגן אַ גוטער פרינצעסין און אַ רי־טערלעכן פאַראָרימטן פרינץ, איז אויסגעפילט די ליבע צווישן זאַגראַפין און דער מאַדאַם טירינגער. צו אַ גרויסן קינסטלערישן

פרימיטיוו דערהייבט זיך איסטראַטי, ווען ער שילדערט אַ דעמאַנ־סטראַציע פון דער בראַילער אָרימקייט און פלוצלינג גיט אַן אָפּי־ציר אַ כאַפּ אַרויס פון די מאַרשירנדיקע רייען אַ קליין מיידעלע, לויפט אַריין מיט איר אין אַ רייך זיסוואַרג־געשעפט, און — ווען די אומרויִקייט פון דער מוטער און פון די אַרומיקע ווערט גע־שפּאַנט ביז גאָר, ווערט אַלץ אויפגעלעזט צום גוטן, ווי אין אַ קינ־דער־מעשהלע. דער פאַרשטייער פון דער פיינטלעכער וועלט איז גאָרנישט אויסן געווען קיין בייז: דאָס מיידעלע האָט אים דערמאַנט זיין פאַרשטאָרבן טעכטערל, האָט ער געוואָלט קויפן פאַרן קינד זיסוואַרג. מען דאַרף זיין באמת קינסטלעריש־קינדיש, כדי אַריינצו־ברענגען אין דער דעמאָנסטראַציע דעמדאָזיקן סענטימענטאַלן עפּי־זאָד. אָבער מיט וואָס פאַר אַ חן איסטראַטי דערציילט דאָס, מיט וואָסער קינדישער שאַלקהאַפטיקייט ער לאָזט וואַקסן די שפּאַנונג: וואָס וועט די פיינטלעכע וועלט טון מיטן דעמאָנסטרירנדיקן קינד? און מיט וואָסער הנאה ער לעזט אויף די שפּאַנונג מיט דער קינדישער פאַנטאַזיע וועגן אַ גוטן פרעמדן פעטער, וואָס קויפט נאַשוואַרג. און אויך די נאַטור־כּוחות נעמען אָנטייל ביי איסטראַ־טין ווי אין עכטע צויבער־מעשהלעך: דער שטורעם קומט און העלפט צום פינאַל פון ראָמאַן דורך דעם, וואָס ער פאַרניכטעט צו דער ריכטיקער צייט די עלעוואַטאָרס.

ניין, גראָד די צעבראָכענע פלייט פון איסטראַטיס צויבער־קונסט שפּילט אויסגעצייכנט אין דאָזיקן ווערק, וואָס דאַרף לויט איסטראַטיס כּוונה איבערשטרייכן זיין קונסט־שאַפונג. פאַר־קערט ווידער, די אמתע אויפגאַבע פון ראָמאַן, אויסגלייכן דעם תּהום צווישן דער סאָציאַלער גערעכטיקייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און דעם סאָציאַלן אומרעכט פון דער הערשנדיקער בורזשואַ־זיע — דידאָזיקע אויפגאַבע איז קלאָגעדיק דורכגעפאַלן. ביידע טיילן פון בוך — די פלייט און די כּוונה — צייכענען זיך אויס מיט אַ געמיינזאַמער אייגנשאַפט: מיט קינדישקייט. אָבער דאָס, וואָס גיט צו חן דער פלייט, ווירקט פאַטאַל אויף דער כּוונה.

•

פארביטערטקייט מאכט אפט בלינד. בפרט אזא אימפולסיווע נאטור, ווי איסטראטי, וועלכער זאגט אליין וועגן זיין פראטאטיפ זאגראפי, אז ער האט א „געוואוינהייט צו דערפירן אלץ ביז צום עקסטרעם".

זאגראפי וואקסט צוזאמען מיט דער באוועגונג, וועלכער ער העלפט אין איר וואוקס. אבער ווען ער ווערט אפגעשטויסן אין א זייט דורך אומסימפאטישע און אומערלעכע פערזאנען, וועלכע פאר־נעמען דעם אויבנאן אין דער פארטיי, פירט ער נישט קיין קאמף מיט זיי, ער אנערקענט אויך נישט, אז ער איז נישט די בארופענע פערזאן צו פירן אזעלכע קאמפן אדער צו שטיין אין דער שפיץ פון א מאסן־באוועגונג, נאר ער גיסט ארויס דאס קינד צוזאמען מיטן שמוציקן וואסער. ער פאראלגעמיינערט אין א מין אומסימ־פאטישער גרויסקייט־מאניע: „ניין, – האט ער זיך געזאגט, – איך וועל קיינמאל נישט זיין קיין מענטש פון טאט... מען מוז זיין באגרענעצט, אויב מען וויל האבן דערפאלג אויפן דאזיקן געביט"...

געוויס מוז מען זיין באגרענעצט, אויב מען וויל עפעס שאפן, ווייל יעדע שאפנדיקע טאט איז א באגרענעצטע קאנצענטרירונג אויף איין געביט. דידאזיקע באגרענעצטקייט איז נישט קיין חסרון, נאר א פריווילעגיע פון שעפערישע מענטשן. זאגראפי־איסטראטי אנערקענט דאס אויך אליין אין דאזיקן בוך, ווען ער הערט אויף צו זיין פארביטערט, נאר ווערט דערציילער. איסטראטי גיט א בילד פון בראילער פארט־לעבן פאר דער אנטשטייונג פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג צווישן די בראילער פארט־טרעגערס, און ער גיט צו: „ס'וועט זיין לייכט פאר א היסטאריקער צו קאנ־סטאטירן, אז ווי נאר ס'האט זיך אין בראילא באוויזן די פראפע־סיאנעלע באוועגונג, איז ראפטום פארמינערט געווארן די פאר־ברעכערישקייט אין שטאט". און דעמדאזיקן פאקט, וועלכן איסטראטי

גיט צו — מיט רעכט — אַ גרויסע באַדייטונג, איז דאָך צו פאַרדאַנקען דער טעטיקייט פון „באַגרענעצטע״ מענטשן.

אין גאַנצן בוך איז בולט דער קעגנזאַץ צווישן איסטראַטיס אָביעקטיוון קינסטלערישן אמת און איסטראַטיס אומגערעכטער בלינדער פאַרביטערטקייט, וועלכע צווינגט אים אַנטקעגנצושטעלן דעם פרעכטיקן קינסטלערישן אמת — נאַרישע אויספירן און גראָשנדיקע „מענטשלעכקייטס״-פּראַזעס.

איסטראַטי באַגרייפט אויסגעצייכנט דעם אינערלעכסטן קערן פון קלאַסן-קאַמף, זיין טיפסטן אמת און ווערט.

די גרויסע סוחרים ווילן אַראָפּברענגען קיין בראַילאַ עלעוואַטאָרס. די פּאָרט-אַרבעטער זעען דערין אַן אַטענטאַט אויף זייערע עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן. און זיי הייבן זיך אָן צו אָרגאַניזירן. איסטראַטי געפינט פאַר דעם פאָלגנדיקן פרעכטיקן אויסדרוק: „דערדאָזיקער טיפּ פון טיראַנישן סקאַנדאַליסט האָט געענדערט זיין נאַטור. פאַר דעם געשפּענסט פון דער פיינטלעכער מאַשין, וואָס קומט אים פאַרבייטן, און קעגן וועלכער קיין שום מענטשלעכע קראַפט קאָן נישט קעמפן, — איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך דער מיסטישקייט פון סאָלידאַריטעט. ביז איצט האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַן אומפאַרבייטלעך געזעלשאַפטלעך רעדעלע און ער האָט געגלייבט אין זיין קראַפט. איצט האָט ער דערשפּירט זיין נישטיקע שוואַכקייט. מען וואַרפט אים אָפּ אין אַ זייט, ווי אַן אומנייטיק געצייג.״ נישט די מלוכה און נישט גאָט האָבן נישט בדעה צו שטעלן זיך די פראַגע, וואָס עס וועט ווערן פון אים, פון זיין פרוי און זיינע קינדער.

אויפן האָריזאָנט פון זיין פאַרצווייפלונג איז אויפגעשוואומען אַ רעטער: די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט פון אַלע קרבנות פון דער מאַשין. אָבער כדי דערדאָזיקער רעטער זאָל קאָנען אַרויסווייזן זיין קראַפט, שפּילן זיין ראָל, איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז ער, דער משא-טרעגער, זאָל מער נישט זיין דער זעלבער, וואָס פריער״.

אין אַ רגע אַרום קאָן אָבער זאַגראַפי-איסטראַטי זאָגן:

„ניין, ער האָט געוואָלט זיין פריי צו ליידן מיט יעדן איינעם, אַ פּראָלעטאַריער, אַ בורזשוי אָדער אפילו אַן אַדעליקער, וואָס איז באַזיגט דורך ליידן, דורכן גורל, ווי צום ביישפּיל, די צוויי ברידער טירינגער... ער וועט ליידן פונם אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן די בורזשויען טירינגער, און ווען ער וואָלט בכוח געווען, וואָלט ער אַלץ געטון, כדי צו העלפן זיי צוריק אויפגעריכט צו ווערן. מיין האַרץ, — האָט ער געטראַכט — איז פילבאַר נישט בלויז צום ליידן פון דעם אָדער יענעם סאָציאַלן שיכט, נאָר צו אַלץ, וואָס ליידט אויף דער וועלט, חיות אפילו. איך וועל דערפון מער נישט אָפּווייכן. אַ פאַרפאַלענע זאַך".

אַזוי פאַרבייטן די יוצרות פון סאָציאַלן קלאַסנקאַמף און פון מיטלייד צו יעדן מענטשס אינדיווידועלן ליידן; אַזוי פאַרבייטן די יוצרות פון שטעלן זיך אויף דער זייט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פון האָבן מיטלייד מיטן איינצלנעם בלויזיגער, ווען ער פאַרלירט די מעגלעכקייט אויסצופירן זיין פונקציע פון עקספּלואַטירן, — קאָן ביי אַזאַ שרייבער, ווי איסטראַטי, געשען בלויז אַ דאַנק אַ קרענקלעכער פאַרביטערטקייט.

איסטראַטי האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט אַריינזאָגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייזן איר, אַז פאַר אים איז נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן קלאַסן, אָבער דערדאָזיקער צו להכעיס איז אים געלונגען בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער מאַכט זיך דורכדעם לעכערלעך.

איסטראַטי מיינט, אַז ווען ער ווייזט אַ גוטן בורזשוי און אַ שלעכטן פּראָלעטאַריער, האָט ער שוין דערוויזן זיין טעזע. אַדריאַן זאָגראַפי גייט אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג (וועלכע איז נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אויך זיינע), ווי אַ זייטיקער צוהערער, און ווען ער דערהערט ביים אַריינגאַנג, ווי אַ רעדנער זאָגט: „ווייל די בורזשואַזיע, גיריק נאָך פעטע רווחים און גוט פאַרטיידיקט דורך באַגנעטן", האַקט ער צו די טיר אויף צוריק; און ער זאָגט צו זיך: „יאָ, די בורזשואַזיע איז טאַקע דאָס, וואָס דו זאָגסט, זי קאָן אָבער זיין אויך עפּעס אַזוינס, וואָס דו ווייסט עס נישט".

עס איז קאָמיש, מיט וועלכע קינדישע אַרגומענטן עס אָפּעריִרט דערדאָזיקער באַגאַבטער מענטש אין זיין בלינדער שנאה. ער פאַרגעסט דעם אונטערשיד צווישן דעם יחיד און קלאַס, צווישן דעם יחידס מעשים און דער פונקציע פון זיין קלאַס. דער פיינסטער, איידל־סטער בורזשוי קאָן ווירקן סימפּאַטיש בלויז אַלס יחיד, אָבער ווי נאָר מיר דערמאַנען זיך אין זיין פונקציע אַלס טיילכל פון זיין קלאַס, מוז ער ווירקן אויף אונז אָפּשטויסנדיק, ווייל די פונקציע פון דאָזיקן קלאַס איז נידערטרעכטיקייט. דאַקעגן דער ערגסטער, אומסימפּאַטישסטער אַרבעטער קאָן אָבער ווירקן אויף אונז דער־הויבנדיק, העראָיִש, ווען ער הייבט אָן אין זיין טעטיקייט און גורל צו רעפּרעזענטירן זיין קלאַס.

דאָס איז אמת אפילו דאַן, ווען מיר האָבן פאַר זיך סימפּאַטישע בורזשויען און אומסימפּאַטישע פּראָלעטאַריער. אָבער דאָס אינטע־רעסאַנטסטע אין פאַל מיט איסטראַטין איז דאָס, וואָס אין זיין בוך איז אפילו די פאַלשע אַרגומענטאַציע אויך נישטאָ.

אין דער „פירמע טירינגער" קומען פאָר מאַסן־סצענעס פון גרויסער שיינקייט און טיפער מענטשלעכקייט. די פאַרזאַמלונג, ווען עס ווערט געשאַפן דער פּראָפ. פאַריין, איז ווערט אַריינגענומען צו ווערן אין אַן אַנטאָלאָגיע פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אויך דער שטרייק איז הערלעך געשילדערט אין זיין דינאַמישער שיינקייט. די שענסטע מענטשן פון בוך זענען אַרבעטער און רע־וואָלוציאָנערע פירער. קעגן די אַבסטראַקטע פּאַרטיי־אויסוואורפן (אַבסטראַקט, ווייל עס ווערט וועגן זיי בלויז דערציילט), וועלכע צווינגען דעם ריינעם זאַגראַפּי אַוועקצוגיין, זענען דאָ אַזעלכע לע־בעדיקע מענטשן, ווי דער אַלטער שוסטער, אַ וואונדערבאַרער טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער, וואָס טראָגט לייכט זיין מאַר־טירערטום אַ גאַנץ לעבן, ווייל דאָס איז פאַר אים אַזוי זעלבסט־פאַרשטענדלעך, ווי דאָס אָטעמען. עס זענען דאָרט דאָ אַזעלכע מענטשן, ווי דער מעטערלעך־פאַרקויפער, אַ טיפּ פון אַ פאָלקס־הייליקן, וואָס זיין הייליקייט דריקט זיך אויס אין טעטיקער ליבע צום אָרימען, ליידנדיקן מענטש: ער ווענדט אָן זיין גאַנצע רעדנער־

קראַפט, כּדי איבערצוצייגן די פּאַרט-אַרבעטער אויסצובייטן די גרויסע מעסערס, — מיט וועלכע זיי צעשטעכן זיך שיכּורער-הייט, — אויף קליינע קעשענע-מעסערלעך, און ווען עס געלינגט אים אויסצובייטן איינעם אַזאַ מעסער און עס אַריינוואַרפן אין ים, פילט ער זיך גליקלעך דעם טאָג: ער האָט נישט געלעבט אומזיסט. און ווי שיין עס איז דעמדאָזיקן מענטשס אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער!

איבער דער גאַנצער בראַזילער אָרימקייט איז אויסגעגאָסן אַ ים מיט שיינקייט. אפילו די רייכע מאַדאַם טירינגער איז ריינדיק בלויז דערפאַר, ווייל זי בלייבט טריי איר אָרימער אָפּשטאַמונג.

און וואָס שטעלט איסטראַטי אַנטקעגן דערדאָזיקער מענטשלעכער (אפילו אין איר רויקייט) סביבה? אַ פּאָר סימפּאַטישע בורזשויען (וואָס זענען פּונקט אַזוי אַבסטראַקט, ווי די שלעכטע פּאַרטיי-פירער). די ברידער טירינגער זענען גאַסטפריינטלעך; מען עסט ביי זיי און מען פאַרברענגט גוט די צייט; זיי שטערן נישט דער אָרימער פרוי און שוועגערין צו זיצן אין קיך מיט די איינגייערס. זיי באַהאַנדלען נישט שלעכט דעם משרת זאַגראַפי, און דער עיקר — ווייזן נישט אַרויס קיין אינדיווידועלע רשעות. און בלויז דערפאַר ענדערט זאַגראַפי ראַדיקאַל זיין שטעלונג צום גרויסן סאָציאַלן קאַמף, ווען די ברידער טירינגער ווערן רואינירט.

איסטראַטיס פּרווו ריינצווואַשן די בורזשואַזיע איז אַזוי אומגעלומפּערט-קאָמיש, אַז ער שטעלט די טירינגערס, וועלכע ער וויל מאַכן פאַר טראַגישע פּערזאָנען, אין אַ לעכערלעך ליכט.

נאָך דער קאַטאַסטראָפע נעמט זיך איין טירינגער דאָס לעבן (הגם ער וואָלט נאָך געקאָנט געפינען אַ סך מעגלעכקייטן צו לעבן אויך ווייטער בעסער פאַר דער בראַזילער אָרימקייט). דער צווייטער וויל נישט אָננעמען קיין פּאָסטן צוליב פּרעסטיזש-טעמים, און ער דרייט זיך אַרום ליידיקגייעריש אין אַן אומגעהייצט צימער, רייכערט ציגאַרן, וועלכע גוטהאַרציקע אָרימע, פון די אַמאָליקע איינגייערס, ברענגען אים; און ער בייט זיבן העמדער אַ וואָך (אַ געוואוינהייט פון אַ גביר, פון וועלכער ער קאָן זיך בשום אופן

נישט אָפּזאָגן. אפשר ווײל דורכדעם איסטראַטי סימבאָליזירן די „רײנקײט" פון דער בורזשואַזיע ?!), וועלכע אַן אָרימע פרוי וואַשט אים אָן געצאָלטס. אַזאַ קאָמישער פּאַראַזיט, וואָס שעמט זיך אָנצונעמען אַ פאָרגעלײגטן פּאָסטן, אָבער שעמט זיך נישט צו נעמען בײ אָרימע עסן, ציגאַרן און — מען זאָל אים וואַשן זיבן העמדער אַ וואָך, — אַזאַ קאָמישער פּאַראַזיט איבערצײגט זאָגראַפין, אַז „די בורזשואַזיע קאָן זײן אויך אַנדערש". און ער בײט דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקײט אויף דעם אַבסטראַקטן לײדן מיט יעדן מענטש, ווער ער זאָל נישט זײן.

*

עס איז שווער צו פאַרשטײן, ווי אַזוי מען האָט געקאָנט באַשולדיקן איסטראַטין, אַז זײן ראָמאַן אידעאַליזירט די בורזשואַזיע און איז אַ פּאַמפלעט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פּאַמפלעט איז דאָ בלויז אין פאָרוואָרט און אין ראָמאַן איז דאָ בלויז די בפירושע כוונה, פון וועלכער דער קינסטלערישער אימפּעט האָט געמאַכט אויסצודרײען.

איסטראַטי איז, ווײזט אויס, אַ צו גרויסער קינסטלער, ער זאָל מיט אַ שלעכטער כוונה קאָנען פאַרניכטן זײן גוטן קינסטלערישן אינסטינקט, וואָס גראָבט טיף אין דער עכטער ווירקלעכקײט. אין זײן פאַרבלענדעניש איז ער געווען איבערצײגט, אַז ער שאַפט אַ טראַגעדיע פון אַ בורזשוי, אַלס סימבאָל פון לײדנדיקן מענטש בכלל, און אינדעראמתן איז אַרויסגעקומען אַ טיפּ פון אַ קאָמישן פּאַראַזיט, וואָס קומט נאָך אַרויס קלענער אויפן פאָן פון אַ גרויסער עפּאָפּעע פון מאַסן־קאַמף פאַר זעלבסט־באַפרײאונג און זעלבסט־דערהײבונג.

דער טאָפּלטער טויט פון פאַנאַיט איסטראַטי

אין צייטן, ווען אַן אידעע ווערט געקרייציקט (כדי אויפצו־שטיין תחית המתים!), פעלן נישט קיין פאַררעטער צוליב פאַרשי־דענע מאָטיוון: צוליב דרייסיק זילבער־טאָלער אָדער אַנטוישונג, אָדער פּלוצלינג־אַנטדעקטער „איבערצייגונג"...

אין איצטיקן מאָמענט, ווען די אידעע פון סאָציאַליזם, פון ברידערלעכער געמיינשאַפט אויף דער ערד, ווערט געקרייציקט דורך הונדערטער פּילאַטוסן, — פעלן נישט קיין פאַררעטער צווישן די נעכטיקע אַפּאָסטאָלן. אָבער קיין שום פאַרראַט האָט נישט אַרויס־גערופן אַזאַ טרויער און איבערראַשונג, ווי דער פאַרראַט פון פאַ־נאַיט איסטראַטי. אין פאַל געוועהנלעך האָט מען געהאַט צו טון מיט אַ רעצידיוויסט, וואָס זיין פאַרראַט האָט מען געקאָנט פאָראויסזען. אין אַנדערע פאַלן האָבן מיר צו טון מיט בולטערער אָדער פאַרשטעלטערער פחדנות־דעזערציע, קאַריערע־דעזערציע, אָדער ענלעכע מאָטיוון. אָבער אין פאַל פאַנאַיט איסטראַטי האָבן מיר צו טון מיט אַ פאַרראַט לגבי דעם אמת און יושר אין נאָמען פון אמת און יושר. ער איז אַריבער אויף יענער זייט פון דער באַריקאַדע מיטן געשריי, אַז דאָרט איז די אייגנטלעכע די זייט.

* *

*

פאַנאַיט איסטראַטי איז אָן שום ספק אַ מענטש מיט אַן עכטן ליטעראַרישן זשעני. אָבער זיין ווערט אַלס שרייבער, איז באַשטאַ־נען דער עיקר אין דעם, וואָס ער האָט זיך געריסן מיט דער גאַנ־צער קראַפט פון זיין דעמאָנישן טעמפּעראַמענט צו דעם שענסטן

און רײנסטן אין מענטש, צו דעם אמתדיקסטן און יושרדיקסטן אין מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. און װען מיר שרײבן װעגן טויטן פּאַ־נאַיִט איסטראַטי איז אונז אין דער ערשטער רײ װיכטיק נישט די אָפּשאַצונג פון זײַן רײן־ליטעראַרישער ירושה, נאָר די פראַגע װעגן זײַן פאַרראַט לגבי די נשמה פון זײַנע װערק. פּאַנאַיִט איסטראַטי איז געשטאָרבן מיט אַ טאָפּלטן טויט; און זײַן מאָראַלישער טויט איז אונז װיכטיקער װי דער פיזישער.

אַזאַ פאַרראַט װי איסטראַטיס קאָן קײן שום זאַך נישט באַ־רעכטיקן און מילדערן; אפילו נישט דער רײַנער פלאַם פון זײַן פאַר־גאַנגענהײט; אפילו נישט זײַן שװער, געפּײַניקט לעבן און זײַן טראַגישער טאָפּלטער טויט. מיר װילן אָבער נישט נאָר פאַראורטײלן, נאָר פאַרשטײן די פּסיכאָלאָגישע סיבות פון איסטראַטיס שענדלעכן פאַרראַט. נישט אַלעמאָל הײסט פאַרשטײן – מוחל זײַן, אָבער דאָס פאַרשטײן העלפט לײַכטער אַריבערטראָגן יעדע זאַך. װײַל זינלאָזיקײט איז צום שװערסטן אַריבערצוטראָגן בײַ װיכטיקע זאַכן.

* *

*

פּאַנאַיִט איסטראַטי איז געװען אַן עקסטאַטישע נאַטור, װאָס האָט נישט נאָר געגרענעצט מיט היסטעריע, נאָר טאַקע אָפט גאַנץ װײַט אַריבערגעטרעטן דידאָזיקע גרענעץ. און װי יעדע היסטערישע נאַטור, איז ער געװען אין דער העכסטער מאָס עגאָצענטריש. אמת, ער איז געװען אַ געניאַלער היסטעריקער, און זײַן עגאָצענטריש־קײט איז גאַנץ אָפט פאַרװאַנדלט געװאָרן אין מענטשן־ליבע: זײַן עגאָ האָט אין עקסטאַז אַריבערגעשפּרײַזט די אײגענע ענגע גרענעצן און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן „דו" פון אַלע מענטשן, װאָס זענען אַזוי אונטערדריקט װי ער, װאָס לעבן איבער די זעלבע עװלות, װאָס ער; אָבער דװקא דידאָזיקע פאַראַלגעמײנערונג, װאָס אין איר ליגן אפשר די קװאַלן פון אַלטרואיזם, מענטשן־ליבע, מאָראַל און יושר־געפיל, פירט אָפט אַזעלכע נאַטורן צו אַ צו שאַרפן רעאַגירן

אויף פערזענלעכע עוולות: זיי רעאַגירן דאָך אין זייער געפיל נישט נאָר אויף דער עוולה לגבי זיי גופא, נאָר אויף דער עוולה לגבי דעם מענטש בכלל, לגבי דער פערזאָניפיצירונג פון דער מענטשהייט.

אויף ווי ווייט איסטראַטי איז געווען היסטעריש-עגאָצענטריש, באַווייזט פאָלגנדעס: אין פאָרוואָרט צו זיין ראָמאַן „די פירמע טירינגער" (אַ פאָרוואָרט, וואָס איז געשריבן אין רעכטן מיטן פון זיין מאָראַלישן קריזיס, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט זיין פול-שטענדיקן גייסטיק-מאָראַלישן צוזאַמענברוך), ווי ער טרעט אַרויס מיט אַ באַשולדיקונגס-אַקט קעגן זיינע פריערדיקע חברים און מיט אַ ווידוי וועגן זיין אינטימסטן וועזן, רעדט ער מיטן גרעסטן פּאַ-טאָס וועגן דעם, אַז קיין איין שרייבער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט גובר צו זיין אַזעלכע שוועריקייטן, ווי ער, איסטראַטי. וואָס?! עס קומט אים אויס צו שרייבן מיט אַ ווערטערבוך און אַ גראַמאַטיק אין דער האַנט. אָנשטאָט צו לאָזן פריי פליסן זיינע גע-דאַנקען, דאַרף ער זיך קאָנטראָלירן, צי דאָס וואָרט שרייבט זיך מיט צוויי „ט" צי מיט איינע און ענלעכס.

געוויס, שרייבן אויף אַ פרעמדער שפּראַך, וואָס מען באַ-הערשט נישט אינגאַנצן, איז שווער. אויב איסטראַטי גיט זיך אַן עצה מיט דערדאָזיקער שוועריקייט, איז דאָס אַ באַווייז פאַר זיינע גרויסע פעיִקייטן. אָבער אויסשטעלן זיך צוליב דעם אַן אַטעסטאַ-ציע פון אַ מאַרטירער, ווי איסטראַטי טוט דאָס, איז קאָמישע היס-טעריע: אָדער מען לערנט זיך אויס גוט פראַנצויזיש, אָנישט שרייבט מען אויף דער מוטער-שפּראַך, און מען לאָזט איבערזעצן. איסטראַטי אָבער זעט נישט די גרענעץ צווישן זיין פריוואַטער ראַנגלעניש מיט דער שפּראַך און דער ראַנגלעניש פון אַן אַלגעמיינעם ווערט. זיין טעמפּעראַמענט און זיין היסטערישע עגאָצענטרישקייט פאַר-שמעלצן דידאָזיקע צוויי זאַכן.

דערדאָזיקער פאַל איז אַ קאָמישער, און דעריבער טאַקע אַ באַזונדערס בולטער. דערזעלבער מעכאַניזם ווירקט אין איסטראַטין

ביי וויכטיקערע און טראַגישערע אָנגעלעגנהייטן, ווי מיר וועלן דאָס זען שפּעטער.

* *

*

פאַנאַיִט איסטראַטי האָט אָנגעהויבן שרייבן צו פערציק יאָר. צופעליק איז אַנטפּלעקט געוואָרן זיין ליטעראַרישער טאַלענט. אויב מ'זאָל גלייבן איסטראַטין, האָט ראָמען ראָלאַן געפירט מיט אים אַ קאַמף פון יאַנואַר *1921* ביז מאַי *1922*, ער זאָל שרייבן. עס איז נישט לייכט צו נעמען — פּראָפעסיאָנעל — די פעדער אין דער האַנט אַריין נאָך אַזאַ רייך לעבן (רייך מיט דערפאַרונגען, פיין און פאַרצווייפלונג), נאָך אַ פּרווו איבערצורייסן דאָסדאָזיקע לעבן. איסטראַטי איז אַן אימפּולסיווע נאַטור און אַ געבוירענער דערציילער, זיין דאָזיקן דראַנג האָט ער זיכער אויסגעלעבט אין משך פון זיין לעבן דורך שמועסן מיט די פיל וואַנדער־חברים, דורך דערציילן מיטן גערעדטן וואָרט. אָבער אַז ער האָט שוין מסכים געווען צו שרייבן, און זיין ערשט בוך (קירא קיראַלינאַ) האָט געהאַט אַ ריזיקן (פאַרדינטן) דערפאָלג, האָט דאָס פאַר איסטראַטין געמוזט זיין אַ ביזן גרונט אויפטרייסלענדיקע פאַרענדערונג פון זיין לעבן. ער האָט געמוזט איבערלעבן זיין מעטאַמאָרפאָזע ווי אַ ווולקאַן־אויסברוך, ווען וויסטע ים־וואַסערן ווערן באַדעקט מיט אינזלען און טיפע טאָלן ווערן דערהויבן צו הויכע בערג. אַן אומבאַקאַנטער אַרומשלעפער, וואָס די וועלט האָט זיך נישט געוואָלט אומקוקן אפילו אויף זיין גייסטיקער און מאָראַלישער שפע, איז געוואָרן וועלט־באַרימט. זיין וואָרט, ביז נישט לאַנג הערבאַר בלויז פאַר אַ צופעליקן וואַנדער־חבר, האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו רעדן צו דער גאַנצער וועלט. דער שלעפער, וועמען די וועלט האָט אויסגעשפּיגן אויפן ראַנד פון זעלבסטמאָרד, איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אייראָפּעיִשער שרייבער־עליטע. פאַנאַיִט איסטראַטיס איינגעבוירענע אייגנשאַפט פון אַ פאָלקס־פילאָזאָף, פון אַ מוכר־השכלניק פון אַ הויכן מאָראַלישן ווערט (זע זיין „פעטער אַנגעל",

למשל), איז דורך זיין דערפאָלג, דורך זיין געענדערטער לאַגע אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אַ געפיל פון אחריות, און מיט אַן איבערגעטריבענער איינגעגלויבטקייט אין אייגענעם וואָרט, אין דער אייגענער אָפּשאַצונג. זיין דערפאָלג איז דאָך פאַר אים געווען אַן אָביעקטיווע גאַראַנטיע פאַר זיין קראַפט, פאַר זיין ווערט — ע־ האָט דאָך אַלץ געהאַט צו פאַרדאַנקען זיך אַליין, אפילו ראָמען ראָלאַנס פריינטשאַפט — די גרעסטע דערגרייכונג און דער גרעסטער שטאָלץ איסטראַטיס, ביי וועמען עס איז אויסערגעוויינטלעך אַנטוויקלט (געווען!) דאָס געפיל פאַר חברשאַפט. ביז אַ קולט ממש.

* *

*

פאַר אונז איז איסטראַטי נישט סתם אַ שרייבער, נאָר אַ שרייבער אַ בונטאַר, אַ שרייבער פון די אונטערדריקטע און פאַ־שטויסענע. איסטראַטי גופא קוקט אויף זיך אַזוי. ער שטאָלצירט דערמיט. אין אַן אַרטיקל אין באַקאַנטן פראַנצויזישן זשורנאַל „אויראָפּ" (יולי 1932) „די קונסטן און די היינטיקע מענטשהייט" געפינען מיר אין אַ באַזונדערס בולטער פאָרם איסטראַטיס אַני מאמין בנוגע דעם וועזן און דער אויפגאַבע פון קונסט. „די קונסט — שרייבט ער – פאַרמאָגט די העכסטע מאָס ליבע, און די ריינסטע..." „דאָס שיינע קאָן זיין בלויז דער זעלנער פון דעם גערעכטן. מיר האָבן נישט געקאָנט גורס זיין קיין קונסט און קיין קינסטלער, וואָס זאָלן נישט זיין קיין טרעגער פון ליכט פון אַן אמת, וואָס איז באַשטימט צו באַקעמפן דעם עגאָיזם פון די מענטשן און רעאַליזירן אַלץ מער און מער גערעכטיקייט אויף דער ערד".

דאָס איז געווען איסטראַטיס אידעאַל וועגן קונסט, בעת ער איז נאָך געווען בלויז אַ קאָנסומענט אירער, און דאָס איז געבליבן איסטראַטיס אַני מאמין, בעת ער איז געוואָרן אַ פּראָדוצירער פון קונסט. ער נוצט נישט אויס זיין באַרימטקייט אויף צו שרייבן „ריינע" קונסט, און פאַרדינען דורך דעם געלט. ער נעמט זיך מישן

צו דער וועלט, ער דיסקוטירט מיט די פריינט און שרייבט וועגן די פּראָבלעמען און אידעען פון זיין צייט. און איסטראַטי, דערציילנדיק דאָס, גיט צו מיט צאָרן: זיינע פריינט, די ראַדיקאַלע פראַנצויזישע שרייבער, האָבן אים אָפּגעשיקט צו זיינע מעשהלעך. „דאַן, — שרייבט איסטראַטי — בין איך אין כעס געוואָרן. האָט מען דען פאַרגעסן, אַז אַדריאַן זאָגראַפי (דער נאָמען פון איסטראַטיס אויטאָביאָגראַפישן העלד. — י. ר.) איז תמיד געווען וויניקער אַ מעשהלע־דערציילער, ווי אַ בונטאַר?"

איסטראַטי איז אַ מענטש מיט אַ שאַרפער פילבאַרקייט אויף עוולות, מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו פילאָזאָפירן און טעאָרעטישע חקירות אויפן סאָציאַלן געביט, — אָבער מען מוז זאָגן, אַז בלויז זיין רעוואָלט אין געביט פון געפיל איז ווערטפול; זיין פעיִקייט צו טעאָרעטישע באַטראַכטונגען איז זייער אַ שוואַכע, עס פעלט אים לאָגיק און גייסטיקע דיאַלעקטיק. אָט איז אַ מוסטער פון זיינע פילאָזאָפישע פעיִקייטן: „פאַרוואָס זענען מיר אַזוי פילבאַר צום טריוּמף פון גוטס איבער שלעכטס? פאַרוואָס פרייען מיר זיך מיט דער מפּלה פון שלעכטן? ווייל מיר ווערן געבוירן גוטע. אָבער דעמדאָזיקן טריוּמף און דידאָזיקע מפּלה דאַרף מען ווייזן נישט נאָר אין ראָמאַנען, אין טעאַטער און אויפן עקראַן, נאָר... אין לעבן. און דאָס געשעט זייער זעלטן. פאַרוואָס? קודם־כל, ווייל דער מענטש, הגם ער ווערט געבוירן אַ גוטער, איז אָבער אויך אַ גאַווהדיק, עגאָיִסטיש באַשעפעניש; און חוץ דעם, ווייל עס איז שווער זיך אויפצופירן איידל אין לעבן בעת די גרעסטע מערהייט מענטשן טוט דאָס פאַרקערטע". און דעריבער וועט איסטראַטי שרייבן זיין „אַדריאַן זאָגראַפיס לעבן". „אַדריאַן וועט באַווייזן דורכן ביישפּיל פון זיין לעבן, אַז עס איז נישט אומבאַדינגט נייטיק צו פאַרמאָגן אַ סטאָיִשע אָדער טוגנטהאַפטע נשמה, כדי צו קענען און דאַרפן לעבן גרויסמוטיק, נאָר גאַנץ פשוט, ווייל די גרויסמוטיקייט גיט דער נשמה מער באַפרידיקונג, ווי דער עגאָיִזם". עס איז איבעריק אָנצוווייזן אויפן פלאָנטער: ער איז גענוג בולט.

צו דידאָזיקע חסרונות איז צוגעקומען נאָך איינער, נאָך אַ

סך אַ גרעסערער אין די אויגן פֿון זיינע קאָמוניסטישע פֿריינט. זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן, זאָגט איסטראַטי, אַז זאַגראַפֿי איז אַ בונ־טאַר: „זיי האָבן אָבער געוואָלט, אַז זיין רעוואָלט זאָל זיין דיס־ציפּלינירט. און דאָס האָט מיך נאָך מער דערצערנט", גיט צו דער אַנאַרכיסטיש־געשטימטער, אימפּולסיוו־אויפֿריכטיקער, מאַרקסיסטיש־עם־האַרצישער איסטראַטי.

איך האָב נישט קיין גרונט נישט צו גלייבן איסטראַטיס דאָ־זיקע ווערטער. ערשטנס, איז דאָס זייער וואַרשיינלעך, צווייטנס, דערציילט ער עס מיט אַזאַ קינדערישער נאַיִוקייט, אַז עס איז נישט מעגלעך נישט צו דערשפּירן די אויפֿריכטיקייט פֿון זיינע ווערטער. („דאָס האָט מיך נאָך מער דערצערנט, האָבן מיר זיך געקריגט"). אַזוי אַרום איז דער ריס צווישן איסטראַטין און זיינע פֿריינט נאָך זיין קומען פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד געווען אַן אָפּשלוס פֿון אַ לענגערן פּראָצעס. בלויז די עפֿנטלעכקייט, וואָס האָט נישט גע־וואוסט פֿון דידאָזיקע רייבונגען, איז איבערראַשט געוואָרן פֿון פּלוצלינגדיקן אויסברוך.

* * *

איסטראַטיס רייזע קיין ראַטנפֿאַרבאַנד איז געווען פֿאַר אים אַן איבערברוך־מאָמענט פֿון נישט קיין קלענערער באַדייטונג און גורלדיקייט, ווי איסטראַטיס באַקאַנטשאַפֿט מיט ראָמען ראָלאַן.

איסטראַטי איז געפֿאָרן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד אַלס באַגייסטער־טער אָנהענגער און געקומען איז ער צוריק אַן איבערגעביטענער. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דריי־בענדיק ווערק וועגן ראַטנפֿאַרבאַנד מיט די גרעסטע אָנקלאַגעס קעגן דאָזיקן גייסטיקן פֿאָטערלאַנד זיי־נעם. אַלס דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר זיין קריטיק דינט איסטראַטין אַ גרויסע עוולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן דעם פּראַנצוי־זיש־רוסישן שרייבער וויקטאָר סערזש. (אַ פֿאַל, וואָס איז שוין עט־לעכע מאָל געווען די טעמע פֿון דער גאַנצער פּרעסע). איסטראַטי האָט געוואָלט זוכן גערעכטיקייט פֿאַר וויקטאָר סערזשן, און ביים דאָזיקן

פּרווו זיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע שווערינקייטן און שטרויכלונ־גען, וואָס האָבן פאַר אים אויפגעדעקט די חסרונות און אומגע־רעכטיקייטן פונם רעזשים אין ראַטנפאַרבאַנד.

די קאָמוניסטישע פּרעסע האָט גלייך דאַן (אין 1928־9) גע־וואָרפן אויף איסטראַטין די שווידערלעכע באַשולדיקונג, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט דעם פאַשיזם, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער רומע־נישער סיגוראַנצאַ. איצט, ווען איסטראַטיס פאַרראַט איז אַ פאַקט, ווילן די קאָמוניסטן שלאָגן דערפון קאַפּיטאַל און טריומפירן: אהאַ, מ׳יר האָבן נאָך דאַן געזאָגט. אַנרי באַרביס וואַרפט אים אפילו פאָר (אין אַן אַרטיקל אין „מאָנד״, אין שייכות מיט איסטראַטיס אָפענעם פאַשיזם), אַז זיין בוך האָט איסטראַטי אַליין נישט געשריבן, נאָר ער האָט בלויז געגעבן אויף אים זיין נאָמען. מען קאָן אָבער נישט באַרעכטיקן די דעמאָלסטיקע אומגערעכטע באַשולדיקונג דער־מיט, וואָס זי איז היינט אמת. בפרט, אַז דידאָזיקע אומגערעכטע באַשולדיקונג טראָגט אַ געוויסע שולד (ווי איך גלייב) דערין, וואָס זי איז געוואָרן אַן אמת.

באַרביס חזרט איבער אינם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל די באַ־שולדיקונגען, וועלכע מען האָט דאַן אַרויסגעשטעלט קעגן איסטראַ־טין. ער דערציילט, אַז איסטראַטי האָט זיך נוקם געווען אין ראַטנפאַרבאַנד צוליב זיינע נישט באַפרידיקטע כבוד־אַמביציעס (ס׳האָט אים געקרענקט, וואָס דער רוסישער גאָרקי געניסט מער אָנזען, ווי דער גאָרקי פון באַלקאַן) און דער אומגעזעטיקטער געלט־גיריקייט.

זאָל זיין, אַז אַזעלכע מאָטיוון האָבן געשפּילט אַ ראָל אין איסטראַטיס באַשלוס צו דעמאַסקירן דעם ראַטנפאַרבאַנד. צי דען לייקנט דאָס אָבער אָפּ די פאַקטן, וועלכע איסטראַטי דערציילט וועגן וויקטאָר סערזשן? זאָל זיין, אַז איסטראַטי וואָלט צוליב גאָר גרויס כבוד און גאָר אַ סך געלט נישט געפונען ביי זיך דעם מוט צו דערציילן דעם אמת וועגן זיינע דערפאַרונגען, — אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט דער סיגוראַנצאַ? דאָס כאַפּן זיך צו דער העכסטער מאָראַלישער שטראָף האָט, אדרבא, אַרויסגערופן אַ חשד,

אַז איסטראַטי האָט יאָ אויפגעדעקט אַ שוואַכן פּונקט, וועלכן מען וויל פאַר יעדן פּרייז פאַרדעקן מיט דער העכסטער דיסקרעדיטירונג. מען האָט אים דאָך געקאָנט באַשולדיקן אין פערזענלעכער אַמביציע, אין געלט-גייציקייט; מען האָט דאָך געקאָנט אויפווייזן, אַז ער גענעראַליזירט אַן איינצלנעם פאַל, געטריי צו זיין עגאָיסטיש-היסטערישער נאַטור און זיין קולט פאַר פריינטשאַפט; מען האָט געקאָנט דערקלערן, אַז ער איז בכלל נישט גערעכט. מיט איין וואָרט, מען האָט געהאַט אַ סך מיטלען צו באַקעמפן דעם אומאָנגענעמען און אומבאַקוועמען איסטראַטי-עפּיזאָד, — פאַרוואָס-זשע איז מען געקומען מיט אַזאַ באַשולדיקונג, וואָס מען מוז אונטערשטיצן מיט די זיכערסטע באַווייזן?

* *

*

דאָס, וואָס מען האָט אים אָנגערופן „אַגענט פון דער סיגוראַנצאַ", האָט איסטראַטין פאַרשאַפט גרויס ווייטיק, אָבער נאָך מער געזונט האָט אים געקאָסט, וואָס קיין איינער פון זיינע פריינט האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר אים, אפילו ראָמען ראָלאַן אויך נישט. פּונקט ווי ראָמען ראָלאַן איז געווען דאָס גרעסטע גליק פון זיין לעבן, אַזוי איז ער געוואָרן דאָס גרעסטע אומגליק פון זיין לעבן. מיט אַ צוויי יאָר צוריק, ד. ה. אין אַ פיר יאָר אַרום נאָך דעם ריס צווישן אים און זיינע פּאָליטישע און פּערזענלעכע פריינט, האָט נאָך איסטראַטי אָפּגעדרוקט אַ בריוו צו ראָלאַנען, פאַרוואָס ער איז נישט אַרויסגעטרעטן און טרעט נישט אַרויס צו באַשיצן זיין, איסטראַטיס, געטרעטענעם כבוד. דער בריוו איז פול געווען מיט גרויס פאַרערונג און ליבע צו ראָלאַנען, אָבער אויך נישט מיט קיין קלענערער אַנטוישונג און פאַרביטערונג. דידאָזיקע וואונד האָט זיך נישט געקאָנט אויסהיילן. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער געשריבן וועגן יענעם מאָמענט: „דאָס איז דאַן געווען די גרעסטע מאָראַלישע פּיין, וואָס איך האָב ווען דורכגעלעבט אין מיין לעבן". און מען קאָן אים גלייבן, דעם דעמאָלסטיקן איסטראַטין,

אין מען מוז אים מיטפילן, ווייל דאַן האָט ער, לויט אַלע וואַר־שיינלעכקייטן, נישט פאַרדינט דידאָזיקע העכסטע שטראָף.

און דאָ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין איסטראַטין זיין פאַרשאַרפטע פילבאַרקייט: די עוולה, וואָס איז אים געטון גע־וואָרן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרברעכן קעגן דעם מענטש אַלס אַזעלכן (און אַ געוויסער אמת איז דאָ אין דערדאָזיקער פאַר־שאַרפטער רעאַגירונג), און די היסטערישע עגאָצענטרישקייט האָט געפאָדערט נקמה פאַרן פאַרשוועכטן מענטש, דידאָזיקע באַליידי־קונג (און די איינזאַמקייט, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן) האָט גע־קאָנט צעברעכן אויך אַ שטאַרקערן מענטש, און אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט אויך טעמפּערע נערוון.

די קאָמוניסטן האָבן געקאָנט באַגיין אַזאַ עוולה? — דער סאָציאַליזם האָט באַנקראָטירט! ראָמען ראָלאַן האָט געקאָנט פאַר־שווייגן מיין עוולה, — די עוולה פון אַ מענטש, אַלס אַזעלכן? — די קונסט און די קינסטלער האָבן באַנקראָטירט! די פריינטשאַפט האָט באַנקראָטירט! אַז איסטראַטיס פסיכישער אַפּאַראַט אַרבעט אויף אַזאַ אופן (בפרט אין אַזאַ צושטאַנד), באַווייזט זיין פסיכישע רעאַקציע אויף זיין אומגליקלעכער ליבע, וואָס ער האָט דורכגע־לעבט אין דידאָזיקע יאָרן פון גייסטיקן צוזאַמענברוך: די פרוי האָט אים אָפּגענאַרט? אַ קללה דער פרוי אַלס אַזעלכער! פאַרשאָלטן זאָל זיין איר געשלעכט!

* *

*

אין אויבנדערמאַנטן פאָרוואָרט כאַראַקטעריזירט ער אַזוי זיין צושטאַנד (וואָס האָט אים געפּרעסן זינט עטלעכע יאָר): „נישטאָ מער קיין סאָציאַלער אידעאַל. נישטאָ מער קיין פריינטשאַפט. נישטאָ מער קיין גלויבן אין דער קונסט. נישטאָ מער קיין פריינטשאַפט. נישטאָ מער אַ פרוי — אַ לעבנס־חברטע".

אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט צום קאַמף פאַר זיינע רעכט? „יעדע אָרגאַניזאַציע ברענגט נוצן און וועט ברענגען נוצן די

אָרגאַניזאַטאָרן! אָט וואָס איך וויל נאָך דערציילן פאַרן טויט. אַלע, וואָס ווילן מאַכן פון מענטשן אַ חיה פון אַ סטאַדע, זענען זיינע מערדער... זאָל לעבן דער מענטש, וואָס שטעלט זיך נישט אונטער קיין שום פאָן!... די באַפרייאונג פון מענטשן דורך אָפּזאָגן זיך... אפילו פון דער טעכנישער אַרבעט, וואָס איז צו גוט „אָרגאַניזירט" קעגן אים אויף די ביידע זייטן פון דער באַריקאַדע. יאָ, מען דאַרף פּרוּוון אויך דאָס: די מענטשהייט זאָל זיך אומקערן, אויף אַ יאָרהונדערט, צום נאָמאַדישן לעבנס-שטייגער, צום דאָזיקן לעבן, וואו די געזעלשאַפט הערשט נישט איבערן יחיד... דאָס איז, אגב, מיין גלויבן פון תמיד: די רעוואָלוציע פון אַ יחיד, דורך אָפּזאָגן זיך פון מיטהאַלטן מיט וואָס עס זאָל נישט זיין". און איסטראַטין ווילט זיך נאָך שרייבן אַ 40 בענדער פון זיין נייער סעריע „אַדריאַן זאָגראַפיס לעבן" (נישט ווי אַמאָל „אַדריאַן זאָגראַפיס דערציילונגען"; ער וויל נישט מער דערציילן, נאָר לערנען ווי צו לעבן). „דאָרט וועט מען זען, ווי אַזוי אַ מענטש האָט געקאָנט נישט שטעלן זיך אונטער קיין שום פאָן. און היות עס איז דאָרט נישטאָ קיין שום פענאָמענאַלס, קיין שום איבערמענטשלעכס, גלויב איך, אַז דאָס, וואָס איז מיר מעגלעך געווען, וועט מעגלעך זיין אַלע שקלאַפן פון דער ערד. אין יענעם טאָג, ווען זיי וועלן מער נישט וועלן זיין קיין שעפּסן".

אָט אַזוי האָט איסטראַטי רעאַגירט אויף דער עוולה מצד זיינע נעכטיקע פּאָליטישע פריינט. ער וואַרפט אַלע אין איין טאָפּ — דעמאָקראַטן, מאָנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, פאַשיסטן, — און פּרעדיקט אַזאַ מין צבסטראַקטן זשאַן-זשאַק-רוסאָאישן אַנאַרכיזם, אַן אומקער צו אַ פאַנטאַסטישן גאָלדענעם צייטאַלטער פון נאָמאַדן-צושטאַנד, פונקט אַזאַ נאַיוון ווי אַ שעדלעכן. ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען צום סוף זיין שטאָלצע פאַרזיכערונג וועגן ווייט זיין פון אַלע פענער, וועלן מיר נאָך שפּעטער זען...

ראָמען ראָלאַן האָט אים נישט פאַרטיידיקט? ראָמען ראָלאַן האָט געשוויגן? — די גאַנצע קונסט, אפילו די, וואָס רעדט אין נאָמען פון אידעאַלן און מענטשלעכקייט, וואָס זאָגט אַזוי פיין

גרויסע אמתן, איז בלויז אַ פּאַך אַזאַ, דאָס שרעקלעכסטע פון אַלע: „דאָס פּאַך... פון אַ קינסטלער אָדער פון אַ מאָראַליסט, וואָס לעבט פונם בלוט פון הייליקן רעוואָלט פון די באַזיגטע". „אויך די קונסט איז אַ שווינדל. דער קינסטלער איז געגליכן צו אַ גייסטלעכן: ער פּרעדיקט דאָס העכסטע, אָבער ער זאַמלט די גאָלדענע מטבעות, וויפיל ער קאָן נאָר... אויסגעצייכנט באַשיצט דורך די זעלבע קוילנוואַרפערס, וועלכע ער בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיי צעשטערן. די קינסטלער זענען שאַרלאַטאַנעס".

מיט איין וואָרט: אַ שטימונג פון אַ טויט־פאַרביטערטן. פון אַ טויט־קראַנקן סיי פיזיש, סיי גייסטיק. סאַבאָטירן אַלץ: זייערע אידעען און זייער טעכניק, זייער קונסט און זייער קאָמפּאָרטאַבעלן רעוואָלט, — ווייל זיי טראַכטן אויס אַלץ נייע פּאָטערלאַנדן, וועלכע זענען דאָך אַלע ענלעך צווישן זיך מיט זייער ציל און פּראַקטיק צו פאַרשקלאַפן דעם מענטש פון דער מאַסע, דעם ערלעכן.

סיי אין אויבנדערמאַנטן פאָרוואָרט, סיי אין זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען מיט מאַגדאַלענאַ פּאַז, וואָס האָט אים פאָרגעוואָרפן פאַרראַט לגבי דעם אַרבעטער־קלאַס, — זענען דאָ גאַנץ פיינע איינצל־געדאַנקען, אַן אויפריכטיקע עמפערונג, אָבער אָנשטאָט צו בלייבן אין די גרענעצן פון לאָגיק און אמת און פירן אַ פּאָלעמיק וועגן פעלערן און פאַרברעכנס, וואַרפט ער אַרויס דאָס קינד מיטן שמוציקן וואַסער און וויל איינרעדן, אַז דאָס איינציקע, וואָס קאָן ראַטעווען דאָס קינד, איז — טויטן עס.

* *

*

דערדאָזיקער שווערער גייסטיקער קריזיס האָט לאַנג געדויערט, און ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אויפן וועג געזונט צו ווערן, האָט ער באַקומען אַ קלאַפּ פון נאָך אַ שונא: טובערקולאָז אין אַ שווערער פאָרם.

איסטראַטי איז שוין פון לאַנג געווען קראַנק אויף טובערקולאָז, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע וויטאַלע קראַפט, וואָס

פֿלעגט גובר זיין די קראַנקהייט. איצט אָבער האָט דער גייסטיקער קריזיס געבראָכן זיין וויטאַלע קראַפֿט (ווי ער דריקט זיך אויס) און עס הייבט זיך אָן אַ טראַגישער קאַמף צווישן דעם פֿיזיש־און גייסטיק־אונטערגעבראָכענעם איסטראַטי און זיין באַוואוסטזיין, אַז ער מוז לעבן, אַז ער וויל נישט שטאַרבן, נישט פֿאַרענדיקנדיק זיין אויפֿגאַבע.

ער דערמאַנט זיך מיט פֿאָרוואורף, אַז ראָלאַן און אַלע אי־בעריקע האָבן אים צוגערעדט צו שרייבן דערציילונגען, בעת ער פֿילט זיך „געבוירן נישט אויף צו צעשטרייען מענטשן, נאָר אויף צו לערנען זיי ברידערלעך", און אַזוי אַרום איז „די כאַמעע ערנ־סטע טייל פֿון מיין ווערק, די סאַמע ערלעכסטע געבליבן ביי מיר". און ער גלייבט, אַז די דערפֿאַרונגען פֿון זיין לעבן (וואָס געהערט צו די מוטיקסטע), איז נויטיק פֿאַר די מענטשן, וואָס לעכצן מען זאָל זיי לערנען דורך לעבנס־ביישפּילן. און ביים שאָטן פֿון טויט רופֿט ער אויס פּאַטעטיש (פֿאַר דריי יאָר האָט דאָס אַזוי געוירט, און היינט פֿייניקט דאָס אַזוי): „איר וועט אין מיין גאַנץ לעבן נ'שט געפֿינען דאָס, וואָס איז דאָס אומגליק פֿון דער מענטשהייט, — דעם עגאָיזם. דעם שרעקלעכן עגאָיזם, וואָס מאַכט דעם מענטש אומפֿילבאַר צום טרויער פֿון זיין מיטמענטש".

און לעבנדיק אין אַ קלויסטער אין די מאָלדאַווישע קאַר־פּאַטן, האָט ער פֿיבערהאַפֿט גענומען שרייבן די געשיכטע פֿון אַדריאַן זאָגראַפֿיס לעבן. דאָס ערשטע בוך („פּירמע טירינגער") איז גלייך געווען אַ דורכפֿאַל פֿאַר דעם מחברס צילן. אָבער נישט דידאָזיקע פֿאַרביטערטע בלאָנדזשענישן און נאַיִווע פֿעלערן האָבן געגעבן אַ מאָראַלישן טויט־קלאַפּ איסטראַטין. דאָס האָט ער באַ־וויזן אויף אַן אַנדערן אופֿן.

* *

*

איסטראַטין איז נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן אין יאָר *1932*, ווען די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און

ווען זיין טויט וואָלט אים געלאָזט דעם אָרעאָל פון אַ מאַרטירער פאַרן אמת, — ווייל בלויז אָרטאָדאָקסאַלע קאָמוניסטן האָבן געגלויבט אין איסטראַטיס שענדלעכער ראָל; אַלע אַנדערע האָבן געזען אין אים העכסטנס אַ פאַרביטערטן, היסטערישן מענטש, וואָס מישט צונויף ריכטיקע פאָרוואורפן מיט אומזיניקע פלוידערייען.

אומגעריכט האָט זיין אָרגאַניזם נאָכאַמאָל גובר געווען די שאַרפע אַטאַקע פון דער קראַנקהייט. איסטראַטין איז באַשערט געווען נאָך אַ פּאָר יאָר לעבן און אַן אייביקער מאָראַלישער טויט.

אין אַן אַרטיקל אין „מאָנד״ (פעברואַר *1935*) ברענגט באַרביס פאַקטן וועגן איסטראַטיס ריין־פּראָוואָקאַטאָרישער טעטיקייט: ער זאָל האָבן אויסגעגעבן פריינט, וואָס האָבן געלעבט אין בראַילאַ אומלעגאַל; ער זאָל האָבן צוגעהאָלפן צו פאַרווערן אין רומעניע די פאַרייניקטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. איך ווייס נישט צי דידאָזיקע פאַקטן האָט באַרביס אַליין פעסטגעשטעלט אָדער מען האָט זיי אים מיטגעטיילט; איך ווייס אויך נישט, צי זיי זענען אינגאַנצן ריכטיק, — אָבער איצט, נאָך איסטראַטיס אָפענער פאַרבינדונג מיט די באַנדעס פון דער „אייזערנער גוואַרדיע״, נאָך זיינע אַרטיקלען אין דער רומענישער פאַשיסטישער פּרעסע, נאָך זיין אָפענעם בריוו צו פראַנציס זשורדען, — איז אַלץ צו גלויבן. איסטראַטי האָט געלעכצט נאָך לעבן, כדי צו לערנען די מענטשן צו זיין אַבסאָלוט פריי, און ער האָט אויסגענוצט די פּאָר יאָר אויף צו פאַרקנעכטן זיך גופא צו די ערגסטע „אָרגאַניזאַטאָרן״, וואָס זענען ווען געווען אויף דער ערד, צו די ערגסטע מערדער — די פאַשיסטישע באַנדעס. פּאַנאַיט איסטראַטי האָט געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל, אַז „דאָס לעבן קאָן זיין נאָך שענער, ווען מען שטאַרבט אין אַן אָרים בעט אָן שנאה, מיט אַ געוויסן, וואָס איז פריי פון יעדער שענדלעכער משא, הגם מען האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן און אפילו אַמאָל דעם חשק צו טון ווי כמעט אַלע״; — „ווייל די וועלט קאָן לעבן אָן וועגן, אָן עלעקטריש ליכט און אפילו אָן קערפּערלעכער היגיענע, אָבער זי קאָן נישט לעבן אָן ריינע נשמות״. דאָס איז ריכטיק, אָבער איסטראַטי האָט זיך אַליין באַ־

זייטיקט פון דערדאָזיקער מחנה. פּאַנאַיִט איסטראַטי האָט געפאָדערט פון דער קונסט, זי זאָל באַקעמפן יעדע אַרט טיראַניע און יעדן עגאָיִזם, און ער האָט אויסגענוצט די לעצטע אָרימע לעבנס-יאָרן, כּדי צו דינען די פּרעדיקער פון דער פּרעכטסטער געוואַלט אין נאָמען פון נאַקעטסטן, פּרעכסטן עגאָיִזם.

איסטראַטי, וואָס האָט געוואָלט באַנוצן די לעצטע געשענקטע יאָרן אויף צו ווייזן דורך אַדריאַן זאָגראַפין, אַז די צוקונפט געהערט צו די אַבסאָלוט-פרייע, שרייבט אין די פאַשיסטישע שמאַטקעס, אַז די צוקונפט געהערט די אייזערנע גוואַרדיסטן, די לאַנדסקנעכט און געדונגענע מערדער פון קאַפּיטאַל, וועמענס פאַרברעכנס איסטראַטי גופא האָט אַזוי קרעפטיק פאַראורטיילט נאָך אין יאָר *1932* אין זשורנאַל „אויראָפּ". איסטראַטי, דער פרייער וועלט-בירגער, וואַרפט פאָר פראַנסיס זשורדענען, פאַרוואָס ער האָט געהאָט די העזה צו קומען אין פאַרבינדונג אויף דער רומענישער ערד מיט צוויי יידישע קאָמוניסטן, אַ זאַך, וואָס האָט „אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטן שטורעם פון צאָרן ביי די נאַציאָנאַליסטישע שיכטן, וואָס האָבן טויזנטער מאָטיוון נישט צו טיילן דיין סימפּאַטיע פאַרן קאָמוניסטישן רעזשים".

בלויז דער בריוו פון פּאַנאַיִט איסטראַטי צו פראַנסיס זשורדען איז גענוג, כּדי צו דיסקרעדיטירן זיינע אַלע אַרטיקלען פון די לעצטע פּאָר יאָר. דער בריוו איז אַ העסלעכער דאָקומענט, פול מיט שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם פון ערגסטן מין, פול מיטן ערגסטן מין פּאַטערלאַנד-פאַרערונג (איסטראַטי האָט דאָך אַזוי אָפּגעלאַכט פון אַלע פּאַטערלאַנדן!). דאָס איז אַ בריוו פון אַ לאַקיי, וואָס האָט נישט די מינדסטע חרפּה, וואָס האָט אויסגעמעקט פון זכרון און פון האַרץ אַלץ, וואָס ער האָט געפּרעדיקט און מיט וואָס ער האָט זיך אַזוי היסטעריש-אָפן גערימט. און אַלץ אין נאָמען פון יושר און אמת.

• •

•

איין מעגלעכקייט איז דאָ צו רעהאַביליטירן איסטראַטין: מען זאָל קאָנען באַווייזן, אַז זיינע אַרטיקלען אין דער פאַשיסטישער פּרעסע און זיינע אָפענע בריוו זענען אַ מיסברויך מצד זיינע קלויסטער-גאַסטגעבער. מען האָט בלויז אין דער לעצטער צייט אַזוי פיל דאָקומענטן געפעלשט, — צי איז נישט צוגעקומען נאָך אַ פעלשונג? אפשר האָט מען אויסגענוצט איסטראַטיס קראַנקהייט, זיין פאַרביטערונג און באַוואוסטזיין-פאַרטונקלונג, כדי צו פעלשן אין זיין נאָמען?

עס איז דאָ זייער אַ שוואַכע האָפענונג, דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, אָבער איסטראַטיס שענדלעכער, זינלאָזער פאַרראַט (צוליב פאַרביטערונג פאַר אַן אומגערעכטן פאָרוואורף, איז ער געוואָרן דאָס, וואָס מען האָט אים פאָרגעוואָרפן!) איז אַזוי ווייטיקדיק, אַז עס ווילט זיך אָנכאַפּן אויך אין דאָזיקן שוואַכן שטראַל פון האָפענונג...

דעם קייסערס קולים

סיי די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, סיי די קליינע דייטשישע — האָבן באַפרייט שעפערישע פאָלקס־כוחות, וואָס זענען ביז די רעוואָלוציעס געלעגן דערשטיקט אונטער דעם ברוטאַלן פוס פון הערשנדיקן קלאַס און זיינע משרתים.

אומעטום, אין אַלע געביטן פון מאָדערנעם פיל־געשטאַלטיקן לעבן, זענען געלעגן דידאָזיקע שעפערישע פאָלקס־כוחות און אויפגעהיטן זייערע שעפערישע זאַפטן פאַר דער שעה פון באַפרייאונג. אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט איז דאָס גאָר בולט: אַלע אונטערדריקטע פעלקער, אַלע אונטערדריקטע קלאַסן האָבן אַרויסגעשיקט אויף דער באַפרייטער אויבערפלאַך שעפערישע רעפרעזענטאַנטן, וואָס דערציילן די געשיכטע פון זייער פיין, וואָס געשטאַלטיקן זייער אין דער פינסטער לאַנג פאַרשפאַרטע נשמה. אָבער אויך אין דייטשלאַנד — הגם אין אַ סך אַ קלענערן פאַרנעם — איז באַמערקבאַר געווען דערדאָזיקער פראָצעס.

* *

*

צו די אונטערדריקטסטע פון די אונטערדריקטע האָבן בלי ספק געהערט די מאַטראָזן פון רוסישן און דייטשישן קריגס־פלאָט. דער גאַנצער קלאַסן־קעגנזאַץ צווישן די געמיינע מאַטראָזן און די אַדעליקע אָפיצירן, דער גאַנצער סאָציאַלער תהום צווישן זיי, איז קאָנצענטרירט געווען אויף דעם ענגן שטח פון אַ קריגס־שיף. אויף דער קריגס־שיף, וואו דאָס גאַנצע לעבן איז אַרומגעצוימט מיט שטרענגע שטאָלענע ליניעס, איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פאַרטושירן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער

קלאַסן־געזעלשאַפט. אַלץ איז דאָ אַזוי בולט און האַרט, ווי די קאָנ־
טורן פון די שטאָלענע ריזן. די פּרעכטיקע קאַיוטעס פון די אָפּי־
צירן און די שטיקנדיקע שלאָף־רוימען פון דער געמיינער מאַנשאַפט
ליגן זייט ביי זייט; די געשמאַקע ריחות פון דער אָפיצירן־קיך
דרינגען תמיד אַריין אין אָרימען מאָלצייט־צימער פון די מאַטראָזן;
די אויסגעלאַסענע פרייהייט פון דער העכערער קאָמאַנדע לייגט
זיך פּרעך פונאַנדער אונטער די אויגן פון שקלאַפישן מאַטראָזן־
לעבן. אַלץ איז דאָ איינגעאָרדנט אַזוי, אַז עס מוז ווירקן ווי אַן
אָנשוילעך בילד פון דער אומדערטרעגלעכער קאַפּיטאַליסטישער
ווירקלעכקייט.

די גאווהדיקע ים־אָפיצירן פון צאַרישן און ווילהעלמישן
פלאָט האָט זיך זיכער נישט געחלומט, אַז צווישן די „געמיינע"
מאַטראָזן, וועלכע עקזיסטירן פאַר זיי בלויז אַלס אָביעקט פון עקס־
פּלואַטאַציע און פאַראַכטונג, געפינען זיך שעפערישע מענטשן, וואָס
וועלן שטעמפּלען פאַר די קומענדיקע דורות זייער גלענצנדיק פאַ־
ראַזיטיש לעבן. אין רוסלאַנד האָט דידאָזיקע ערן־מיסיע אויסגע־
פירט דער געמיינער מאַטראָז נאָוויקאָוו־פּריבאָי, און אין דייטש־
לאַנד — דער מאַטראָז טעאָדאָר פּליוויע. נאָוויקאָוו־פּריבאָי האָט
געשטעלט אַ ווירדיק דענקמאָל דעם רוסישן קריגס־פלאָט אין זיין
בוך „צוסימאַ", און טעאָדאָר פּליוויע האָט אויפגעדעקט דעם גאַנצן
שמוץ און די גאַנצע נישטיקייט פון דייטשלאַנדס גרויסן פלאָט אין
זיין הערלעך בוך „דעם קייסערס קוליס — ראָמאַן פון דייטשישן
קריגס־פלאָט".

ווי פאַרשידן עס זאָלן נישט האָבן געווען די אויסערלעכע
פאָרמען פון דער רוסישער און דייטשישער ווירקלעכקייט — דאָס
אינערלעכע בילד, וואָס ווערט אַנטפּלעקט פאַר אונז דורך די צוויי
דאָזיקע קריגס־פלאָט־ביכער, איז אַזוי אידענטיש, ווי אידענטיש עס
איז דאָס וועזן פון צוויי פּיאַווקעס. און ווען מיר שילדערן דאָס
לעבן פון דייטשישן קריגס־פלאָט לויט טעאָדאָר פּליוויעס „דעם
קייסערס קוליס" — שילדערן מיר גלייכצייטיק אויך דעם רוסישן

און אויך אַלע אַנדערע קריגס־פּלאַנען פון אַלע לענדער און אַלע צייטן.

* *

*

אַ פּרוי פון אַ מאַטראָז, וואָס איז געקומען פון ווי ווייט זיך זען מיט איר מאַן, לאָזט מען נישט אַריין אין דער פּאָרט־שטאָט, וואו עס שטייט די שיף: צוליב שפּיאָנען־געפאַר. אָבער יעדער אָפיציר האָט אַ וואוינונג אויף דער יבשה, און ער קאָן אַרויספּאָ־דערן אַהין פון אַלע עקן לאַנד יעדע פּראָסטיטוטקע, וואָס געפעלט אים. און דידאָזיקע טויזנטער פּראָסטיטוטקעס זענען אַן אמתער גן־עדן פאַר אַלע אַנטאַנט־שפּיאָנען.

אַ מאַטראָז, וואָס שרייבט צו זיין פרוי אַ בריוו און איז איר מודיע וואו עס שטייט זיין שיף, באַקומט יאָרן תּפיסה פאַר אַנט־פּלעקן קריגס־סודות, אָבער דער אַדמיראַל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דידאָזיקע דראַקאָנישע פאַראָרדענונגען, שרייבט צו זיין פרוי לאַנגע בריוו, וואו ער דערציילט איר אַלע פּלענער. ווען אַ מאַטראָז זאָל שרייבן צו זיין פרוי אַ הונדערטסטל דערפון, וואָלט דער אַדמיראַל אים איבערגעגעבן צום קריגס־געריכט, צו דער תּליה.

„דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס!" איז דען דאָ אַ העכערער געבאָט פאַר דער קרוין פון דייטשישן פאָלק, פאַר די ים־אָפיצירן? חס־ושלום! אָבער ווען עס קומט פאַר אַ שלאַכט צווישן ענגלישע און דייטשישע קריגס־שיפן און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז די ענגלישע שיפן שיסן ווייטער ווי די דייטשישע — פירן די ים־אָפיצירן — ביי שאַמפּאַניער! — אַ דיסקוסיע וועגן אַ העכסט־וויכטיקער זאַך: צי דערלויבט דער עטיקעט פונם ים־אָפי־צירן־קאָרפּוס אויסצוטון דעם אוניפאָרם־ראָק ביים קעגל־שפּיל?

אַלץ פאַרן פאָטערלאַנד! האָבן דען די הערשנדיקע אַן אַני־דערן ציל? חס־ושלום!

אָבער דער אַדמיראַל שרייבט צו זיין פרוי: ער פילט אַ געוואַלטיקן דראַנג נאָך דערפאָלגן. ער ציטערט פאַר אַ צו שנעלן

שלום. ער מוז נאָך פריער דורכפירן אַן אַקציע מיטן פלאָט. ער איז מקנא הינדענבורגן.

די מאַנשאַפט לעבט ווי אויף אַ שקלאַפן־שיף, כדי דעם פאָטערלאַנד צו פאַרשאַפן דערפאָלג — אָבער די העכערע קאָמאַנדע טראַכט וועגן דערפאָלגן פאַר זיך, כדי אַרויסצורוקן זיך, כדי צו שטילן די אַמביציע. די גרעסטע טראַגעדיע וואָלט געווען פאַר זיי דייטשלאַנדס אַ שנעלער זיג, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן זייערע העלדישקייטן (פון אַנטלויפן אין אַ זיכערן האַפן ביים צונויפטרעף מיטן שונא!).

די אָפיצירן באַגיסן מיט שאַמפּאַניער די אַוואַנסירונג פון זייערס אַ קאָלעגע. שיכורע — פאַרטראָגן זיי בישט דעם רויש פון עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, וואָס גיט אַ ביסל פרישע לופט דער מאַנשאַפט אין די ענגע שלאָף־קעלערס. באַפעלן די שאַמפּאַניער־זויפער אָפּצושטעלן דעם ווענטילאַטאָר, די מאַנשאַפט ווערט שיער נישט דערשטיקט.

דאָס איז, דאַכט זיך, אַ גענוג בולטע אילוסטראַציע צו דעם שקלאַפן־לעבן פון די מאַטראָזן, אָבער עס זענען דאָ נאָך שוידערלעכע אילוסטראַציעס. אַ שיף האַלט אין אונטערגיין. די מאַטראָזן כאַפּן זיך צו, אין דער בהלה, צו די אָפיצירישע שפּייז־פּראָדוקטן. אַ שוידערלעכע סעודה בעת אַ פעסט! ווי אויסגעהונגערט זיי מוזן זיין!

און אָט איז ווילהעלם אַליין. דער קייסער באַזוכט די שיפן נאָך אַ מוראדיקער קאַטאַסטראָפע: בעת אַ שלאַכט האָט אויפגעריסן אַ פּולווער־מאַגאַזין אין אַ געפּאַנצערטן טורעם — און די גאַנצע מאַנשאַפט פון טורעם, 80 פערזאָן, זענען פאַרברענט געוואָרן אין איין מינוט. ווען מען מאַכט פריי אַ וועג צום דאָזיקן טורעם און מען גייט אַריין אַהין, פאַלט אַ מאַטראָז אין אָנמאַכט: די פאַרברענטע שטייען אויף זייערע פּאָסטנס ווי לעבעדיקע: הערמעטיש פאַרמאַכט, זענען זיי ווי אויסגעברענטע מומיעס. ערשט ביים ערשטן ריר צעפאַלן זיי זיך אויף שטויב.

דער קייסער באַזוכט די שיף, וואו עס איז פאָרגעקומען די

שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע. בעתן וואַרטן אויפן קייסער, מעגן די מאַטראָזן צייטווייליק אַריינגיין אין די וואוין־קאַזעמאַטן, אָבער זעצן זיך איז פאַרבאָטן, ווייל עס קאָנען זיך נאָך מאַכן קנייטשן אין די הויזן.

אָט איז שוין דאָ דער קייסער. ער זאָגט צו איין אָפיציר (וועגן אויסגעבערענטן טורעם): „נו, אינעווייניק אין טורעם האָט געמוזט זיין זייער וואַרעם?" „יאַוואָהל, מאַיעסטעט, מערערע טויזנט גראַד!" — „מערערע טויזנט גראַד! גיס אָן אַ גלאָז, אַ פול טאָפּל־גלאָז!"

דידאָזיקע באַציִונג צום לעבן פון געמיינע איז כאַראַקטע־ריסטיש נישט נאָר פאַרן קייסער, וואָס פאַרמאָגט דאָך מיליאָנען זעלנער (עס שפּילט ביי אים אַ ראָלע 80 מאַן!), נאָר אויך פאַר דער לאָקאַלער קאָמאַנדע פון יעדער שיף. ווען דער טורעם האָט אויפגעריסן, האָט מען געדאַרפט ראַטעווען די רעזערוו־קאָמאַנדע, וואָס איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַ געפאַנצערטן רוים אונטער דער דעק, און דערנאָך פאַרגיסן דעם רוים מיט וואַסער, כדי צו ראַ־טעווען די איבעריקע טייל שיף. אָבער כדי וואָס שנעלער צו ראַ־טעווען די שיף, לאָזט מען נישט ראַטעווען די רעזערוו־קאָמאַנדע, נאָר מען דערטרינקט זיי ווי געפאַנגענע מייז.

דאָ איז נישט איבעריק צו ברענגען דעם לעצטן זאַץ פון פליוויעס בוך, ווילהעלמס אַ זאַץ. שוין אויף יענער זייט פון דער האָלענדישער גרענעץ, פרעגט ווילהעלמען זיין אַדיוטאַנט, פאַר־וואָס ער האָט זיך נישט געשטעלט בראש פון זיין מיליטער, כדי אומצוקומען מיט אַ העלדישן טויט. ענטפערט ווילהעלם: „די צייט פון העראָישן זשעסט איז פאַריבער!"

די צייט פאַר העראָישן זשעסט איז געווען דאַן, ווען דעם טויט פון 80 מאַן אין אַ פאַרמאַכטן טורעם האָט מען געקאָנט פייערן מיט אַ גלאָז שאַמפּאַניער.

* *

*

פּליוויעס בוך איז אָבער נישט נאָר אַ דאָקומענט פון שאַנד גאַרן פּרייסישן מיליטאַריזם און זיין קייסער, נאָר אויך אַ דאָקומענט פון דעם פאָלקס עכטן העראָיזם און פון פאָלקס פאַטאַלער שוואַכקייט.

ווען די מאַטראָזן הייבן זיך אָן צו בונטעווען, ברענגען זיי אַרויס פון זיך אַזעלכע וואונדערבאַרע העלדן, אַז מען בלייבט שטיין דערשטוינט און פאַרשעמט פאַר דידאָזיקע אוצרות פון מענטשלעכקייט און העכסטן, אָן־זשעסטיקן העראָיזם.

דער מאַטראָז אַלווין קעביס איז קעגן דער דעמאָנסטראַציע פון זיינע שיף־חברים, אָבער ווען די מערהייט איז פאַר און מען שטופּט אים אַרויס אויפן פּירער־פּלאַץ, שטעלט ער זיך אָן באַוואָרענישן אין דער שפּיץ פון די מאַסן. בעתן פּראָצעס באַמיט ער זיך גאָרנישט אָפּצושוואַכן זיין שולד. ער גייט מוטיק צום טויט, געטרייסט דורכן גלויבן, אַז זיין טויט וועט האָבן אַ זין, אַלס פּערמענט פון דער מאַסן־רעוואָלוציע. דער אויספאָרשונגס־ריכטער, דער־דאָזיקער מנוול, וואָס מאַכט פון אַ ספּאָנטאַנער באַוועגונג אַ געפּלאַנטע פאַרשווערונג, כדי זיך אַרויפצורוקן אויף דער קאַריערע־לייטער, דערדאָזיקער מנוול, וואָס בעט דעם באַשולדיקטן מודה צו זיין זיך, כדי נישט שווער צו מאַכן זיין, דעם ריכטערס, אויפגאַבע צו שיקן אים אונטער די ברידערלעכע קוילן, — דערדאָזיקער ריכטער האָט מורא פאַר די פויסטן פון דאָזיקן פאָלקס־העלד, ווען ער בלייבט מיט אים אויג אויף אויג, אָבער אַן איבעריקע שרעק: אַלווין קעביס איז פאַר אינדיווידועלן טעראָר בלויז אין זיין רעדע אויפן פּראָצעס, אָבער אין דער פּראַקטיק האַלט ער דעם אויספאָרשונגס־ריכטער פאַר צו טיגופתדיק, ער זאָל זיך צורירן צו אים מיט זיינע ריינע הענט.

דער פּראָצעס, וואָס איז פונקט ווי דער גאַנצער ראָמאַן ווירקלעכקייט־רעפּאָרטאַזש, דעקט אויף דעם אומגעהייערן תהום

צווישן צוויי וועלטן, אַ דעגענערירט־פּאַרפּעצטע, אַ חיהש־בלוט־דורשטיקע, און אַ תּמימותדיק־העלדישע, אַ צו מילדע אין איר ריינקייט.

אָבער אויך די שוואַכקייט פון די מאַכן ווערט פאַר אונז אויפגעדעקט אין דאָזיקן גראַנדיעזןווירקלעכקייטס־בוך. און דאָס בילד פון דערדאָזיקער שוואַכקייט איז אַזוי טראַגיש, אַזוי וויי־טיקדיק, אַז עס ווערט, אָן פּליוויעס כּוונה, צום עיקרדיקסטן טאָן פון בוך.

אַלע געדענקען נאָך די וואונדערלעכע געשיכטע פון אַ דייטשישער שיף, וואָס איז בעת דעם קריג אַרומגעשוואומען איבער אַלע אָקעאַנען און ימען און געקעמפט מיט דערפאָלג קעגן דער הערשערין פון די ימען. אָבער ערשט אַ דאַנק פליוויען דערוויסן מיר זיך נישט נאָר די גענויע געשיכטע פון דער שיפס העלדיש־קייטן, נאָר אויך איר פאָרגעשיכטע. די דייטשישע קריגס־מאַכט האָט צונויפגענומען צעבונטעוועטע מאַטראָזן, אומזיכערע עלע־מענטן און זיי אַרויסגעשיקט אויף אַ זיכערן טויט אויף אַ שוואַך־באַוואָפנטער האַנדלס־שיף. די שיף איז אָפּגעריסן פון דעם היימלאַנד דורך אַ גאַנצער וועלט שונאים. דער טויט איז יעדע מינוט גרייט אַלעמען איינצושלינגען, אָבער אויך דאָ, צווישן די טויט־פאַר־משפּטע, די זעלבע אומגלייכקייט, אומגערעכטיקייט. די מאַנשאַפט ווערט קראַנק פון מאַנגל אין פרישער שפּייז, אָבער די אָפיצירן פרעסן. ווען מען פאַרכאַפּט ביי אַ געפאַנגענער פיינטלעכער האַנדלס־שיף פרישע פּראָדוקטן, וואַנדערן זיי איבער אין די שפּייז־קאַמערן פון די אָפיצירן.

עס איז געוווג, אַז די מאַנשאַפט זאָל בינדן עטלעכע אָפי־צירן און אַריינגיין אין אַ נייטראַלן האַפן, כּדי אויסצומיידן די אוממענטשלעכע ליידן, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. אָבער די דיס־ציפּלין, דידאָזיקע מורא פאַר געוואַלט פון די הערשנדיקע, ווירקט אפילו דאָ, ווי די דידאָזיקע מאַכט איז אַ בולטע אילוזיע, אפילו נישט קיין פאַרדעקטע, ווי תּמיד. און ווען די מאַנשאַפט בונטעוועט זיך שוין יאָ, איז דער מאַטראָז גרייט דורכצושטעכן — אַלס סימן

פון פעסטן אָפּזאָג צו פאָלגן ווייטער די באַפעלן פון דער מאַכט, — זיין אייגענע האַנט, אָבער נישט דאָס האַרץ פון שונא, וואָס שטייט פאַר אים, — ציטערנדיק פאַר זיין לעבן, — און פאָדערט אונטער־טעניקייט.

דידאָזיקע צום טויט־פאַרמשפּטע שיף וואַקסט אויס צו אַ גראַנדיעזן סימבאָל פון דער שוואַכקייט פון די מאַסן, וועלכע האָבן נאָך נישט דערקענט נישט די אייגענע קראַפט און נישט די שוואַכ־קייט פון די שונאים. דערדאָזיקער סימבאָל איז נישט קיין קינסט־לעכער, קיין געוואַלטער, נאָר ער פליסט אַרויס פון דעם עצם דערציילן, פון עצם פאַקט. דאָס איז דער סימבאָל, וועלכן עס צווינגט אַרויף דאָס לעבן. און דערפאַר ווירקט עס אַזוי גראַנדיעז, אַזוי דערשיטערנדיק, אַזוי טראַגיש.

פּליוויע האָט מיט זיין „ראָמאַן פון דייטשישן קריגס-פלאָט״ געגעבן אַ בילד פון אַ שטיק דייטשישער מיליטערישער ווירקלעכ־קייט, דערהייבנדיק זי גלייכצייטיק צו אַ קווערשניט פון דער סאָ־ציאַלער אָרדענונג בכלל.

טאָלסטאָי דער מענטש

טאָלסטאָי דער קינסטלער איז פון אַלעמען אָנערקענט; טאָלסטאָי דער רעליגיעזער לערער און סאָציאַלער מאָראַליסט ווערט דורך אַ סך פאַרהײליקט און דורך אַ סך באַקעמפט; אָבער טאָלסטאָי דער מענטש, — דער „נאַקעטער מענטש", אָן די מלבושים פון גאונות און טיטאַנישער קאַמף־קראַפט, איז נאָך ווייניק באַקאַנט דעם ברייטן עולם.

ווי ביי אַ סך פון די מעכטיקסטע גייסטער, איז אויך ביי טאָלסטאָיען דאָס רירנד־שוואַכע, דאָס מענטשלעך־אומבאַהאָלפענע פאַרשאָטנט געוואָרן פאַר די אַרומיקע דורך זיין געוואַלטיקער לעבנס־אַרבעט. אָבער זייער אָפט איז גראָד דאָס רירנד־שוואַכע — דאָס שענסטע בלאַט פונם גרויסן גייסט. דאָס שענסטע, ווייל דאָס מענטש־לעכסטע, אין וועלכן ער דערשיינט אַלס איינער פון אונז, מענטשן, אויף וועמען עס ליגט, ווי אַ לאַסט, דער זעלבער גורל. און דער זעלבער גורל מאַכט נאָענט. און דאָס געפיל פון נאָענט זיין איז מער, ווי באַוואונדערונג און דיסטאַנץ־ליבע...

* *

*

מיט 25 יאָר צוריק איז דער 82־יעריקער טאָלסטאָי אַנט־לאָפן פון זיין היים. ער האָט געמאַכט די גרעסטע און לעצטע אָנ־שטרענגונג פון זיין לעבן, כדי צו ברעכן די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטײלט זיין אויסערלעך סביבה־לעבן פון זיין אינערלעכסטן מהות. זיין גורל אָבער האָט אים נאָכגעיאָגט. אויף איבערמאָרגן נאָך זיין אַנטלויפן האָט שוין אַ וועלט געווענדט די אויגן צו דער קליינער באַן־סטאַנציע, וואו ער איז געלעגן קראַנק, אין די לעצטע

שעהן פון זיין לעבן. ער זאָל האָבן געזאָגט: „אַ וועלט מיט מענטשן לײדן איצט, פאַרוואָס־זשע קוקן אַלע אויף איין שטאַרבנדיקן לעוו?"...
(„לעוו" — אויף רוסיש: לייב).

שווער פעסטצושטעלן, צי טאָלסטאָי האָט טאַקע געזאָגט די־דאָזיקע ווערטער. זייער אָפט לייגט מען אַריין אין מויל פון שטאַרבנדיקע גאונים דאָס, וואָס עס ווערט געבוירן אין דער פאַנטאַזיע ביי אַ פּריינט. אָבער די־דאָזיקע געזאָגטע אָדער „אַריינגעלייגטע" לעצטע ווערטער דריקן אָפּט אויס דאָס טיפסטע וועזן פון שטאַרבנדיקן.

* *
*

די ערשטע טייל פון זיין לעבן האָט טאָלסטאָי געשטרעבט ווצוציען אויף זיך די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, זיך אויפהייבן איבער די אומצאָליקע אומבאַקאַנטע בויער און שאַפער פון לעבן. אָבער אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן האָט ער זיך געוואָלט באַפרייען פון זיין פּיעדעסטאַל, ער האָט זיך געוואָלט אָפּטונקען אין דער גרויער מענטשלעכער מאַסע — און, ווי איינער פון אירע אומצאָליקע, געניסן בלויז אַלס מענטש דעם צער און די פרייד פון מענטשן־גורל. אפילו דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, זיין קינסטלערישע גאונות, האָט ער מיט געוואָלט געבויגן צו דער ערד, זי זאָל גלייך זיין צו דעם פאָלקס־מעשהלע און צום פאָלקס־מויל.

אין זיין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט ער געוואָלט איבערלאָזן, צוזאַמען מיט זיין פרוי, אויך טאָלסטאָי דעם קינסטלער, טאָלסטאָי דעם פּרעדיקער, טאָלסטאָי דעם קעמפער. ער האָט געוואָלט באַקומען דאָס רעכט צו זיין בלויז אַן אַלטער מענטש, וואָס דערנענטערט זיך צו זיין סוף, וואָס מאַכט אַ מענטשלעכן חשבון מיט דער וועלט, וואָס ער פאַרלאָזט. און די טראַגעדיע פון זיין לעבן האָט אים נאָכגעיאָגט. ער האָט געפילט, אַז אַלעמענס אויגן זענען געווענדט נישט אויפן שטאַרבנדיקן, לײדנדיקן זקן, ווי זיי זענען נישט

געוועגדט אויף טויזנטער אַנדערע שטאַרבנדיקע. אין זיינע אויבנ־געבראַכטע ווערטער איז דאָ אַ דערשיטערנדיקער פּראָטעסט קעגן פּאַרגעסן, קעגן פאַרשטעלן דאָס נאַקעט־מענטשלעכע אין אים.

* *

*

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער קליינער סטאַנציע, אויף וועלכער ס'האָט געגוסט טאָלסטאָי. אָבער נישט אַלע אויגן האָבן געקוקט מיט ליבע און פאַרגעטערונג; אין אַ סך האָט געבליצט אַ חוזק־פייערל, ווייל זיי האָבן געזען אין טאָלסטאָיס אַנטלויפן איינע פון זיינע לעצטע שוואַכקייטן. אַ גאַנץ לעבן, האָבן זיי געטענהט, איז ער אַ געזונטער און אַרבעט־קרעפטיקער געווען צוגעבונדן צו זיין היים, וועמענס יסודות ער האָט מיט אַזאַ קראַפט צעטרייסלט אין זיינע ווערק; און איצט — אויף דער עלטער, אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט, האָט ער אויסגעפירט־פּאַראַדירט דעם געבאָט פון זיין לעבן. דידאַזיקע אָפּשפּעטער פון טאָלסטאָיס אַנטלויפן האָבן איינגעזען דערין אַ ווייטערדיקן רינג אין דער קייט פון פּראַקטי־שער צביעות, וואָס טאָלסטאָי האָט געשמידט (לויט זייער מיינונג) אין משך פון דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן.

אין משך פון די לעצטע *25* יאָר זענען דערשינען אַ סך ווערק פון טאָלסטאָיס נאָענטע און פריינט, וועלכע ווייזן, אַז די שפּאָטישע באַציִונג צו טאָלסטאָיס אַנטלויפן (ווי צו זיין גאַנץ אומ־קאָנסעקווענט לעבן) איז אַן אומגערעכטע. באַזונדערס בולט ווייזן עס טאָלסטאָיס טאָג־ביכער און זיינע בריוו. זיי ווייזן, אַז נישט מיט צביעות האָבן מיר דאָ צו טון, נאָר מיט אַ טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ מוראדיקן קאַמף צווישן אַ שוואַכן מענטש און זיין מעכטיקן גייסט. אין פלערליי וואַריאַציעס חזרט טאָלסטאָי איבער: „ס'איז מיר זייער שווער פון דער שאַנדע פון מיין לעבן. און וואָס צו טון ווייס איך נישט. גאָט, העלף מיר!" (פון טאָגבוך: *29/5 .1906*). „דערדאָזיקער „העלף" באַווייזט, אַז כ'בין שוואַך, אַז ס'איי שלעכט מיט מיר. גוט, וואָס כ'האָב כאָטש

דעם באַוואוסטזיין דערפון". „יאָ. כ'בין שוואַך אויף צו לעבן תמיד מיטן גייסטיקן „איך". איינס איז גוט, וואָס כ'בין אומצופרידן מיט זיך און כ'שעם מיך. זאָל איך כאָטש דערמיט נישט שטאָלצירן". (דאָרטן).

טאָלסטאָיס צווייטע לעבנס-העלפט האָט פאַרמאָגט אַ סך קאָמישע מאָמענטן פאַר אויסערלעכע בליקן. די אָבער, וואָס קוקן אַריין טיפער אין אינטימען לעבן פון יאַסנאָפּאָליאַנער זקן, זעען, אַז דאָס איז געווען נישט קיין זעלבסטנאַרעריי אויף צו באַרויִקן דאָס געוויסן, אויף צו שאַפן זיך זעלבסטצופרידנקייט. עס דערשיטערט, ווען מען לייענט זיין בריוו צו אַ גרופּע אַרעסטירטע פאַר אָפּזאָגן זיך פון מיליטער-דינסט. ער פילט זיך אַזוי קליין קעגן זיי, ער קוקט אויף זיי ווי אויף הייליקע, ער קוקט צו זיי אַרויף ווי פון טיפן תהום צום העכסטן באַרג-שפּיץ. ס'איז אַזוי רירנד זיין געוויסנס-פּיין, טאָמער האָט ער עס דערפירט דידאָזיקע יונגעלייט צו דערדאָזיקער, דורך אים געפּרעדיקטער, טאַט, פון וועלכער זיי ליידן פיזיש, בעת ער געניסט דערפון גייסטיק. און ווי מקנא ער איז זיי, דידאָזיקע פאַרווירקלעכער פון זיין גלויבן!

* *

*

אויף אַ שטיקל פּאַפּיר פון *10/3 1906* און אין טאָגבוך פון *11/3 1906* שרייבט טאָלסטאָי: „אַ גאַנצן טאָג אַ טעמפּער אומעט-צושטאַנד. אינאָווענט גייט דערדאָזיקער צושטאַנד איבער... אין אַ פאַרלאַנג נאָך צערטלעכקייט, נאָך ליבע". „און מיר, דעם זקן, האָט זיך פאַרוואָלט ווערן אַ קינד, זיך צוטוליען צו אַ לעבעדיק נפש... קלאָגן זיך און ווערן געצערטלט און געטרייסט". דער אַלטער טאָלסטאָי בענקט נאָך זיין מוטער, ווייל נאָר צו איר קאָן ער זיך אַזוי צוטוליען און באַקומען אַ טרייסט. „יאָ, יאָ. די מאַמינקע... מיין העכסטע פאָרשטעלונג פון ריינער ליבע, — אָבער נישט פון דער קאַלטער געטלעכער, נאָר פון דער ערדישער, וואַרעמער, מאַמישער.

צו דערדאָזיקער ליבע האָט זיך געצויגן מיין בעסערע, פאַרמאַטערטע נשמה". „דו, מאַמינקע, דו צערטל מיך. דאָס איז אַלץ מטורפדיק, אָבער דאָס איז אַלץ אמת".

דאָס איז דאָס העכסטע געשריי טאָלסטאָיס, נישט פון דעם האַלב-גאָט, נאָר פון דעם ערדישן,ווירקלעכן מענטש. פאַרשטייט זיך, אַז אויף מאָרגן, אין טאָגבוך פון 3/11 דערציילט ער נאָכאַמאָל זיין פאַרלאַנג פון 3/10 און גיט צו (שוין אַלס טאָלסטאָי דער רעליגיעזער לערער), אַז דאָס איז אַ שפּיצל „פון עגאָיסטישן טייוול, וואָס וויל אין אַזאַ נייער... פאָרם אָפּנאַרן און באַהערשן... דאָס איז נאָר אַן אָפּשוואַכונג, אַ צייטווייליק פאַרשווינדן פון גייסטיקן לעבן"... און טאָלסטאָי געפינט אַ טיפן אויסוועג פון דאָזיקן צושטאַנד (אַן אויסוועג, וואָס שטימט האָר אויף האָר מיט זיין לערע). מ׳דאַרף זען דינען דעם ערשטן בעסטן אָנגעטראָפּענעם, „אַרבעטן אויף עמעצן", און דער עגאָיזם וועט ווידער געטויט ווערן...

מיר ווייסן אָבער, אַז דערדאָזיקער מאָמענט האָט באַגלייט טאָלסטאָיס גאַנצע לעבן. זיין דאָזיקן מאָמענט, ווען ער בענקט נאָך ערדישער, מאַמישער ליבע, גלייבן מיר מער ווי זיין קלאַמערן זיך אין זיין געלייטערטן, ווייט-קאַלטן ראַציאָנאַליסטישן גאָט-גלויבן. זיינע ווערטער אין טאָגבוך: „דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ צו וואָס צו לעבן; ס׳ווילט זיך שטאַרבן", — דידאָזיקע ווערטער פון אַלכן געפינער פון לעבנס-צילן און לעבנס-זין זענען אונז נישט ווייניקער נאָענט, ווי זיין פעסטע זיכערקייט אין אַ סך פון זיינע אמתן. און דווקא זיי, דידאָזיקע שוואַכע עכט-מענטשלעכע מאָמענטן, גיבן צו די „אמתן" זייער אמתן ווערט; זיי ווייזן אונז, ווי טיף עס זענען די וואונדן, פון וועלכע זיי ציען זייער יניקה. און די גייסטיקע פרוכט פון מענטשלעכע אייביקע ליידן זענען היילִיק, זענען אונזער שטאָלץ, ווייל נאָר דאָרט, וואו מ׳ראַנגלט זיך מיט אייגענע שוואַכקייטן, ליגט אמתע גבורה.

ליטעראַטור אוןווירקלעכקייט

איך שרייב וועגן ראָטן און טראַווענען צוזאַמען נישט דער־פאַר, ווייל זיי זענען קרובהשע שרייבער לויט זייער טאַלאַנט און לויט זייערע טעמעס, און אויך נישט דערפאַר, ווייל איך האָב זיי צופעליק געלייענט צוזאַמען; אדרבה, טראַווען און ראָט זענען שרייבער פון צוויי פאַרשידענע וועלטן, און געלייענט האָב איך זיי אין פאַרשידענע צייטן. און דאָך איז די פאַרבינדונג פון די־דאָזיקע צוויי שרייבער אין איין אַרטיקל נישט קיין מעכאַנישע און געצוואונגענע; זיי גיבן אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן נאָענט צו דער פראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן ליטעראַטור און ווירקלעכקייט, ליטעראַטור און היינטצייטיקייט. און יעדע ממשותדיקע מעגלעכ־קייט אַריינצובליקן אין דערדאָזיקער פראַגע — דאַרף אויסגענוצט ווערן. בלויז מיט טעאָרעטישע מיטלען וועט זי נישט געלייזט ווערן באַפרידיקנדיק.

יאָזעף ראָט איז אַ יידיש־עסטרייכישער יונגער שרייבער. זיינע ראָמאַנען האָבן גרויס דערפאָלג. דעם יידישן עולם איז ער באַקאַנט אַ ביסל דורך זיין „יידיש" בוך „איוב". ראָט איז אַ גו־טער שריפטשטעלער, מיט טאַלאַנט, קולטור און רייפער שרייבע־רישער טעכניק. באַזונדערס שטאַרק האָט אויסגענומען זיין לעצט בוך, דער ראָמאַן „טאַראַבאַס", וואָס רעפּרעזענטירט אין אַ פולער מאָס ראָטס אַלע מעלות און חסרונות, און דעריבער וועל איך טאַקע אָפּשטעלן זיך אויפן דאָזיקן בוך, אַלס פאַרגלייך־מאַטעריאַל מיט טראַווענס ווערק.

טאַראַבאַס איז דער נאָמען פון ראָטס העלד. יונגערהייט פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקע; עס גייט אים דאָרט נישט אַזוי פויגלדיק; ווען ער געפינט זיך אין קלעם — עס דראָט אים

אַרעסטירט צו ווערן פאַר שלאָגן, צי גאָר טויטן אַ מענטש — קומט צוהילף די וועלט-מלחמה און ער פאָרט צוריק אַהיים, אויף איינעם פון די רוסישע בלוטיקע פראָנטן.

טאַראַבאַס מאַכט דורך דעם קריג מיט אַלע זיינע גרויזאַמקייטן, דערנאָך די רעוואָלוציע מיט אַלע אירע אומגעריכטע — פאַר אים — אומאָנגענעמלעכקייטן; באַזונדערס פיל צרות ליידט ער פון איינעם אַ יידישן געלן זעלנער — אַ רעוואָלוציאָנערן אַגיטאַטאָר. דערמיט אָבער איז טאַראַבאַס׳ קאַריערע נאָך נישט געענדיקט. ער שווימט אַרויף אין אַ שטעטל אין איינעם פון די ראַנדלענדער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט אין קאַפּיטאַליסטישן גן-עדן אַ דאַנק די אינטערווענצן פון די מערב-מלוכות. ער ווערט אַן אָנפירער פון אַ פּולק, אַ קליינער דיקטאַטאָר אין אַ יידיש שטעטל. זיין מיליטער מאַכט אַ פּאָגראָם. טאַראַבאַס קומט באַרויִקן די זעלנער, אָבער אינצווישן דערזעט ער אַ געלן ייד (דעם טאַטן פון געלן זעלנער, דעם טייוול; דער געלער איז זיך מוסר-נפש און גייט אַרויס אין פּאָגראָמירטן שטעטל ראַטעווען ספר-תּורות), דער געלער ייד דערמאַנט אים זיין געלן זעלנער, דעם אַגיטאַטאָר, דאָס קאָכט אויף אין אים זיין רוצחיש, הפקרדיק בלוט, און ער רייסט אויס ביים געלן ייד די באָרד.

דאָס איז טאַראַבאַסעס לעצטע שלעכטע טאַט. די אויסגעריסענע באָרד נעמט צו ביי אים די רו. ער ווערט אויס מיליטערמאַן, ער גייט אַוועק אָפּריכטן גלות, נישט ערגער, ווי אַ יידישער למד-וואָווניק, ער פּייניקט זיך יאָרן-לאַנג, ביז ער זאַמלט אָן אַ סך געלט און קומט פאַרגעלטן דעם געלן ייד, וואָס איז משוגע געוואָרן פון פּיין, די עוולה. דער ייד וויל דאָס געלט נישט נעמען, ער איז אים אַזוי מוחל, און טאַראַבאַס, אַ טויט-קראַנקער, שטאַרבט מיט אַ באַרויִקטער נשמה.

דאָס איז דער סיפּור-המעשה. אין ראָטס בוך ווערט עס דערציילט מיט אַלע מיטלען פון גוטער פּראָזע. דער פּאָגראָם, ווי אַזוי ער ברעכט אויס און ווי אַזוי ער קומט פאָר, איז מייסטערהאַפט געשילדערט; אייניקע נעבן-פּערזאָנען, דער שטעטלשער שענקער,

למשל, זענען שטאַרק געצייכנט. אויף ניין צענטל פון בוך קאָן מען זאָגן ליטעראַרישע שבחים, — און דאָך איז דאָס בוך פוסט. נאָך ערגער: נישטיק, ווייל עס פעלט עס דער עיקר: אַ נשמה. דאָס לאָזט זיך שוין מערקן גלייך פון אָנהייב אָן. אַזעלכע טאַראַבאַסעס, ווילדע בעסטיעס, האָט די מלחמה פראָדוצירט (אָדער זיי געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצווייזן זיך) אין די טויזנטער. צו וואָס־זשע האָט אים ראָט געדאַרפט שיקן קיין אַמעריקע, דאָרט הרגענען אַ מענטש און אַזוי אַרום אים צוגרייטן צו זיין בלוטיקער קאַריערע? אָבער דאָס איז דרך־אגב. דער עיקר איז דער סוף. עס קאָן טרעפן, אַז אַ תליין זאָל דערפילן געוויסנס־פיין און ווערן אַ חוזר בתשובה. און ווען דאָס וואָלט אפילו אין לעבן נישט פאָרגעקומען, וואָלט אַ דיכטער געמעגט — און געדאַרפט! — אויסטרוימען דעמדאָזיקן נס, און אונטערטראָגן אים די מענטשן, זיי זאָלן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל. אָבער די פראַגע איז: ווי אַזוי דאַרף דאָס אַ דיכטער טון. טאַראַבאַס' וועג צו תשובה איז אַ פאַרעלטערטער, אַן אָפּגעלעבטער, אַ געבאָרגטער ביי די יידישע און קריסטלעכע רעליגיעזע לעגענדעס און פאָלקס־מעשהלעך, — און דערפאַר טאַקע אַ נישט־איבערצייגנדיקער, אַ קאָמישער און סענטימענטאַל־אומאויפריכטיקער. דער איינציקער וועג פון תשובה, וועלכן אַ מאָדערנער מענטש, אַ באַפרייטער פון די אַלטע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען, קאָן פאַרשטיין און אויפנעמען מיט סימפּאַטיע און אינערלעכער הסכמה — איז דער וועג פון שטעלן זיך אין קאַמף מיט דער בעסטיע, וועלכער ער האָט ביז איצט געדינט. ווער דאַרף האָבן טאַראַבאַס' סיגופים, זיין הונגער און פיין, זיין קראַנק מאַכן זיך און זיין קלויבן געלט אויף צו פאַרגעלטן די עוולה? אַזאַ תשובה איז בלויז אַ חוזק איבער אונזער געפיל, איבער אונזער וועלט־אָנשויאונג. דאָס איז סענטימענטאַלער קוואַטש, אַ פּיצעלע יאָשע־קאַלב'יקייט און טאַקע אומבאַוואוסטזיניקער אַנטיסעמיטיזם; אַז מען רייסט אויס ביי אַ ייד די באָרד — דאַרף מען עס אויסקויפן מיט גאָלד...

ראָטס בוך האָט קיין שום שייכות נישט מיט אונזער ווירק־

לעכקייט, מיטווירקלעכקייט בכלל. און נישט דערפאַר, ווייל עס איז נישט וואָרשיינלעך, נאָר דערפאַר, ווייל ווען דאָס זאָל פּאַסירן אפילו יעדן טאָג, איז עס אויך אַן אַנאַכראָניזם, אַ ווילדער אַטאַ־וויזם, וואָס האָט נישט קיין שליטה אויף אונזער געפיל און מוח. און ראָטס גאַנצער טאַלאַנט העלפט נישט: טאַראַבאַס בלייבט אונז פרעמד, ער קריגט נישט קיין צוטריט צו אונזער געמיט: נישט מיר פילן אים מיט אין זיין פּיין, נישט ער דערהייבט אונז מיט זיין טויטער הייליקייט. אַ קרבן, נעבעך, פון ראָטס שריפטשטעלע־רישער אָפּגעריסנקייט פון ווירקלעכן לעבן, פון דער ווירקלעכער היינטצייטיקייט.

* *

*

טראַווען איז זיכער אַ סך אַ קלענערער שריפטשטעלער פאַר ראָטן. ער פאַרמאָגט נישט ראָטס גרויסע טעכנישע מעגלעכקייטן צו שילדערן מענטשן און געשעענישן. ער איז אין זיין שרייבן פּרימיטיוו, ווי די סביבות, וועלכע ער שילדערט: די אינדיאַנער, מעקסיקאַנער, די מאַטראָזן, די פּלאַנטאַציע־עקספּלואַטאַטאָרס און עקספּלואַטירטע.

טראַווען גופא איז אַרומגערינגלט מיט ראָמאַנטיק. קיינער ווייסט נישט ווער ער איז. אַ דייטש איז אַוועק קיין מעקסיקע, אַרבעט צוזאַמען מיט די מעקסיקאַנער, מיט די אינדיאַנער, און באַשרייבט שטיקער ווירקלעכקייט. ווען זיין פאַרלעגער האָט ביי אים געבעטן אַ פאָטאָגראַפיע, האָט טראַווען צוגעשיקט אַ בילד פון אַן אַרבעטער־גרופּע און צוגעשריבן: אָט דאָ בין איך, איי־נער פון זיי. מען ווייסט וועגן אים זייער ווייניק. און נישט נאָר טראַווען גופא איז אַרומגערינגלט מיט ראָמאַנטיק: אויך זיינע ווערק זענען שטיקער עקזאָטיק, און דאָך: — סאַראַ איינגעוואָרצלט־קייט אין דער ווירקלעכקייט!

מען נעמט אַ צייטונג: די אַמעריקאַנער שיף „מאָראָ קאַסטל" איז אָפּגעברענט געוואָרן. די מאַטראָזן האָבן נישט געקאָנט ראַטע־

ווען די פּאַסאַזשירן, ווייל די שיף־געזעלשאַפט האָט, צוליב אָפּ־שפּאָר־צוועקן, אָנגעשטעלט נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע מאַטראָזן. די צייטונגען בּרענגען בּיי דערדאָזיקער געלעגנהייט גרויל־מעשיות וועגן די קאָמבּינאַציעס פון די שיף־געזעלשאַפטן, וואָס שיקן אַרויס שיפן אויף אַ זיכערן טויט, כּדי אָפּצונעמען די פאַרזיכערונג־פּרעמיעס. און תּיכּף דערמאַנט מען זיך אָן טראַווענס בּוך „די שיף פון טויט״. דאָס איז נישט קיין סענסאַציאָנעלער ראָמאַן (הגם פאַרכאַפּנדיק), נאָר אַ בּעלעטריסטישע שטודיע פון אַ שטיק ווירקלעכקייט.

איר נעמט נאָכאַמאָל די צייטונג: אינדיאַנער האָבּן אויסגעשאָכטן צענטליקער מענטשן אין אַ מעקסיקאַנער שטעטל. און איר דערמאַנט זיך ווידער טראַווענס בּוך „דער וואָגן״, וואו עס ווערט געשילדערט די מוראדיקע עקספּלואַטאַציע פון די ~~מעקסיקאַנער~~ אינדיאַנער מצד די ווייסע פאַרמערס. זיי זענען פּאַקטיש לייבּאייגענע. און איר ווייסט שוין פונוואַנען עס האָט זיך אָנגעזאַמלט דער האַס צו די ווייסע, וואָס רייסט זיך אַרויס אַמאָל אין אַ יובל אין אַ שחיטה. אָט דאָס יינגל פון „וואָגן״, וועלכן זיין בּאַלעבּאָס פאַרשפּילט אין קאָרטן צו אַ צווייטן מעקסיקאַנער, — וועט ער טאַקע תּמיד בּלייבּן אַזוי אידיליש געשטימט, וועט ער טאַקע קיינמאָל נישט אַ נעם טון דאָס מעסער, כּדי זיך נוקם צו זיין פאַר דער אייגענער פּיין, פאַרן טאַטנס עוולות, ווען מען בּאַשווינדלט זיין לוין, פאַר זיין שוועסטער, וואָס מוז בּאַפרידיקן די וואונטשן פון יעדן ווייסן בּאַלעבּאָס ?

געוויס, דאָס אינדיאַנער־בּחורל פון „וואָגן״, זיין געליבּטע, דער אינדיאַנער־פּאַרמער פון דער „ווייסער רויז״, וועלכן די נאַפט־געזעלשאַפט דערמאָרדעט, כּדי צו ירשענען זיינע נאַפט־פעלדער, — זענען אַ בּיסל צו מלאָכיש געשילדערט, זיי זענען צו שטאַרק אידעאַליזירט, זייער שטייגער־לעבּן און זייער פּרימיטיווע נאַטור זענען, קענטיק, צוגעפּוצט, געוויזן בּלויז פון דער ליכט־זייט, — אָבּער דאָס קאָן נישט קאַליע מאַכן די עיקרדיקע מעלה פון דידאָזיקע ווערק: זיי וואָרצלען אין דער ווירקלעכקייט, אין דער

אמתער, וואָס מאַטערט אונז יעדע מינוט און פאָדערט ביי אונז אָן אויפהער אַן ענטפער אויף אירע פּראָבלעמען. טראַוווען מעג זיך (אָפּטמאָל) אומקינסטלעריש אידעאַליזירן, טראַוווען מעג פאַנטאַזירן — זיינע ווערק בלייבן, אין גרונט גענומען, געזונט: זיי האָבן וואָרצלען אין דער היינטצייטיקייט, און געזונטע וואָרצלען, וואָס האַלטן אויף אַ נשמה אינעם ווערק.

געוויס, ווען טראַוווען זאָל זיינע ווערק שרייבן מיט ראָטס טאַלאַנט — וואָלט גאָר גוט געווען. אָבער אויך ביי דער איצטיקער טאַלאַנט־פּאַרטיילונג לאָזן טראַוווענס ביכער אַ שטאַרקערן רושם אין אונז. ראָטס פּרעכטיק־געשילדערטע מענטשן צעשווימען זיך פלוצלינג ווי לעבלאָזע שאָטנס; טראַוווענס אפילו שאָטנדיק־געצייכנטע מענטשן נעמען זיך אָן אין אונזער געמיט פלייש און בלוט, ווייל זיי קומען אין שפּעערישער באַרירונג מיט אונזער חוש פאַר היינטצייטיקייט און ווערן לעבעדיק אין זייער מאַנגל־האַפטער קינסטלערישקייט, ווי דער העלד פון גריכישן מיטאָס, וואָס פלעגט לעבעדיק ווערן ביים אָנרירן די ערד — זיין מוטער.

ראָמען ראָלאַנס פּראָלאָג און עפּילאָג

צו זיין דראַמאַטישער עפּאָפּעע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק איז ראָמען ראָלאַן צוגעטרעטן צו שאַפן אַ ריזיק ווערק: אַן עפּאָפּעע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס ווערק האָט געדאַרפט באַשטיין פון צען דראַמעס, וואָס יעדע פון זיי זאָל זיין זעלבשטענדיק, און אַלע צוזאַמען זאָלן פאַרקערפּערן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון איר אָנהייב ביז איר סוף. דאָס ווערק איז נאָך ביז היינט נישט פאַרענדיקט. ביז מיט אַ יאָר 5 — 6 צוריק זענען פאַרעפנטלעכט געווען בלויז פיר דראַמעס („דער פערצנטער יולי", „דאַנטאָן"*), „דער טריומף פון פאַרשטאַנד" און „די וועלף"**), אָבער זינט דאַן זענען שוין דערשינען נאָך דריי דראַמעס („די שפּיל פון ליבע און טויט", „בלומען-זונטאָג" און „די לעאָנידן"). די לעצטע צוויי זענען דער פּראָלאָג און דער עפּילאָג פון ווערק. די הויפּט-פּערזאָנען איןביידע דראַמעס זענען די זעלבע. אין פּראָלאָג קומען זיי צווישן זיך אין אַ באַרירונג, וואָס איז נאָך גאַנץ אויסערלעך; אין עפּילאָג פלעכטן זיי זיך דורך שוין מיט אַלע פיבערן פון זייערע נשמות, זייער אַלעמענס גורל איז געבונדן בעמיינזאַם.

ראָלאַן זאָגט אין פאָרוואָרט צו זיין „בלומען-זונטאָג": „איבערן אָפּגרונט פון די דרייאונצוואַנציק יאָר פון אויסגעבראָכענעם

*) דערשינען אין אַ יידישער איבערזעצונג אין פאַרלאַג ח. בזשאַזאַ.

**) געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין פאַרשידענע לענדער.

ווילדן שטורעם, אין משך פון וועלכע אַ וועלט ווערט צעשטערט און אַ וועלט ווערט געשאַפן, פאַרבינדט זיך די דראַמע פון „די לעאָנידן" מיט דער דראַמע פון „בלומען־זונטאָג". „די צוויי דראַמעס וועלן שפּעטער דאַרפן בילדן, — ווי איך שטעל מיר פאָר, — איין פאָרשטעלונג"*).

מען מוז דעריבער באַטראַכטן דידאָזיקע צוויי דראַמעס צוזאַמען.

* *

*

דער פּרינץ פון קורטענעי איז פאַרטריבן געוואָרן פון קעניגלעכן הויף און זיין גוט קורטענעי פאַר זיין אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג צום קעניג.

דער פּרינץ, וואָס אין אים איז געקומען צום העכסטן אויסדרוק דער גלאַנץ פון דעם הערשנדיקן שיכט פון אַלטן רעזשים — בילדונג, ראַפינירטע עלעגאַנץ, כאַראַקטערפולע זעלבסטווירדע, אַריסטאָקראַטישע העפלעכקייט, גרויסוועלטיש־עפּיקורעאישע טאָלעראַנץ, — קאָן זיך נישט איינלעבן אין דער הויף־אַטמאָספער פון אַ רעזשים, וואָס געפינט זיך אין דער לעצטער שטופע פון צעפוילטקייט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך די מעטרעסעס פון אַ שוואַכוויליקן, דעגענערירטן קעניג. אַליין אַ זון פון אונטערגייענדיקן קלאַס, פילט ער אַן עקל צו אים. זיין זון, דער גראַף, איז פול מיט צאָרן קעגן פאָטער, וועלכער פראָנדירט „קעגן קעניג, קעגן דער קירכע, קעגן די טראַדיציעס", וועלכער „שפּילט זיך מיט דער בונט־שטימונג". וועלכער „פּראָטעזשירט וואָלטערן און זיינע באַנדיטן, די פילאָזאָפישע סעקטע, וואָס צעפרעסט, ווי ווערים, די מעכטיקע געביידע פון דער געזעלשאַפט".

---

*) ווען ראָלאַן האָט געשריבן זיין פאָרוואָרט צום „בלומען־זונטאָג", איז נאָך די דראַמע „לעאָנידן" נישט פאַרטיק געווען.

דידאַזיקע פראָנדע פון פרינץ איז אָבער נאָר אַן אינסטינקטיווע באַוועגונג פון אַ געזונטן גייסט קעגן ריח פון פוילעניש. דאָס איז נישט קיין רעוואָלט קעגן אייגענעם קלאַס, דאָס איז נישט קיין שטעלן זיך אויף דער זייט פון קעגנערישן קלאַס, — דאָס איז אַן אַנטלויפן פון אייגענעם קלאַסן-בילד, וואָס שטערט צו געניסן רויִק און געשמאַקפול דאָס לעבן. און דעריבער פילט זיך דער פרינץ גאַנץ גוט אין זיין „גלות", וואו ער געפינט זיך ווייט פון פוילנדיקן קערפער פון זיין קלאַס און קאָן געניסן אין רו די לעצטע שפעט-זומער-שטראַלן פון אַלטן רעזשים. און די גאַנצע דראַמע, וואָס שפילט זיך אָפּ אין משך פון איין טאָג, קומט טאַקע פאָר בעת אַ יום-טוב לכבוד דעם פרינצס אַלטער געליבטער, — אַ יום-טוב, וואָס איז דער העכסטער אויסדרוק פון גאַלאַנטעריע און ראַפינירטקייט פון אָפּשטאַרבנדיקן קלאַס.

אייגנטלעך איז נישטאָ קיין תוך-אונטערשיד צווישן לואי דעם 16-טן און דעם פאַרטריבענעם פרינץ; ביידע האַלטן זיך ביים כלל: „נאָך אונז — אפילו דער מבול". מער נישט, וואָס בעת לואי דער 16-טער דערנענטערט דעם מבול און פאַרפעסטעט די לופט אַרום, געניסט דער פרינץ אין פאַסיווער קעגנערשאַפט די איבערייפע, זיסע קולטור פון זיין קלאַס.

געניסנדיק די לעצטע זוניקע טעג, געניסט דער פרינץ אויך פון זיין גייסטיקן מעצענאַטנטום לגבי די אַלע כוחות, וועלכע עס וועט באַשערט זיין צו צעשטערן זיין קלאַס און אים ירשנען. ער האָט נישט, אמת, קיין קלאָרן באַגריף וועגן דער געפערלעכקייט פון דידאָזיקע כוחות, ווייל ער באַציט זיך צו זיי ווי צו פאַרהייִמישטע רויב-חיות, וועלכע מען האָט אַליין אויסגעהאָדעוועט: זיי פאַרשאַפן שטאַרקע עמאָציעס.

ביים פרינץ געפינט זיך זשאַן זשאַק רוסאָ, וועלכן ער שיצט שוין אַ סך יאָרן קעגן דער תפיסה-שטראָף, וואָס דער קעניג האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. דער פרינץ און זיין געליבטע, בכלל אַלע, וועלכע רעפרעזענטירן דעם אַלטן רעזשים אויף דער שטופע פון זיין העכסטער אַנטוויקלונג, באַטראַכטן זשאַן זשאַק רוסאָן פאַר אַ

ליבהאָבער פון דער פשוטער נאַטור, אַ „באַגייסטערטן באַזינגער פון דער טוגנט"... זיי באַטראַכטן אים, ווי אַ צוגאָב־טאָן אין דער רייכער סימפאָניע פון זייער לעבן. פונקט ווי דער פרינץ האָט לויט זיין עצה (לויט דער עצה פון זיין „עמיל") אויסגעלערנט זיינע ביידע זין מלאכות, אַזוי הערט ער זיך אויך צו צו זיינע געדאַנ־קען און נביאות: עס איז אינטערעסאַנט צוצוהערן זיך און צו פאָלגן אַן עצה פון אַ באַגייסטערטן, אָבער קרענקלעכן מענטש...

נישט אַזוי טראַכט דער גראַף, דעם פרינצס זון. ער, וועל־כער שפירט די סכנה פון זיין פאָטערס אָפּאָזיציע צום אַלטן רע־זשים, פילט אויך די סכנה פון דאָזיקן באַגייסטערטן טרוימער. פאַר אים איז זשאַן זשאַק רוסאָ נישט קיין סענטימענטאַלער דיכטער, נאָר אַ פאַרגיפטער פון סאָציאַלן אָרגאַניזם. אויב דער פרינץ גע־ניסט די לעצטע זוניקע טעג, לעבט דער גראַף אין שרעק פאַרן אָנקומענדיקן שטורעם. און זשאַן זשאַק איז פאַר אים איינער פון די שטורעם־פייגל, וואָס זאָגן אָן אָדער רופן אַרויס דעם שטורעם, און דער גראַף זאָגט וועגן אים: „איך פאַרער זיינע טאַלענטן, איך שאַץ זיי העכער, ווי איר... איר זעט אין אים בלויז בלומען, איך זע דאָס צעשטערערישע פייער. איך זע די אָנגעצונדענע קנויט פון דער מינע, וואָס איז אונטערגעלייגט אונטער מיין הויז"...

ביי דערדאָזיקער צענטראַלער זשאַן־זשאַק־רוסאָ־סצענע איז דאָ אויך דער דריטער צד, דער קומענדיקער יורש פון אַלטן רע־זשים. דאָס איז דער אַדוואָקאַט רעניאַל, וואָס האָט אַמאָל געהאַט דעם כבוד צו זיין דעם גראַפס אַ שפיל־חבר און דערפאַר באַקומען געשמיסן פאַרן גראַפס קינדישע חטאים. דער גראַף פרעגט אים, וואָס ער דערוואַרט פון זשאַן זשאַקס פרעדיקן, וואָס ער זעט אין דאָזיקן אינספירירטן זינגער. און רעניאַל ענטפערט, אַז ער זעט אין אים דעם, וועלכער האָט „אויפגעבלאָזן דעם פלאַם פון גע־ויסן, האָט אָנגעצונדן אין די נשמות פון אַלע מענטשן אין פראַנק־רייך דעם בירגערלעכן שטאָלץ, דעם ביישפיל פון פרייע רעפובליקן, און האָט אונז געלערנט אונזערע רעכט". און ווען דער גראַף פרעגט: וואָס פאַר אַ רעכט זענען דאָס, ענטפערט רעניאַל: „אייערע".

אויב דער פּרינץ גענייסט די לעצטע זונען־טעג, אויב דער גראַף לעבט אין שרעק פאַרן אָנקומענדיקן שטורעם, איז רעניאָל דער, וועלכער האָפט אויפן שטורעם, וואַרט אויף אים. אָט דאָס זענען די דריי כּוחות, וואָס פלעכטן זיך דורך אין דער פּיעסע „בלומען־זונטאָג".

אין דאָזיקן פּרעכטיקן גוט, וואו דאָס לעבן איז איין גרויסער יום־טוב, וואו דאָס רייפסטע און שענסטע פון אַלטן רעזשים האָט זיך געראַטעוועט פון דער אייגענער פּוילעניש, כּדי צו געניסן אין רו די לעצטע געשענקטע טעג, — אין דאָזיקן ווינקל דרינגט אַריין דער שאָטן פון געחתמעטן גורל. ער דרינגט אַריין סיי קאָנקרעט, אין דעם געשטאַלט פון אַלטן נאָטאַריוס פּאַפּעלען און זיין יונגן פלימעניק רעניאָל, סיי דורך זשאַן זשאַקס אַ וויזיע.

פּאַפּעלען קומט צום פּרינץ אָפּצושאַצן זיין קונסט־גאַלעריע, וועלכע דער פּרינץ וויל פאַרמשכּונען ביי אים פאַר געלט, ווי די גרעסטע טייל פון זיין פאַרמעגן. פּאַפּעלען איז דער פאָרשטייער פון בירגערטום, וואָס טראָגט נאָך אויסערלעך מיט הכנעה דעם יאָך פונם אַדל, אָבער האַלט אין איין איבערנעמען אין זיין רשות זייער רעאַלע מאַכט, די אומבאַוועגלעכע גיטער. ער איז דער פאָרשטייער פון בירגערטום, וואָס שאַפט אַ נייע מאַכט — די מאַכט פון געלט. ער זאָגט צו זיין פלימעניק רעניאָל, וועלכער איז אומצופרידן מיט זיין, פּאַפּעלענס, אונטערטעניקייט לגבּי דעם גראַף: „דו וועסט נאָך לעבן גענוג לאַנג, כּדי צו זען... די הערשאַפט פון אונזער געלט". פּאַפּעלען האָט אַ שטאַרק באַוואוסטזיין פאַר זיין זיגרייכן קלאַס. דאָס קומט צום אויסדרוק אין זיינע רייד: „ווער עס אַרבעט נישט, האָט נישט קיין רעכט צו עקזיסטירן" (היינט וואָלט מען דעם עלטער־עלטער־זיידן פון דער בורזשואַזיע מקיים פּסק געווען פאַר אַזעלכע רייד). „וואו וואָלט שוין היינט אָנגעשפּאַרט דאָס קעניגרייך (היינט וואָלט מען געדאַרפט זאָגן: רעפּובליק — י. ר.), ווען מיר... וואָלטן נישט געשטאַנען אויף דער וואַך און געאַרבעט... פאַרריכט די נאַרישקייטן און באַצאָלט פאַר די משוגעתן פון די פאַרשווענדער... מיר ווייסן, אַז אויף אונזער פּלייצע האַלט

זיך די גאַנצע געביידע. מיר האָבן נישט קיין טיטולן און קיין נעמען פון מאַיאָנטקעס, אָבער די ערד גופא וועלן מ י ר האָבן, מיר האָבן זי שוין. אָ, דאָס געלט !"

רעניאָל אָבער געהערט שוין צו יענער יונגער טייל בירגערטום, וואָס קאָן זיך שוין נישט באַגנוגענען מיטן געפיל פון געהיימער מאַכט. ער ציט שוין אויס די האַנט נאָך די אָפענע רעכט פונם אַדל. ער ענטפערט פּאָפּעלענען: „די הערשאַפט, וואָס איך וויל, איז אַ גאַנץ אַנדערע: דאָס איז די הערשאַפט פון רעכט, פון מיינע סוווערענע רעכט". און ווען פּאָפּעלען זאָגט: „דער באַקומט אַלץ, ווער עס קאָן וואַרטן", ענטפערט אים רעניאָל: „אַלץ באַקומט די פויסט, וואָס קאָן דאָס נעמען"*).

רעניאָל געהערט צו דער טייל בירגערטום, וואָס פילט זיך שוין גענוג שטאַרק, כדי איבערצוגיין אין אָנגריף, און דאָס באַוואוסטזיין פון אייגענעם כוח מאַכט אים אומגעדולדיק און אַגרעסיוו אין זיינע צוזאַמענשטויסן מיטן גראַף, וואָס רעפּרעזענטירט דעם כוח פון אַלטן רעזשים, וואָס וויל מיט ציין און נעגל פאַרטיידיקן זיינע רעכט קעגן אָנגרייפנדיקן בירגערטום.

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש צווישן אים מיט רעניאָלן ברעכט אויס דער שאַרפער קעגנזאַץ צווישן זיי. רעניאָל זאָגט אים: „...מיר זענען אַריינגעטרעטן אין אַ תקופה פון גרויסע פּראָצעסן. עס איז היינט נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס זאָל נישט שטיין אָדער וואָס זאָל נישט געשטעלט ווערן איינגיכן אונטער אַ פרעג-צייכן". און דער גראַף ענטפערט אים: „יעדע זאַך האָט איר פּלאַץ, און יעדער מענטש זיין בלוט". און ער ווייזט אָן רעניאָלן און פּאָפּעלענען אויף זייער ריכטיק אָרט: אויפגעהאָנגען צו ווערן אויפן שפּיץ בוים. אָבער זיין דראָונג און זיין באַליידיקנדיקער

*) אין אָריגינאַל קומט דאָ פאַר אַ שיינער וואָרט-שפּיל: „טו ווענן אַ פוען (point) קי סעט אַטאַנדר" — „טו וויען אַ פוען (poing) קי סע לוע פּרענדר".

שטאָלץ קאָנען שוין גאָרנישט אויפטון: רעגיאָל איז צו שטאַרק איי־בערצייגט, אַז „די־יעניקע, וועלכע דינען היינט, וועלן אייביק נישט דינען".

אָבער דעם הויפּט־אַקאָרד פון דער פּראָלאָג־דראַמע (וואָס פאַרבינדט זי, אגב, צום בולטסטן מיטן עפּילאָג) איז רוסאָס וויזיע.

רוסאָ נעמט אָנטייל בלויז אין איין סצענע. דאָס קינד דער־ציילט, אַז רוסאָ האָט גערעדט מיט די בוים־האַקער, פאַרוואָס זיי האַקן אויס דיביימער. דער פּרינץ, זיין געליבטע, אויך דעם גראַפס פרוי זענען אַנטציקט פון זיין ליבע צו דער נאַטור. דער גראַף אָבער פאַרווערט אים צו שפּאַצירן מיט זיין זון. דאָ קומט פאָר דער איבנגעבראַכטער וויכּוח וועגן רוסאָן, און די גאַנצע רוסאָ־סצענע פאַרענדיקט זיך מיט זיינס אַ וויזיע.

„איך בין געקומען ברענגען... נישט דעם פרידן, נאָר די שווערד... דידאָזיקע יום־טובדיקע וועלט וועט פאַרשווינדן... איך זע קינ׳ען. און אַלע רעדן וועגן רעכט. און קיין איינער גישט וועגן פליכטן... צעפרעסט דעם בוים... איר אַרבעט פאַר יענעם, וואָס וועט קומען: די האַק...*) (מען הערט ווי אין וואַלד קלאַפּן די העק פון די האָלצהעקער)... די האַק געפינט זיך שוין אין בוים!... קלאַפּט!... קלאַפּט!... דער בוים וואַקלט זיך... ווי אַלע צעפרעסן אים! אַך! איך זע זיי איצט, איינער אַ שטאַרקערער פאַר זיי שלעפּט זיי, און זיי זעען אים נישט... ער שלעפּט די פאַרפאָלגטע און די פאַרפאָלגער. די אַלע, וועלכע געפינען זיך דאָ, שלעפּט ער... וואוהין? וואוהין שלעפּסטו אונז?" — און ער זאָגט פאָרויס, אַז נאָכן בלומען־זונטאָג קומט דער בלוטיקער זונטאָג.

*) באַפּאָלעאָן, וועלכער שפּילט אַ שטומע, אָבער געוואַלטיקע ראָל אין „די לעאַנידן".

* *
*

דער עיקר פון „בלומען־זונטאָג" איז נישט די דראַמאַטישע פאַבולע, נאָר די באַציִונג און די שייכות פון די הויפּט־העלדן צום שטורעם, וואָס שפּירט זיך שוין אין דער לופטן. און דעריבער זענען דאָ די הויפּט־העלדן נישט אַלע די, וועלכע נעמען דעם גרעסטן אָנטייל אין דער אייגנטלעכער דראַמאַטישער האַנדלונג, נאָר אַמאָל גראָד יענע, וואָס ווען שפּילן די הויפּט־ראָלע ערשט אינם עפּילאָג. אַזוי, למשל, איז רעניאַל — פאַר דער עצם־דראַמע אַ נעבנפיגור — אַ סך וויכטיקער פאַרן פּרינצס אומגעזעצלעכן זון, וואָס אָן אים פאַלט אום דער גאַנצער דראַמאַטישער בנין פון „בלומען־זונטאָג". דערפאַר טאַקע האָב איך זיך אָפּגעשטעלט צוערשט אַ ביסל גענויער אויף דעם אידעאָלאָגישן הינטערגרונט פון דער דראַמע. און אויב איך וועל איצט קורץ איבערגעבן אויך דעם אינהאַלט פון דער דראַמע, איז דאָס גיכער כּדי צו באַקענען דעם לייענער מיט משפּחה־אָנגעלעגנהייטן פון דער עפּילאָג־דראַמע, ווי צוליב דער נויטיקייט גופא צו באַקענען זיך מיטן אינהאַלט.

דער פּרינץ האָט אויך אַן אומגעזעצלעכן זון. ער אָרדנט איין אַ יום־טוב לכבוד זיין אַלטער געליבטער, און ביי דער געלעגנהייט איז ער מעביר־נחלה זיין געזעצלעכן זון דעם גראַף, וואָס שטייט אין אָפּאָזיציע צו אים, און שרייבט אָפּ די ירושה דעם אומגעזעצלעכן זון, וועמען ער גיט זיין נאָמען.

דער נאָטאַריוס פּאָפּעלען, וועלכער דאַרף לייען געלט אויף דעם פּרינצס קונסט־גאַלעריע, האָט מיטגענומען מיט זיך דעם פּלימעניק רעניאַל, וועלכן דער פּרינץ האָט געלאָזט אויסבילדן אויף זיין חשבון. רעניאַל טרעפט דאָרט אַן אַלטע באַקאַנטע, אַן אַמאָליקע שילערין זיינע, הושעט, אַ שיינע גערטנעריך, אין וועלכער ער איז נאָך היינט פאַרליבט. זי האָט ליב אַן אַנדערן, דעם פּרינצס אומגעזעצלעכן זון.

צופעליק דערוואוסט זיך רעניאַל, אַז אַ יעגער, הושעטס אַ

פריערדיקער געליבטער, ביי וועלכן דעם פרינצס לינקער זון האָט אָפּגענומען די געליבטע (און דערצו אים נאָך געשלאָגן מיט אַ רייט־בייטשל פאַר איר אין די אויגן), קלויבט זיך דערשיסן איר געליבטן. רעגינאָל וויל וואָרענען זיין גליקלעכן קאָנקורענט, אָבער עס קומט אויס אַזוי, אַז די שליחות פון וואָרענען דעם אומגעזעצלעכן זון נעמט איבער ביי אים דער געזעצלעכער גראַף, יענעמס גרעסטער שונא. ער וואָרנט אים נישט און דער יעגער דערשיסט ביי דער ביינאַכטיקער יאַגד הושעטס געליבטן.

דאָס אַלץ געשעט אין משך פון איין טאָג. און צווישן די אייגנטלעכע דראַמאַטישע געשעענישן קומען פאָר די פאַרשידענע אויבנגעשילדערטע שמועסן צווישן די הויפּט־העלדן פון דער דראַמע און די קומענדיקע העלדן פון דער געשיכטע.

ווי מיר זעען, איז די דראַמע גופא אַן עכטע הויף־דראַמע, וואָס האָט קיין שייכות נישט צום עיקר אירן — דער אָנהייב פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן.

* *

*

אין „בלומען־זונטאָג” האָט זשאַן זשאַק רוסאָ געהאַט אַ וויזיע פון דער צוקונפט און גורל פון יענע פּערזאָנען, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אים. „די לעאָנידן”־דראַמע איז די דערפילונג פון דערדאָזיקער וויזיע.

זיבּט דאַן זענען פאַרביי דרייאונצוואָנציק יאָר. עס האָט זיך שוין דורכגעטראָגן דער פאַראויסגעזעענער שטורעם. דער בוים פון אַלטן רעזשים איז אומגעפאַלן. דער גראַף פון אַמאָל, איצט — עקס־פרינץ, געפינט זיך אין דער שווייץ, וואוהין דער שטורעם האָט אים פאַרטראָגן. עס קומט אים איצט צונויץ די עצה פון פאַר־האַסטן זשאַן זשאַק רוסאָ: צו לערנען די הויכגעשטעלטע קינדער אַ מלאכה. ער פאַרנעמט זיך איצט מיט גערטנעריי, מיט ערד־אַרבעט. זיין זון, וואָס האָט אַמאָל שפּאַצירט מיט רוסאָן, האָט שוין געקעמפט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אויף אַ סך

פּראָנטן, אָבער אָן דערפאָלג. ער העלפט דעם פאָטער אין דער איינציקער אַרבעט, וואָס זיי איז פאַרבליבן: באַארבעטן פרעמדע פעלדער.

מיטן פאַרטרייבן דעם פּרינץ האָט זיך אָבער דער שטורעם נישט איינגעשטילט. ער האָט ווייטער געבושעוועט אויך אין דער רעפּובליק. און אין איינעם אַ שיינעם טאָג טרעפן זיך אין דער שווייץ דער עקס-פּרינץ און רעניאַל, דער געוועזענער מיטגליד פון קאָנוועגט, וואָס איז איצט עמיגראַנט. דער פאַרפאָלגטער און פאַרפאָלגער טרעפן זיך אין גלות. ביידע זענען זעכציקיעריקע. און עס שטויסן זיך ווידער צונויף צוויי וועלטן — ביידע פאַרביסענע, אײַ בערצייגטע אין זייער גערעכטיקייט, אפילו אין אומגליק, אפילו אין זייער מפּלה.

דער פּרינץ ווייסט, אַז די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז טויט, אָבער דאָס נייע נעמט ער נישט אָן: „כּל-זמן איך לעב, לעבט זי נאָך, די נשמה פון די צען יאָרהונדערטער פון קעניגלעכן פראַנקרייך, זי פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דער נייער וועלט, פאַר די פאַרכאַפּער, זי זאָגט: „ניין!"

רעניאַל ווידער גלייבט אין דער גערעכטיקייט פון זיין טאַט. אויב זי האָט זיך נישט איינגעגעבן, אויב זי איז געווען בלוטיק, איז דאָס די שולד פון פּרינץ און זיינסגלייכן, וועלכע האָבן גע-צוואונגען גוטצומאַכן די זינד פון יאָרהונדערטער אין משך פון טעג, און דאָס אויך אומזיכערע — צוליב דער בגידה פון אַרום. „דאָס גרויסע פאַרברעכן — זאָגט ער — באַשטייט דערין, וואָס כּדי אַרויס-צורייסן דאָס פאָלק פון אָפּגרונט, האָט איר אונז געצוואונגען צו טעראָריזירן עס, צו פירן עס אונטער דראָונגען, צו שטעלן עס פאַרן אויסוואַל צווישן בְרידערלעכקייט און טויט!"

דער קעגנזאַץ צווישן דידאָזיקע צוויי — ביידע באַזיגטע פון אַ דריטן, אָבער נאָך אַלץ נישט געבראָכענע — שונאים, איז אַזוי שטאַרק, אַז בלויז דער געדאַנק צו וואוינען אין דער נאָענט פון אַן עקס-קאָנוועגט-מאַן איז אומדערטרעגלעך פאַרן עקס-פּרינץ. ראַלאַן

פירט זיי אָבער צונויף סיי ריין-אויסערלעך, סיי אינערלעך — דורך די קינדער.

רעניאַל קומט אין דער שווייץ מיט צוויי קינדער: אַ טאָכ-טער און אַ זון. די טאָכטער איז נישט זיינע. ער האָט חתונה געהאַט מיט הושעטן, וועלכע האָט געבוירן אַ מיידעלע, דאָס קינד פון איר געהרגעטן געליבטן. דאָסדאָזיקע קינד, וואָס עס פליסט דערין אַ ביסל קעניגלעך בלוט, שטייט אינגאַנצן אויף דער זייט פון שטיף-פאָטער, בעת דעם פרינצס זון איז אידעאָלאָגיש אַ קאָפּיע פון פאָטער. די קינדער פאַרליבן זיך איינער אין צווייטן און — האַסן זיך גלייכצייטיק. זיי ווילן זיך זאָגן ליבע-ווערטער און פירן ווייטער דעם שטרייט פון זייערע פאָטערס. צום טראַגישסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אינעם דיאַלאָג, בעת וועלכןביידע זענען זיך מודה, אַז דער יונגער גראַף וואָלט ביי אַ מעגלעכקייט געווען געטויט איר שטיף-פאָטער, און איר שטיף-פאָטער וואָלט געווען געטויט איר געליבטן. ביידע פאָטערס, וועלכע זענען אומגעזעענע עדות פון דעם דיאַלאָג, פילן די טראַגישע לאַסט, וועלכע זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף זייערע קינדער. ווען נישט מיר — זאָגט דער פרינץ — וואָלטן זיי זיך אַנדערש באַגעגנט. און אויב אַ דאַנק די קינדער איז אָנגעקניפּט געוואָרן דער אויסערלעכער קאָנטאַקט צווישן די עלטערן, פילן די עלטערן פון זייער זייט אַ באַדערפעניש צו פאַרייניקן זיך צוליב די קינדער, וועלכע טראָגן אין זיך די צוקונפט.

דער יונגער גראַף איז רעניאַלס שונא, אָבער ער איז פאָרט נישט אינגאַנצן אויף דער זייט פון זיין פאָטער. פאַרן פאָטער איז געצוויג דאָס, וואָס זיין עקזיסטענץ זאָגט צו דער נייער וועלט: „ניין!" פאַרן זון איז דאָס נישט גענוג: „איך באַנוגן זיך נישט מיטן „ניין!"... איך באַדאַרף אויך אַ „יאָ!" אויב די פאַרגאַנגענ-הייט איז טויט, דאַרף מען לעבן אָן איר און עפענען פאַר זיך אַ וועג צו דער צוקונפט". מיר וועלן פרוון שאַפן אַ נייע ראַסע פון די קורטענעס, וואָס אירע טיטולן זאָלן באַזירן נישט אויף דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויף דער צוקונפט".

אָבער אפילו צו דער צוקונפט גייען זיי נישט מיטן גוטן ווילן, נאָר ווערן געטריבן אַלץ דורכן זעלבן שטורעם, וואָס איז אויסגעבראָכן מיט העכער 20 יאָר צוריק און נעמט אָן אַלץ נייע און נייע פאָרמען, און פאָדערט אַלץ נייע און נייע קרבנות. די לעצטיקע פאָרם פונם נאָך נישט איינגעשטילטן שטורעם הייסט: נאַפּאָלעאָן.

די דערשיינונג נ אַ פּ אָ ל ע אָ ן איז אין דער דראַמע אַזוי געוואַלטיק, אַז זי פאַרדעקט מיט איר שטורעם און גלאַנץ אַלדאָס איבעריקע. און דאָס איז נישט צופעליק: נאַפּאָלעאָן — דער געשיכטלעכער יורש און ליקווידאַטאָר פון דער רעוואָלוציע, האָט געמוזט שליסן די עפּאָפּעע פון דער רעוואָלוציע.

נאַפּאָלעאָן האַלט אין מיטן זיין מאַרש איבער דער וועלט. מען ריכט זיך אויף אים אין דער שווייץ, אין שטעטל, וואו עס האָבן געפונען אַ מקום-מקלט דער עקס-פּרינץ און דער עקס-קאָנווענטיסט. אוןביידע מוזן פאַרלאָזן זייער פּלאַץ.

ביינאַכט שטייען זיי אויף אַ באַרג, גרייט צו גיין אין גלות אַריין. עס גייען צוזאַמען די רעשט פון אַלטן רעזשים און די רעשט פון דער רעוואָלוציע. און זיי זען פונדערווייטנס, ווי עס קומט אָן אין דונער פון האַרמאַטן און פאַקלען נאַפּאָלעאָן, אין וועלכן סיי דער פּרינץ און סיי רעניאָל זען דעם יורש פון אַלטן רעזשים און פון דער רעוואָלוציע, וועלכער איז, לויט רעניאָלס ווערטער (און לויט ראָלאַנס געדאַנק), אַ קינד פון דער „אָרגיאַסטישער פאַראייניקונג פון דעספּאָטיזם און פרייהייט".

דידאַקטישע לעצטע סצענעס פון דער דראַמע זענען אַ מייסטער-ווערק פון ערשטן ראַנג. נאַפּאָלעאָנס בליצאַרטיקער דורכפאָר דאַרף זיין אַ סימבאָל און ער איז עס טאַקע אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דער איינדרוק ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס דעם פאַקטישן פאַרלויף פון דאָזיקן דורכפאָר דערוויסן מיר זיך פון פּרינצס אַ דינער, וועלכער איז פאַרבליבן אין שטעטל און קומט דערנאָך אָפּגעבן דעם פּרינץ אַ באַריכט. דער מיסטישער

פיבער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די צושויער פונדערווייטנס, ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם דעמאָניזם פון דער געשעעניש.

די הויפּט־העלדן פוןביידע פיינטלעכע לאַגערן בלייבן טעאָרעטיש ביי זייערע אַלטע מיינונגען, אָבער פּאַקטיש אָנערקענען זיי זיך פאַר באַזיגט דורך דער געשיכטלעכער קראַפט, און גרייטן זיך צו גיין אין דער צוקונפט מיט אַ מיסטיש־אומקלאָרער האָפענונג צו שאַפן עפּעס נייעס. קלאָר איז זיי נאָר זייער ווילן, זייער לעבנס־דראַנג, און קלאָר איז זיי אויך, אַז די פאַרגאַנגענהייט זייערע איז געשטאָרבן. די געזונטע קינדער פאַרייניקן זיך, כּדי אויסצואייבען אין זייער צוקונפט די שנאה פון זייערע עלטערן, און דאָס קראַנקע קינד, רעניאָלס זון, זשאַן זשאַק, שטאַרבט אין דער שווייך.

זשאַן זשאַק איז דער סימבאָל פון דער קרענקלעכער רעוואָלוציע. ער איז אַ קינד פון דעם בלוט־באָד, פון שנאה־צייט. ער, דער קראַנקער, וועלכער ווייסט וועגן זיין נאָענטן טויט, בענקט נאָכן לעבן מיט אַ מעכטיקער קראַפט. ער בענקט נאָך דעם לעבן, ווייל ער קאָן עס נישט. אָבער גלייכצייטיק בענקט ער נאָכן אייביקן שווייגן, ווייל ער איז מיד פון לעבן, הגם ער האָט נאָך נישט געלעבט. איבער זיין לעבן דאָמינירט אַ דערינערונג, ווי מען האָט מיט ווידלעס צעריסן אַ מענטש, און אויך אין אים אינעווייניק האָט געשריגן אַ קול: טויט אים! און גלייכצייטיק האָט זיך אים געדאַכט, — און ס׳דאַכט זיך אים אויך איצט, — אַז דאָס האָט מען אים אַריינגעשטעקט אין בויך די ווידלעס. ער האָט געוואָלט מען זאָל טויטן, און איז אַליין געטויט געוואָרן.

זשאַן זשאַק, דער סימבאָל פון קראַנקן רעוואָלוציע־קינד, בלייבט אויף דער שוועל פון דער אומקלאָרער, לעבנסלוסטיקער צוקונפט. מען קניט פאַר זיין קבר און מען גייט ווייטער, מיטנעמענדיק אין זיך דאָס בילד פון דאָזיקן צאַרטן, היפּער־קלוגן, היפּער־צעווייטיקטן קינד פון אַ שטורמישער, טראַגישער צייט.

* *

*

ראָלאַן איז אַן אינטעלעקטועלער שרייבער. באַזונדערס בולט איז דאָס אין זיינע דראַמעס. די מענטשן זענען ביי אים מער סכעמעס, ווי לעבעדיקע פּערזאָנען. און דאָך איז ראָלאַנס דראַמאַטיש שאַפן רייך אין אויסגעצייכנטע געשטאַלטן. ס׳איז גענוג צו דערמאַנען זיין דאַנטאָן. די לעצטע דראַמעס אָבער זענען מייסטער-האַפט סיי לויט זייער דראַמאַטישן בוי און סיי לויט דער בולטקייט פון זייערע דיאַלאָגן. סיי „בלומען-זונטאָג״, סיי „די לעאָנידן״ האָבן אַ גרויסן דראַמאַטישן חסרון: אַלע רעדן צו קלוג, צו געשליפן, אפילו אַזעלכע, אין וועמענס מויל עס קלינגט זיכער ווי פרעמדס; די געדאַנקען זענען אויסגעשטעלט צו סימעטריש, ווי ביי אַ גוטן רעזשיסער. אָבער דיכטעריש און געדאַנקלעך איז דאָס אַלץ פון וואונדערבאַרער קלוגשאַפט און שיינקייט, אַ פּאָעמע, אַ העלדן-געזאַנג. נישטאָ דאָ קיין איבעריקע ווערטער, אַלץ פליסט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכער זיכערקייט, מיטן קירצסטן וועג צום דירעקטן ציל. און די שפּראַך איז בילדעריש, אָפּגעקלערט און שטאַרק, ווי אַלטער ווייַן.

בלויז איין חסרון האָט דידאַזיקע אָפּשלוס-דראַמע פון ראָלאַנס גרויסער עפּאָפּעע. עס בלייבט אַ גרויסער פראַגע-צייכן: וואוהין גייט דאָסדאָזיקע יונגע געזונטע לעבן, וואָס איז אַרויס באַזיגט סיי פון אַלטן פאַרפוילטן רעזשים, סיי פון דער זעלבסטצעשטערערישער רעוואָלוציע? ראָלאַן האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו ענטפערן דערויף, ווייל ער גיט בלויז די עפּאָפּעע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַלס געשלאָסענעם קרייז, און ער פאַרלאָזט זי אויף דער שוועל פון לעבן. אָבער אין אונזער צעשטורעמטער צייט שפּירן מיר דאָס פעלן פון אַן אויסבליק, ווי אַ חסרון, ווי אַן אַנטוישונג, ווייל די גאַנצע עפּאָפּעע מיט אירע פּראָבלעמען איז אַקטועל, צאַפּלדיק-אַקטועל אויך אין אונזער צייט.

דעם ענטפער אויף דעם גרויסן פראַגע-צייכן, וועלכן עס שטעלט

צװעק ראָלאַנס עפּילאָג, האָט געגעבן דאָס לעבן: מיר װײסן, װאוהין עס האָט דערפירט דער שידוך צװישן די פאַרבליבענע רעשטלעך פון באַזיגטן אַלטן רעזשים און פון דער באַזיגטער רע־װאָלוציע. אָבער ראָלאַנס דראַמע בלײבט שטײן דערפאַר, װי זי װאָלט עס נישט געװאוסט, זי קלינגט אױס דעריבער מיט אָפּטי־מיסטישע טענער. מיר, װעלכע װײסן יאָ דעם אױסבליק און דעם רעזולטאַט, פילן זיך שאָקירט דערפון.

עס פעלט אונז די אַנונג פון דער צוקונפט, איר סימ־באָליזירונג...

אַנאַרכיזירנדיקער סנאָביזם

(ליאַם אָ׳פלאַהערטיס בוך „איך פאָר קיין רוסלאַנד”)

די שרייבער-עליטע פון איראָפּע לעבט איבער נישט קיין קלענערע צעטומלעניש, ווי דער רייראָפּעישער פּאָליטיקער-צעך. און אויך אין דער שרייבער-וועלט קומען פאָר מערקווירדיקע אי-בערגרופּירונגען אויף רעכטס און לינקס ביי אַ שטאַרק-צעוואַקלטן און לחלוטין-פאַרלוירענעם צענטער. אַנדרעי זשיד, דער עקסטרעמ-סטער אינדיווידואַליסט, ווערט אַן אָנהענגער פון קאָמוניזם; גער-האַרט הויפּטמאַן, דער דיכטער פון די „וועבער”, איז געוואָרן גע-בעלסעס אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר; און ליאַם אָ׳פלאַהערטי, דער איר-לענדישער מחבר פון רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנען, איז אַריינגעפאַלן אין אַן אַנאַרכיזירנדיקן סנאָביזם, וואָס קומט צום בולטסטן אויס-דרוק אין זיין רייזע-בוך פון ראַטנפאַרבאַנד.

ביים סוף פון דער רייזע, בעת אָ׳פלאַהערטיס באַזוך ביי אַן ענגלישן קאָרעספּאָנדענט אין מאָסקווע, זאָגט דער לעצטער צו אָ׳פלאַהערטין: „איר זענט אַ גערייצטער געפילס-מענטש. און חוץ דעם ווייס איך נישט, וואָס אייגנטלעך איר ווילט. וואָס ווילט איר אייגנטלעך?” און אָ׳פלאַהערטי ענטפערט אים דערויף גאַנץ אויפריכטיק (ער איז בכלל גאַנץ אויפריכטיק אין דאָזיקן בוך, אפילו מיט אַ ניואַנס פון דעמאָנסטראַטיווער, סנאָבי-שער אויפריכטיקייט): „כאַפּט מיך דער טייוול, אויב איך הייב אָן צו וויסן”. אָט דערדאָזיקער אמת וואָלט געקאָנט דינען אַלס מאָטטאָ צום גאַנצן רייזע-בוך, וואָס איז אַ בוך פון אַ גערייצטן געפילס-מענטש. און דערדאָזיקער אמת קאָן דינען אַלס אָריענטאַציע-פּאָדעם

אינם אידעאָלאָגישן לאַבירינט פֿון דאָזיקן פּרעכטיק־געשריבענעם אָבער סנאָביש־אומסימפּאַטישן בוך.

* * *

עס איז אַ כּלל־גדול: יעדער איינער געפֿינט אין אַ לאַנד דאָס, מיט וואָס ער קומט אַהין. די ווירקלעכקייט איז אומענדלעך פֿילאַרטיק. דאָס לעבן איז אַ ריזיקע מאָזאַיִק. קומט מען צו זיי אָן אַ פּלאַן, אָן אַן אָרדנענדיקן גרונט־געפֿיל, פֿאַרלירט מען זיך אין זייערע פּרטים, מען ווערט איינגעשלונגען דורך זיי. די איינשטעלונג, דער פּלאַן העלפֿן אויפֿצונעמען די פֿילגעשטאַלטיקע ווירקלעכקייט. דאָס הייסט נישט, אַז מען מוז זי אויפֿנעמען בלינד, אַפּריאָרי. אדרבה, די איינשטעלונג, דער פּלאַן העלפֿן זען די חסרונות, און די ווירקלעכקייט, געזען דורך אַן אָרדנענדיקן גרונט־געפֿיל, העלפֿט פֿון איר זייט קאָריגירן דעם פּלאַן. אַ לחלוטין אומפּאַרטייאישער צוקוקער זעט גאָרנישט.

מיט וואָסער איינשטעלונג איז געפֿאָרן אָ׳פֿלאַהערטי קיין רוסלאַנד? וואָסער גרונט־געפֿיל צום לעבן האָט אים געהאָלפֿן אויסצופֿאָרמירן די פֿילגעשטאַלטיקייט פֿון רוסישן נייעם שטייגער?

אייניקע שטעלן פֿון בוך גיבן דערויף אַ גענוג קלאָרן און גענוג־כאַראַקטעריסטישן ענטפֿער: „איך בין מער פֿאַראינטערעסירט אין דער אַנטוויקלונג פֿונם פֿערד־געיעג־ספּאָרט, — ווי... אין דער אַלגעמיינער אָפּשאַפֿונג פֿון דער פּראָסטיטוציע". שוין דאָס אַליין, וואָס אַ ספּאָרט קאָן זיין ביי אים וויכטיקער נישט נאָר פֿאַר לאָיד דזשאָרזשס רעדעס, נאָר אויך פֿאַר אָפּשאַפֿן די פּראָסטיטוציע, — איז גענוג צו געבן אַ פֿאָרשטעלונג ווי עס מוז זיך אָפּשפּיגלען אין אַזאַ סנאָביש־פֿאַרקרימטן שפּיגל די רוסישע ווירקלעכקייט. אָבער אָ׳פֿלאַהערטי דעקט נאָך בולטער אָפּ זיין אויסגעהוילטע נשמה. פֿאַר אים איז דער טיפֿסטער גרונט פֿון דער גלייכמאַכעריי (סאָציאַליזם איז ביי אים „גלייכמאַכעריי") קנאה, און נישט דאָס געפֿיל פֿון עלעמענטאַרער גערעכטיקייט און לאָגיק. צום עכטן

סנאבישן ציניזם דערגרייכט א׳פלאהערטי אין זיין פאטאסדיקן אויס־רוף: „איך שטעמפל אלס פערוועזן אויסוואורף יעדן מענטש, וועמען עס בייסט צו פארענדערן די וועלט און די זיטן פון דער מענטשהייט״.

ווי פערווערז עס דארף זיין א מענטש, וואס קאן זיך דער־לויבן אזא „געדאנק״.

באוואפנט מיט אזא פילאזאפיע, וואלטן מיר זיך געקאנט ריכטן, אז א׳פלאהערטי וועט געבן אן אויסגעשפראכן רעאקציא־נער, שווארצמאהדיק בוך, אבער די אויבנגעבראכטע ציטאטן זענען נישט קיין פעסטע איינשטעלונג, זיי זענען בלויז א מיאוסע קאנ־ווואולסיע פון א סנאב, פון א גערייצטן געפיל־מענטש, און דערי־בער איז דאס בוך נישט איינהייטלעך: דא איז עס אנטי־באלשע־וויסטיש ביז שווארצמאהדיקייט, דא איז עס כמעט פרא־באלשע־וויסטיש; דא איז דאס בוך סנאביש, דא טיף, עכט טיף. דא איז עכ דאס אינטערעסאנטסטע קאנטראסטארטיק געשריבענע בוך וועגן רוסלאנד, דערביי סערווירט אין דער סטיליסטישער פראכט פון א גרויסן שריפטשטעלער. דאס גיט צו דעם בוך א באזונדער געווירץ. און אין א געוויסן פרט איז עס אויך באלערנדיק, ווייל א׳פלא־הערטי איז בלויז א מוסטער פון אן גאנץ גרויסער שיכט אינטע־לעקטועלע, וואס צאפלט זיך אויף דער גרענעץ צווישן רעכטס און לינקס אין זייער סנאבישער אמביציע איבערצוקליגלען די געשיכ־טע און פארבלייבן ביי זייער אומאפהענגיקער שיינגייסטיקייט פון די „גוטע״ אלטע צייטן פון דער אייראפעישער סטאביליקייט.

* *
*

דער סנאב וואלט נישט געווען קיין סנאב, ווען ער זאל נישט שטארק האלטן פון זיך. דעריבער דארף א׳פלאהערטי קיין סך נישט האבן אויף צו אורטיילן וועגן רוסלאנד. גענוג פאר אים איין־צוויי שטעט. נאכמער: ס׳איז גענוג פאר אים די סאוויעטישע שיף, אויף וועלכער ער מאכט די רייזע. דידאזיקע שיף מיט איר

מאַנשאַפט גיט אים די פולסטע געלעגנהייט צו אַנאַליזירן דעם נייעם רוסישן מענטש און דעם גאַנצן נייעם רוסישן לעבנס־שטייגער.

אָ׳פלאַהערטי באַשרייבט נישט קיין סך זאַכן, ער באַמיט זיך נישט צו זען וואָס מער, ער באַמיט זיך דאָס ווינציק־געזעענע טיף דורכצודרינגען און אַרויסציִען דערפון דעם עקסטראַקט פון אַלע דערקענטענישן: פון פילאָזאָפישער, סאָציאָלאָגישער, עסטעטישער, מעטאַפיזישער און — וואָס דען נישט? דערדאָזיקער מעטאָד האָט אויך צוגעהאָלפן שאַפן דעם קאָנטראַסטאַרטיקן כאַראַקטער פון בוך. עס איז אַ געמיש פון טיפע, קינסטלעריש־געפּאָרעמטע דערקענטע־נישן און פון אַ שיין־סטיליסטישער פלוידעריי, פונם פינגער אויס־געזויגענער פילאָזאָפיע.

אָ׳פלאַהערטי, למשל, באַשרייבט די מאַנשאַפט פון דער שיף. איינע אַ קעלנערקע, דוניאַ, ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פונם געפילס־מענטש, און זיין קינסטלערישער טאַלענט באַקומט אַ געוואַלטיקן שטויס צו קומען אין באַוועגונג. דוניאַ וואַקסט אויס אונטער זיין פעדער צום געזונטן טיפּ פון דער רוסישער ערד־פאַר־בונדענער פרוי, אין קעגנזאַץ צום היסטערישן פיבער פון איבער־אַנדערשעריי, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס סאָוויעטן־לאַנד. די באַ־שרייבונג פון דוניאַן איז קינסטלערישער שעדעווער, אָבער אָ׳פלאַ־הערטיס העכסטער לויב פאַר דערדאָזיקער מוסטער־פרוי באַשטייט אין דעם, וואָס די גרויסע ענדערונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן לחלוטין נישט געענדערט איר גרונט־איינשטעלונג צום לעבן: „זי איז צופרידן צו זיין זי גופא״. אָ׳פלאַהערטי, ווי מיר זען, וואַרפט איר אונטער זיין אייגענע פילאָזאָפיע: יעדער דאַרף זיין צופרידן מיט דעם, וואָס ער איז. ער, אָ׳פלאַהערטי, האָט דאָך אַזוי פיינט די גלייכמאַכעריי, דאָס וועלן ענדערן די לאַגע פון דער געזעל־שאַפט און במילא די אייגענע אויך. מיר ווייסן ווער עס נויטיקט זיך אין דערדאָזיקער פילאָזאָפיע (ווי אויך אינם דינעם שנירעלע אַנטיסעמיטיזם, וואָס שלענגלט זיך אינם ווערק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן).

דעם זעלבן מעטאָד ווי אויף די ענגע גרענעצן פון דער שיף, ווענדט ער אָן אויך אין לעונינגראַד און אויך אין מאָסקווע, וואוהין ער פאָרט צוליב געלט-מאַנגל: די נישט גאָר געניע באַקאַנטשאַפט מיט עטלעכע לענינגראַדער פערזאָנען און מיט עטלעכע לענינגראַדער גאַסן איז פאַרן אינטעלעקטועלן סנאָב פולשטענדיק גענוג.

ווען אויסשיילן פון בוך אַלע אינטערעסאַנטע און ריכטיקע, פּאַראַדאָקסאַלע און ציניש געדאַנקען פּראָ און קאָנטראַ ראַטנפאַרבאַנד, פּראָ און קאָנטראַ אייראָפּע — וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט, ווייל אָ׳פלאַהערטי, ווי געזאָגט, נוצט אויס דעם מינימום באַאָבאַכטונגען פאַר מאַקסימום רעזאָנירונג, וועל איך זיך באַגנוגענען מיט דעם אינטערעסאַנטסטן און וויכטיקסטן. אָ׳פלאַהערטין קאָן מען באַקעמפן און אפילו פאַראַכטן, אָבער גרינגשעצן — נישט.

* *

*

פון די אויבנגעבראַכטע ציטאַטן איז קלאָר, אַז אָ׳פלאַהערטי באַציט זיך מיט פיינטשאַפט אָדער, לכל-הפחות, מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צום באָלשעוויזם. אָבער מיטאַמאָל געפינען מיר ביי אים פאָלגנדע שטעלע: „עס האָט מיך תמיד מאָדנע איבערראַשט, וואָס בערזן-מעקלערס, גלחים, זונות, די נאַקעטסטע פאַראַזיטן-שטאַמען אין אונזער סאָציאַלן אָרגאַניזם, זענען די פאַרביסנסטע פיינט פון באָלשעוויזם און גליענדיקסטע אָנהענגער פון דער קריסטלעכער מאָראַל״. אַזעלכע שטעלן דעקן בולט אָפּ דעם מעכאַניזם פון אָ׳פלאַהערטיס פסיכישע רעאַקציעס: דער צו להכעיס-מאָמענט שפּילט אין אים אַ גרויסע ראָל. דער אַנטי-באָלשעוויזם און דער אַנטי-אייראָפּעיזם זענען ביי אים די צוויי וואָגשאָל-טעלערס, וואָס זינקען און הייבן זיך אין הסכם מיט דער סיבה פון זיין מאָמענטאַלער געררייצטקייט.

אָ׳פלאַהערטי געהערט צו די, וואָס דאָס ביזאַנטיקע איז פאַר זיי אַ געזעץ פאַר דער צוקונפט. אויב ביז איצט איז אומ-

מעגלעך געווען צו באַפרייען אַלעמען פון הונגער, זאָרג, קראַנקהייט, כבוד־גייציקייט און מלחמה, וועט עס אוממעגלעך זיין אויך אין דער צוקונפט. דערביי איז פאַר זיין סנאָבישן פאַרלאַנג צו אַבסאָלוטס נייטיק, אַז אָדער מען זאָל אַלץ באַזייטיקן, אפילו כבוד־גייציקייט און קראַנקהייט, אָדער ס'זאָל בלייבן אויך דער הונגער. אָבער דערביי דערקענט ער אַ גרויסן אמת: באַזייטיקן אַלע מענטשלעכע נויטן איז טאַקע „פונקט אַזוי קינדיש, ווי דער פרווו צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל, פון קריסטנטום. אָבער פונקט אַזוי קלאָר איז מיר געוואָרן, אַז אַלדאָס שיינע, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן אין משך פון איר אַנטוויקלונג, איז אַנטשטאַנען פונם פרווו צו פאַרווירקלעכן ענלעכע אוממעגלעכע אידעאַלן". דאָ דערנענטערט זיך אָ'פלאַהערטי צו אַ גרויסן אמת, וועלכן גוסטאַוו לאַנדויער האָט אַזוי טיף אַנאַליזירט אין זיין „רעוואָלוציע" (די שפּעטערישע כימערע — „וואהן"). אָבער דאָרט, וואו דידאָזיקע דערקענטעניש באַזירט נישט אויף פעסטן סאָציאַל־עטישן פונדאַמענט, איז גרויס דאָס געפאַר פון איר פאַשיסטישער פאַרקריפּלונג. כמעט אַלע אַנאַרכיזירנדיקע סנאָבעס, וואָס פראָנדירן גלייכצייטיק קעגן „גלייכמאַכנדיקן סאָציאַליזם און קעגן פוילנדיקן קאַפּיטאַליזם, פאַלן סוף־כל־סוף אַריין אין די אָרעמס פון פאַשיזם. און צווישן אָ'פלאַהערטיס פראָ־באָלשעוויסטישע און אַנטי־באָלשעוויסטישע און אַנטי־סאָציאַליסטישע וואַקלענישן, דערהערן זיך טאַקע אַמאָל טענער, וועלכע זענען אונז גוט באַקאַנט פון זייער שלעכטע פאַשיסטישע אָפּערעס. דער אַפּאָטעאָז פון די אומדערגרייכבאַרע אידעאַלן איז ביי די אויסגעוואָרצלטע על־פּי־רוב פאַרקרובהט מיט פאַראַכטונג צום פאַרשטאַנד. און אָ'פלאַהערטי מאַכט טאַקע דעמדאָזיקן שריט: „ווער עס טיילט זיך אָפּ פון דער סטאַדע פון זיינע מענטשן־ברידער און באַטראַכט זייער מין אַלס משוגעת, איז משוגענער פאַר זיי". אין פלוג זעט עס אויס ווי אַ קאָלעקטיוויסטישער אידעאַל, אָבער בלויז אין פלוג. דער געזונטער קאָלעקטיוויזם באַזירט אויפן פאַרשטאַנד, בעת אָ'פלאַהערטי עפנט ברייט די טיר צום סטאַדע־מאָמענט פון פאַשיזם. און אויך די פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון זיין דאָזיקער

טעזע ווירקט אומהיימלעך: „יענע, וועלכע שטעלן איין אַ האַרמאָניע צווישן זייער פאַרשטאַנד און זייערע מעשים, פאַרלירן די קראַפט צו שאַפן שיינקייט (! ? — י. ר.). אַלע זאַכן זעען אויס צו זיין זינלאָז, ווען מען באַטראַכט זיי מיטן פאַרשטאַנד. אָבער די יונגע און שטאַרקע זענען גענוג קלוג, כדי צו פאַראַכטן דעם פאַרשטאַנד".

דאָ האָבן מיר דעם פולן צוגרייטונגס־קורס צום פאַשיזם. דער היטלעריזם, זאָגט איר, איז אַן אַבסאָלוטער פּאַטש אין פּנים דעם מענטשן־פאַרשטאַנד (שוין אָפּגערעדט דעם מענטשן־געוויסן)? אָבער אין שיין פון (סנאָבישן) פאַרשטאַנד איז אַלץ זינלאָז. דער עיקר איז דער מוט פון שטאַרקע און יונגע צו פאַראַכטן דעם פאַרשטאַנד און — שאַפן שיינקייט (וואָס איז נאַטירלעך אויך נישט אונטערגעוואָרפן דעם אַנאַליזירנדיקן, אונטערשיידנדיקן און אָפּשאַצנדיקן פאַרשטאַנד).

*   *

*

די אידעע פיקס פון אָ'פלאַהערטיס רייזע־בוך: דער קאָמוניזם איז איינע פון די פאָרמען פון דער דעראָבערונגס־לוסט פון ווילדע פעלקער, וואָס ווילן אויסרויבן פאַרמעגלעכע. די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע איז ביי אים אַן אָרגאַניזיר־פּראָצעס פון די אָרימע פויערים, וועלכע לאָקן צו די אוצרות פון דער זאַטער אייראָפּע. דערדאָזיקער אָרגאַניזירטער פּראָצעס קומט פאָר אונטער דער אידעיִשער מאַסקע פון באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט, צו „פאַרבעסערן איר סאָציאַלע לאַגע", אָבער איר איינציקער ציל איז רויב. אין צענטליקער וואַריאַציעס חזרט זיך איבער דערדאָזיקער „געדאַנק": עס גרייט זיך אַ באַרבאַרן־קרייץ־צוג קעגן דער זאַטער, פאַרעלטערטער אייראָפּע. דער קאָמוניזם איז בלויז די צוגרייטונג פון דאָזיקן קרייץ־צוג. ער ווערט אָרגאַניזירט דורך „כבוד־גייציקייט און קנאה". „די פויערן פון רוסלאַנד וועלן באַלד אויפהערן צו זיין קינדער פון דער ערד": „די גאַנצע מאַסע פון די סאָוויעטבירגער וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן איינציקער מאַשין אויף

צו צעשטערן אַלץ, וואָס עס שטעלט זיך אַנטקעגן דעם קאָמוניזם", ד. ה. דעם רויב-צוג אויף אייראָפּע.

אָבער אין ליטעראַרישע מאָמענטן, ווען אָ׳פלאַהערטי, דער געפילס-מענטש, איז נישט אַזוי שטאַרק גערייצט, פאַרגעסט ער זיין וואולגאַרע קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם און איז פעיִק צו זען, גלייכצייטיק מיט די ווירקלעכע חסרונות: די „קאָמוניסטישע הייליקע" ווערן אויסגענוצט דורך גאַנץ אַנדערע מענטשן, דורך פּאָליטיקאַנער און קאַריעריסטן; די אוניפאָרמירונג פון סאָוויעטישן לעבן ווערט געשאַפן אויפן חשבון פון דער פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, — אויך די מעלות פון נייעם רוסישן לעבנס-שטייגער: דעם גרויסן איבערבוי-פּאַטאָס, וואָס ברויזט נאָך אויך איצט, אפילו אין פאַרסקלעראָזטן פעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אָ׳פלאַהערטי גייט אַרום אויף אַ פרימאָרגן-שפּאַציר איבער מאָסקווע, און ער זעט ווי מען אַרבעט, ווי מען בויט. „וואַנדערנדיק אַזוי דורך די גאַסן, האָב איך זיך געפילט גליקלעך און איך בין געווען באַגייסטערט פון דער אַרבעט, וואָס איך האָב געזען אַרום מיר; כ׳בין געווען צופרידן, וואָס עס איז ענדלעך אונטערגענומען געוואָרן אַ פּרווו אויפצובויען די מאָדערנע געזעלשאַפט אויף אַ שכלדיקן יסוד... דאַקעגן, די אַרבעט אין אונזערע שטעט איז פאַרדאָרבן. קיינער באַגייסטערט זיך נישט מער מיט אַ נייער פאַבריק... ווייל עס זענען שוין דאָ צו פיל און ווייל די פּראָדוצירטע סחורות האָבן מייגסטנס קיין שום סאָציאַלן ווערט. אפילו דאָס זייען תבואה... האָט אויפגעהערט צו האָבן אַ זין, ווייל זיין אוממיטלבאַרע און שיינע באַדייטונג איז פאַרלוירן געגאַנגען צוליב דעם פאַקט, וואָס עס ווערט כמעט תמיד געזייעט פאַר אומבאַקאַנטע מאַגנאַס, וואָס עס ווערט שפּעקולירט דערמיט אויף פרעמדע מערק דורך כיטרע מענטשן, וועמענס געלט-גיריקייט עס איז געוואָרן אַ משוגעת"... „אין מאָסקווע אָבער האָב איך ווידער געפילט דאָס גליק פון מיינע קינדער-טעג, ווען איך פלעג באַטראַכטן די מענטשן ביי דער אַרבעט... איך האָב געפילט, אַז די מענטשן ווייסן פאַרוואָס זיי אַרבעטן, און אַז דער רעזולטאַט פון זייער

אַרבעט גיט עפּעס צו צו זייער וואויל און צום שטאָלץ פון זייער לעבן".

אָבער קומענדיק פונם שפּאַציר צוריק אין האָטעל אַריין, פאַרשווינדט תּיכּף זיין „באַגייסטערונג און גליק", ווייל דאָס פרישטיק איז שלעכט און די וואַנע איז נאָך ערגער.

* * *

דערמיט זענען מיר אָנגעקומען צו אַ קנאָטן-פּונקט פון אָ'פלאַהערטיס טאַלענטירט-סנאָבישן בוך: צו זיין ציניזם. (זיין ציניזם איז אויך קאָנטראַסטפול ווי זיין סנאָביזם: דאָ איז ער ביליק — די ווערט פון אַ פרישטיק און אַ וואַנע — און דאָ איז ער אַ רעזולטאַט פון אַ טראַגעדיע: אָ'פלאַהערטי זעט ווי מענטשן גלייבן, שטרעבן, רייסן זיך צו אַן אידעאַל — און ער קאָן נישט פליען מיט זיינע אויסגעצופּטע פליגל).

אין מאָסקווע, אין קלוב פון רעוואָלוציאָנערע שרייבער, גיט ער אָפּ אַ רעוואָלוציאָנערע שריפטלעכע דערקלערונג. דערביי גיט ער ציניש אָן די סיבה פון זיין טאַט: ער האָט פאַרמאָגט אַכט רובל אין קעשענע, האָט ער געמוזט באַקומען אַן אַוואַנס אויף איבערזעצונגען פון זיינע ביכער און די דערקלערונג איז געווען דאָס איינציקע מיטל צום דאָזיקן נאָבלען ציל.

אָ'פלאַהערטי רעדט מיט אַ באָלשעוויסטישן שרייבער: „זיין באַגייסטערונג פאַרן לעבן, זיין האָפענונג אויף דער צוקונפט, זיין פעסטער גלויבן אין קאָמוניסטישן גאָט... האָבן מיר געגעבן אַ נייעם אָנשפּאַר אין דער ווירקלעכקייט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלאָסן טרוים דורך דער פוסטקייט פון אַ ליטעראַריש לעבן אין אייראָפּע (וואו גאָט איז טויט). אָבער ער האָט מיך געלאַנגווייליקט ביז טרערן". און אַזוי כּסדר: דאָ פרום און דאָ ציניש. דאָ דערקענענדיק, אָנטאַפּנדיק דעם אמת, דאָ פּרעפּלענדיק ווי אַן עסטעטישער וויסגוואַרדייער. דאָ איז ביי אים קאָמוניזם אַ רעליגיע, די איינציקע רעליגיע אין אייראָפּע, און דאָ איז קאָמוניזם בלויז

דעראָבערונגס־לוסט אין פשוטן רויב־גיריקן זין פון וואָרט ; דאָ גע־פעלט אים אין נייעם רוסלאַנד דער גלויבן, די פרישקייט פון די „קאָמוניסטישע הייליקע" און דאָ דערשרעקט אים דער גורל פון דער פאַרשלונגענער אינדיווידואַליטעט (אין עגאָיסטישן זינען פון וואָרט, נישט די גייסטיקע, עטישע אינדיווידואַליטעט, וואָס איר פאַרשווינדן דאַרף פאַרדריסן אין אַ פּרווו צו סאָציאַליזירן דאָס לעבן), דאָס שלעכטע מאַטעריעלע לעבן, דאָס פעלן פון באַהעמע־פרייהייט.

* * *

דער אידעאָלאָגישער פיבער פון בוך (לאָזנדיק אין אַ זייט זיין צינישן וועיט־טאַנץ) באַקומט אַ קאָנצענטרירטן אויסדרוק צום סוף פון דאָזיקן מערקווירדיקן ווערק (לויט זיין סאַרקאַזם, לויט זיין הויכער אינטעליגענץ, לויט זיין טאַלענטירטקייט, און אפילו לויט זיין מעפיסטאָפעלישן ציניזם).

אָ׳פלאַהערטי פירט אַ געשפּרעך מיט אַן ענגלישן קאָרעספּאָנ־דענט אין ראַטנפאַרבאַנד וועגן דאָזיקן געהיימנישפולן לאַנד, אָבער אינמיטן שמועס נעמט מען רעדן וועגן פערד־געיעגן אין פראַנק־רייך און — אָ׳פלאַהערטי ווערט אַ לעבעדיקער : „מיר האָבן פאַר־געסן דעם באָלשעוויזם, רוסלאַנד און דעם פּרווו צו פאַרבעסערן די וועלט דורך אַ נייער רעליגיע, און מיר האָבן זיך פאַרטיפט אין אַ לאַנגן, באַגייסטערטן שמועס איבער פערד־געיעגן, און צום ערשטן מאָל זענען מיר באמת געווען פול מיט אינטערעס". און פאַרלאָזנ־דיק דעם קאָרעספּאָנדענטס הויז איז ער „געווען פעסט איבער־צייגט, אַז רעליגיע, צי דאָס איז באָלשעוויזם, צי קריסטנטום... איז די אומוויכטיקסטע זאַך אין לעבן פון נאַרמאַלן מענטש. איך האָב באַשלאָסן תיכף צוריקצוקערן זיך קיין מערב־אייראָפּע, וואו דאָס לעבן איז אַזוי אָנגענעם (פאַר וועמען ? — י. ר.), ווייל גאָט איז טויט". אָבער ווי נאָר ער קומט אויף דער גרענעץ, הייבט אים אָן פעלן ראַטנפאַרבאַנדס איינפאַכע אָרימקייט, די התמדה, דער ערנסט,

די געשפּאַנטע, כּמעט ווי באַזעסענע וויטאַלישקייט פון יענע פאַנאַטיקער, וועלכע פּרוון דאָרט אויפבויען אַ נייע וועלט. „מיין ערגער איבער זייער פאַנאַטיזם איז פאַרשוואונדן, ווען איך האָב דערזען פאַר זיך די צביעות, די נאַרישקייט און גרויזאַמקייט פון אייראָפּע (וואו דאָס לעבן איז אַזוי אָנגענעם ?! — י. ר.). וואָס מער איך האָב זיך דערווייטערט פון ראַטנרוסלאַנד, איז געוואַקסן מיין באַוואונדערונג פאַר די באָלשעוויקעס. פונדעסטוועגן האָב איך נישט געפילט קיין וואונטש זיך אומצוקערן. איך בין אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד פרייליך און אומפאַרשעמט פאַר מיין פּחדנות, ווי אַ צווייטער האָראַציוס".

און גלייך גיט אָ'פלאַהערטי אָן די סיבה פון זיין נישט וועלן אומקערן זיך. קומענדיק קיין בערלין און פאַריז, דידאָזיקע „אומפאַרשעמטע באָרדעלן", כאַפּט אים אַרום אַ שרעקלעכע מעלאַנכאָליע: „איך האָב זיך געפילט פולשטענדיק פאַרלוירן, אַרויסגעשטויסן פון ביידע לאַגערן. צו אַלט, און צו דעגענערירט כּדי אָנצונעמען די באָלשעוויסטישע רעליגיע, צו אינטעליגענט, כּדי צו פאַרערן דו חורבה פון דעם, וואָס איז אַמאָל געווען די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע".

אין דאָזיקן צושטאַנד, ווען דער ציניזם שוויגט אַ ווייל פאַר דער אויפריכטיקער ווייטיק, בלייבט פאַרן געניסערישן באָהעמעמענטש איין טרייסט (און אַ טרייסט מוז ער האָבן, כּדי עס זאָל אים זיין אָנגענעם און קאָמפאָרטאַבל אפילו אין דער אייראָפּעישער חורבה): זיין מעלאַנכאָליע ווערט פאַרטרונקען אין געפיל פון „הבל־הבלימדיקייט פון אַלע מענטשלעכע באַמיִונגען". ער זעט, ווי לאַנדאָן, דערדאָזיקער העכסטער שטאַפּל פון אַן אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג, האָט איז גרעסער פאַר דער רוימישער, שטייט און פוילט אין זיינע זאַפטן, און אָ'פלאַהערטי טרייסט זיך: „אַלץ האָט אַ סוף. אַזוי וועט אויך דער לעניניזם אַ סוף נעמען און מאַכן אָרט פאַר אַ נייער באַוועגונג".

מיט איין וואָרט: צוואָס זיך וואַשן, אויב מען ווערט נאָכאַמאָל ברודיק? אַן אינטעליגענטער, גרויסער שרייבער גיט זיך אַן עצה, אַבי צו פֿילן זיך גוט.

וואָלט דאָס בוך געווען בלויז אַן אינדיווידועלער מענטשלעכער דאָקומענט, וואָלט עס אויך געווען גענוג אינטערעסאַנט, צוליב זיינע קינסטלערישע און גייסטרייכע וואַלאָרן. אָבער דאָס בוך איז מער ווי אַן אינדיווידועלער מענטשלעכער דאָקומענט: אָ׳פֿלאַהערטי האָט דאָ געגעבן אַ העכסט־קינסטלערישן פּראָטאָקאָל־באַריכט פֿון אַ גרויסער טייל פֿון אייראָפּעיִשן שרייבער־כּלל, וואָס איז צו דעגענערירט פֿאַר עפּעס נייעס און צו אינטעליגענט פֿאַר ערלעך מיטלעבן מיטן אַלטן, און דעריבער פֿאַרטרינקט זי אַלץ אין באַקוועמען ציניזם און לעבט אָנגענעם מיטן הבל־הבלים־פּסוק אין צינישער באַקוועמלעכקייט. און אַלס ערשטקלאַסיקער דאָקומענט (סיי לויט זיין אויטענטישקייט, סיי לויט זיין בולטקייט) פֿאַרדינט עס אוודאי און אוודאי די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט.

סוף

אינהאלט:

זייט

ערנסט טאָלער

זיין לעבן און שאַפן 5

אַלעקסאַנדער בלאָק

דער דיכטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע . . . 16

סערגעי יעסענין 29

אַנטואַן דע-סענט עקזיפּערי

נאַמענלאָזער, שעפערישער הערואיזם. . . . 38

ד. ברונגראַבער

„קאַרל און דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט" . . 43

ד. ה. לאָורענס

אַפּאָטעאָז פון דעם געשלעכטלעכן 49

דווינגער

מלחמה-ליטעראַטור און רעוואָלוציע-ליטעראַטור . . 57

מ. שאָלאָכאָוו

„צעאַקערט ניילאַנד". 63

אַנדרעי מאַלראָ

די טראַגעדיע פון דער כינעזישער רעוואָלוציע . . 68

איליאַ ערענבורג

„דער צווייטער טאָג פון מעשה-בראשית" . . . 73

פּאַנאַיט איסטראַטי רעוואָלטירט 82

דער טאָפּלטער טויט פון פּאַנאַיט איסטראַטי . . 94

זייט

טעאָדאָר פּליוויע
דעם קייסערס קוליס 110
טאָלסטאָי דער מענטש 118
יאָזעף ראָט און ברונאָ טראַווען
ליטעראַטור אוןווירקלעכקייט 123
ראָמען ראָלאַנס פּראָלאָג און עפּילאָג
צו זיין דראַמאַטישער עפּאָפּעע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע 129
אַנאַרכיזירנדיקער סנאָביזם
ליאַם אָ'פלאַהערטיס בוך „איך פאַר קיין רוסלאַנד" . 144

דער לייענער ווערט געבעטן צו פאַריכטן פאַרן לייענען פאָלגנדע דרוק־גרייזן:

זייט	שורה פון הויבן	שטייט	דאַרף זיין
12	5	געשלאָגן	געשלאָגן אין קריג
20	22	אַז עס	אַז עס איז
21	12	זעלבסטאָפּערונג	זעלבסטאָפּזאָגונג
34	11	סביבה	סיבה
42	10	ווערט	ווערק
56	4	דראַמאַטישסטע	דראַסטישסטע
59	19	לויפט	קומט
79	11	און סאַפּראַנאָוו	און ווען סאַפּראַנאָוו
79	17	קוואַל	אין־סוף
80	22	דעמאַגאָגיש	דעמאָניש
96	14	וואָס ?	וואָסי ?
98	19	גורם	גורס
127	13	מעקסיקאַנער	אינדיאַנער
130	15	הויך	הויף
135	6	סצענע.	סצענע. ער קומט פון אַ שפּאַציר מיטן גראַפס קינד.
136	14	מיט	מיט די

דער צווייטער באַנד

פון

„אויף די וועגן
פון דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַטור"

וועט אַנטהאַלטן צווישן אנדערע
פאָלגנדע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען:

ראמען ראלאַן —
דער מענטש, דער קינסטלער, דער דענקער;

עמיל ווערהארן —
דער פאָרלויפער פון דער מאָדערנער ריכטונג;

דער קינסטלער אַלס טראַגישע פערזענלעכקייט
(פראַנץ ווערפעלס דיכטונג);

אַ ריי עסייען און אָפּהאַנדלונגען אונטערן אַלגעמיינעם
טיטל „אין קאַמף פאַר פאָרם און אינהאַלט";

מאַריא שקאפּסקאַיא (פרויען-שאַפונג);

די קונסט אויף די פאָדערשטע פאָזיציעס
(פראַנס מאַסערעל; קעטע קאָלוויץ).

עס ווערט אויך געגרייט אַ באַנד אַרטיקלען
וועגן יידישע שרייבער